STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01181

MAYNE BAGEGENISHN

A. Mukdoni

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Albert & Elaine Miller
in honor of
their children & grandchildren: Dina, Jeffrey, Sharon, Neil, Michele, Morgan, Jarec

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר א. מוקדוני

מיינע באגעגענישן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

50

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף בוך

ד״ר א. מוקדוני

מײַנע באַגעגענישן

יידישע געשטאַלטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מײַן לעבן

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1949

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Dr. A. Mukdoni, New York

Dr. A. MUKDONI

MAINE BAGEGENISHN

(MIS ENCUENTROS)

Buenos Aires, 1949

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

אינהאַלט

קאַפּ. — זייט

קאַפּ.		זייט
	אַריינפיר	9
1	קינדהייט	11
2	זאָרג	21
3	מיין רבי משה בצלאל	32
4	יעקב־משה דער חסיד	43
5	ישעיה דער חסיד	50
6	אייזיק דער שרייבער	56
7	עליע באָנדע	65
8	עלויים	74
9	משה־מרדכי דער מלמד	84
10	די אַלטע שול	93
11	שפּרהטשקע	103
12	דער משומד	112
13	חיים־עזריאלקע	122
14	נישע דער קלעזמער	133
15	טעאַטער	143
16	דלות האָט זיך געוויצלט און געלצעוועט	154
17	ישיבות	165
18	מחברים	176
19	חזנים	189

20 מגידים — — — — — — — — — — — — — — 202
21 פון גמרא צום ביכל — — — — — — — — — — — — — — 214
22 א וועג־ווייזער אויף א ווייל — — — — — — — — — 223
23 פינסק — — — — — — — — — — — — — — 233
24 די לוריעס אין פינסק — — — — — — — — — — 243
25 די ווייצמאַנס — — — — — — — — — — — — — — 255
26 אין א סיבירער הויז — — — — — — — — — — — — 267
27 יידישע מאַגנאַטן — — — — — — — — — — — 277
28 דאָס אייניקל פון דעם מאַגנאַט — — — — — — — — 287
ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — — 298
פרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — 300

מ״ן פרוי

***

עס איז אַ בוך זכרונות.

אָבער נישט דורכאויס פּערזענלעכע זכרונות, דאָס זענען זכרונות פון אַ וועלט, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן און געלעבט.

ווען מיר רעדן וועגן דער וועלט, מיינען מיר די מענטשן, זיי זענען די געשטאַלטער, די שעפער פון דער וועלט; פאַרנעמען מענטשן דאָס הויפּט־אָרט אין מיינע זכרונות.

אָבער נישט סתם מענטשן פאַרנעמען אַן אָרט אין מיינע זכרונות, נאָר מענטשן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט; דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט איר געשטאַלט און זייער חותם.

און אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן זענען זיי דאָ, די דאָזיקע געשטאַלטערס פון דער וועלט, אָדער פון דעם לעבן אַרום זיי, זיי זענען געווען אין די קליינע שטעטלעך, אין די יידישע קליי־נע שטעלעך.

עס זענען געווען אין די שטעטלעך שטילע פילאָזאָפן, קינסט־לער, טרוימער, רעוואָלוציאָנערן, גרויסע טעמפּעראַמענטן און שטילינקע צדיקים.

די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט, דאָס הייסט, מענטשן שטייען נישט אויף איין אָרט, זיי ענדערן זיך און זיי ענדערן די וועלט.

גיב איך דאָ די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער יידישער וועלט, אין דער וועלט, וואָס איך האָב געלעבט.

עס איז דאָ אויך דאָ און דאָרט מיין אויטאָביאָגראַפיע, אָבער

בלויז אויף וויפל איך האָב דורכגעמאַכט די ענדערונגען און אויף וויפל איך בין געווען א מיטבאַטייליקטער אין די ענדערונגען.

איך האָב ביי דער אַרבעט אויסגעפונען, אַז די פאָרם פון געבן בילדער פון מענטשן, וואָס זענען טיפּיש פאַר דער צייט און פאַר דער סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, איז די בעסטע.

דאָס בוך איז בלויז דער ערשטער באַנד, נאָך אים וועלן קו־מען אַנדערע בענדער.

דאָס בוך נעמט אַרום מיין שטעטל און עטלעכע שטעט אין שכנות פון מיין שטעטל.

1.

קינדהייט

אַלט, פאַרזאָרגט, צעהויקערט און קליין איז מיין שטעטל.

דאָס שטעטל מיינס ברענט אָפט. עס בויען זיך נייע הייזער, אָבער די נייע הייזער ווערן באַלד אַלט, עפּעס איז זייער נייקייט אַלט. דאָס הויז איז ניי — פון געהילץ, שמעקט מיט פּעך, מיט פרישן ליים און מאָך, אָבער די הייזלעך זענען אַלטיטשקע, פאַרכמורעטע און מרה־שחורהדיקע.

און אַזוי זענען די מענטשן: אַלע אַלטע, די מענער אַלע בערדיקע, די ווייבער אַלע צעקנייטשטע.

אין זכרון איז ביי מיר נישט געבליבן די געשטאַלט פון יונגע מענטשן. די יוגנט איז אַזוי קורץ, עפּעס רגעדיק אין מיין שטעטל. אָט איז איי־נער אַ בחור, האָט ער באַלד חתונה, ער ווערט באַוואָקסן מיט אַ באָרד, ער ווערט געבויגן פון שווערע זאָרגן, די בחורשע בגדים ווערן אויף אים לאַנג און ברייט און ער ווערט אַ זקן.

אָט גלאַנצן אַ פּאָר יונגע, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן פון אַ מיידל, אָט רויטלען זיך געזונט די באַקן, אָט וויגן זיך אַ פּאָר לאַנגע, שווערע צעפּ, אָט לאַכט עס הילכיק. דער געלעכטער צערודערט די שטילקייט און די מרה־שחורה, און באַלד פירט מען עס צו דער חופּה און אין אַ יאָר ארום זענען די אויגן אויסגעלאָשן, די צעפּ פאַרשוווּנדן אונטער אַ טיכל, די באַקן איינגעשרומפּט און עס טראָגט אויף די הענט אַ וויינענדיק קינד.

און שטיל, אונטערטעניק, פאַרזאָרגט און צעבראָכן איז דאָס יונגע ווייבל, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט געפילט דעם טעם פון יוגנט.

פופצן־יעריקע זקנימלעך שאָקלען זיך איבער די גמראות, אָדער העלפן די טאַטעס אין זייער ארבעט, אין זייערע קראָמען, אין זייער שווערן, אָרימען האַנדל אָדער אין זייער מלאכה.

אַ שטעטל פון זקנים. אַ שטעטל פון אַלטע הייזער, פון אַן אַלטע שול, פון חושכדיקע בתי־מדרשים, פון אַן אַלטן בית־עולם מיט אָפּגע־ריבענע מצבות.

צו 40־45 יאָר ווערט מען שוין זיידעס און באָבעס.

מיין בעסטער חבר אין מיינע יינגלשע יאָרן, עליע יאָשע, אַ רו־איקער, אַן ערנסטער און אַ זייער פּעאיקער, האָט נעבעך געהאַט אַ מוטער אַן אַלמנה, וואָס האָט אים ממש טעראָריזירט מיט איר ליבע און געטרייהייט.

זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט פון זיך ממש אויף אַ רגע. זי האָט קאָנטראָלירט זיין לעבן ביז דאָס סאַמע אינטימסטע. האָט ער, פאַר־שטייט זיך, ערגעץ נישט געקענט פאָרן, ער האָט אויך אין שטעטל נישט געקענט לערנען עפּעס אַנדערש אויסער תלמוד.

איז ער געבליבן אין שטעטל אונטער דער פיר־און־צוואַנציק שעה־דיקער אין מעת־לעת ליבע און השגחה פון זיין פינצטערער מוטער.

ער פלעגט אַמאָל פּרובירן צו ווערן זיך קעגן זיין מאַמע־אַנשיקעניש, אָבער אָן דערפאָלג; זי פלעגט אָנהייבן קלאַפּן איר קאָפּ אין דער וואַנט מיט אַזאַ פּוריע, אַז ער פלעגט זיך דערשרעקן אויף טויט און פלעגט נאָכגעבן.

אונטער דעם טעראָר פון זיין מוטערס משוגענער ליבע איז ער פונדעסטוועגן אויסגעוואַקסן ממש אַ זיידן יינגל און דערנאָך אַ זיידן בחורל.

ער איז געזעסן און געלערנט, אָבער שטיל, סאָליד. ער האָט געהאַט אַ זייער גוטן קאָפּ. אָבער ער האָט נישט געפּראַוועט קיין עלוּיִישע שטיק. ער האָט געקענט לערנען, אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגעשטעלט „נאַ פּאָקאַז״.

עס איז געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי עס קען זיך אויסהאַדעווען אַזאַ פֿיין ייִנגל און שפּעטער בחורל אונטער דעם טעראָר פֿון זיין מוטער.

ער איז געווען שיין און יוגנטלעך. די מאַמע פֿלעגט טון און אים קעכלען. זי האָט אים אַפֿילו נישט געלאָזט פֿאַסטן יום־כּפּור. זי פֿלעגט אַרויסבאַקומען פֿון רב פֿאַר אים אַ היתּר צו פֿאַסטן בלויז אַ האַלבן טאָג.

ער איז געווען יוגנטלעך און שיין.

אַ שיין ייִנגל און אַ שיין בחורל.

בין איך אַוועקגעפֿאָרן פֿון שטעטל אויף עטלעכע יאָר, דערנאָך אינגאַנצן אַוועק פֿון שטעטל און געקומען צו גאַסט ווי אַ יונגער, לעבע־דיקער סטודענט.

קומט אַריין צו אונדז אין הויז אַ ייִד מיט אַ געדיכטער באָרד, אַ ייִד אַ פֿאַרשטויבטער און אַן אויסגעשמירטער עפּעס אין סמאָלע און אין אַנדערע פֿעטע זאַכן. הינטער אים שטייט אַ פֿרוי, וואָס איז עפּעס אַמאָל געווען שיין, און דריי קינדערלעך, פֿאַרשמירטע און צעשראָקענע.

— שלום עליכם, סענדער, וואָס מאַכסטו?

איך קוק אויף דעם ייִד מיט דער געדיכטער באָרד, און עפּעס איז ער מיר באַקאַנט. איך כאַפּ זיך — דאָס איז דאָך עליע יאָשע, מיין בעס־טער און שענסטער פֿריינט אין די ייִנגלשע יאָרן.

איך האָב זיך ממש דערשראָקן.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטון, ווען ער איז אַרויס פֿון אונ־דזער הויז, איז אַ קוק טון אין אַ שפּיגל. איך בין געווען זיכער, אַז איך בין שוין אויך אַן אַלטער ייִד. איך בין דאָך מיט מיין חבר פֿון איין עלטער...

אָבער אין שפּיגל האָב איך דערזען אַ יונגן מענטש מיט אַ יונגער טשופּרינע האָר און קויל־שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן.

און איך האָב זיך באַרויִקט.

איך האָב געזען באַשיינפּערלעך ווי פֿרי מען ווערט אַלט אין מיין שטעטל.

בלויז שבת און יום־טוב פֿלעגט מיין שטעטל ווערן ייִנגער, דער־הויפּט די פֿרויען, אויסגעוואַשענע, צוגעקעמטע און אויסגעפּוצטע אין

שבתדיקע און יום־טובדיקע קליידער פלעגט זייער יוגנט אַרוים פון איר באהעלטעניש.

די זאָרג האָט זיך אָראָפּגעגליטשט פון די פּנימער, די שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שמייכלען און דער גאַנצער גאַנג איז געוואָרן שענער און אַפילו קאָקעטיש...

די מאַנסבילן זענען געווען שבת און יום־טוב אויך אַלטע, בערדיקע יידן, אָבער ריינע, און אין ריינע מלבושים זענען זיי אויף אַ העלפט יינגער געוואָרן.

***

אַלע מינים מענטשן האָט דאָס שטעטל: פאַראַן פערד־גנבים, קעשענע־גנבים, בויאַנעס־קצבים, שטיל לאַכנדיקע דאַמסקע שניידערלעך, האַרטע, בייזע יידן־סוחרימלעך, דערשלאָגענע מלמדים, עזות־פּנימדיקע שוסטערלעך, פאַרפערדעוועטע בעלי־עגלות, אַ פּאָר ברייט־ביינערדיקע און בייכיקע גבירימלעך, לומדים מיט גרויסע שטערנס, עטלעכע נאַאיווע אומגליקלעכע משכילימלעך א. א. וו.

מען יחוסט זיך גוואַלדיק אין דעם דאָזיקן געדיכטן דלות. אַ פעסטע און שטרענגע גרופּן־טיילונג איז איינגעשטעלט. איין גרופּע איז זיך נישט משדך מיט דער אַנדערער. טרעפן „אומגליקן", איינער פון דער פּסולת־דיקער גרופּע רייסט זיך אַריין אין דער סולתדיקער, איז עס אַן אומגליק אויף דור־דורות.

אָבער שבת גייען אַלע אין שול, דאַוונען צוזאַמען. אַלע זענען צוזאַמענגעבונדן, צונויפגעקניפּלט. מען קען איינע די אַנדערע אויסגעבונדן. מען איז צונויפגעוועבט און צונויפגעוואַקסן.

ווי אַ פּאַס פון באַזונדערע קליעפּקעס האַלטן זיי פעסט צוזאַמען די אייזערנע רייפן; זיי אַלעמען האַלטן צוזאַמען די אייזערנע רייפן פון גלויבן, פון שטייגער. זיי האַלטן צוזאַמען דעם פערד־גנב מיטן למדן, דעם בעל־עגלה מיטן גביר, דעם דאַמסקען שניידערל מיטן חסיד און דעם קצב מיטן דיין.

קיינער קען זיך נישט באַפרייען פון די אייזערנע רייפן.

אַ קינד בין איך געווען, געדענק איך עס ווי דורך אַ נעפּל:
צוויי משפּחות, רייכערע, האָבן געוואַגט צו לעבן עפּעס אַ זייעריק לעבן און זיי זענען ממש אומגעקומען...

ביי איין משפּחה זענען געווען פיר מיידלעך. איז צו זיי געקומען אַ רוסישער לערער, אַ פּרעמדער, אַ ווייטער, וואָס האָט רוסיש גערעדט.

זענען אַלע פיר מיידלעך מעוברת געוואָרן; אַלע האָבן עס געזאָגט מיט זיכערקייט. מען האָט געוווּסט אין וויפלטן חודש יעדע פון זיי איז.

און איינער, אַ קעמל־מאַכער, האָט דעם גביר שבת נאָכן דאַווענען פאַר אַלעמען פאַרגעשלאָגן צו זיין סנדק ביי אַלע פיר זכרים, וואָס זיינע פיר מיידלעך דאַרפן ברענגען אויף דער וועלט.

אין אַ פינצטערער נאַכט זענען די מיידלעך נעלם געוואָרן. אין נאָך אַ פינצטערער נאַכט איז די גאַנצע משפּחה פאַרשווּנדן געוואָרן.

איך האָב שפּעטער זיך אָנגעשטויסן אין דער דאָזיקער משפּחה אין אַן אַנדער, גרעסערער שטאָט, איז די משפּחה געווען פרום, יידיש און די פיר מיידלעך — פיר כשרע יידישע ווייבלעך.

און נאָך אַ משפּחה איז געווען.

דער פאָטער פון דער משפּחה, אַ ייד מיט אַן אימפּאָזאַנטער באָרד, פלעגט ער זיצן אין שטוב אַן אַ היטל. ער האָט אויסגעהאָדעוועט קינדער אין אַ רוסישער פאָלקס־שול אין דער שכנהדיקער שטאָט.

זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. זיי פלעגן אַלע מיטן טאַטן בראש זיצן אויפן גאַניק, רעדן הויך און לאַכן.

און איינמאָל אין אַ פינצטערן פרייטיק־צו־נאַכט זענען אַ פּאָר קצבים און אַ פּאָר ווייסע חברהניקעס צוגעלאָפן צום הויז פון דער לאַכנדיקער משפּחה און האָבן אָנגעהויבן שרייען: יידן, עס ברענט, אַ שרפה!

מען איז זיך צונויפגעלאָפן דערשראָקענע, צעטומלטע:
— וווּ ברענט? וואָס ברענט?
— פּאַפּיראָסן ברענען דאָרט אין שטוב...

און עס איז אַוועק — יעדן פרייטיק־צו־נאַכט האָט עס זיך איבער־געחזרט און די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געמוזט עוקר זיין פון שטעטל, איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי פאַרשווּנדן געוואָרן.

ד״ר א. מוקדוני

***

אָפּן, אָנטבלויזט איז געווען דאָס לעבן פון שטעטל פאַר מיינע קינ־דישע אויגן. פענצטער האָבן קיין פאָרהאַנגען נישט געהאַט און מען האָט געזען ווי יעדער לעבט אין זיינע פיר ווינקעלעך. אָפן איז דאָס האַרץ פון יעדן מיט זיינע חייטיקן און זאָרגן. אָפן איז דער מוח פון יעדן און מען הערט ממש די געדאַנקען, די מחשבות.

עפּעס איז דאָס לעבן אַ קהליש. נישטאָ קיין פאַרבאָרגענע אינטי־מיטעט. נישטאָ קיין באַהאַלטענע פּריוואַטע און אינדיווידועלע טועכצן.

זונטיק אין אַ מאַרק־טאָג פלעג איך, אַ יינגל, זען ווי די קעשענע־גנבים גנבענען אַרוים ביי די פּויערים פון די קעשענעס זייערע אָרימע גראָשנס. איך פלעג זען ווי גויים גנבענען ביים קרעמער עפּעס און באַהאַלטן אונטערן העמד. איך פלעג איבערלעבן די שרעק פון דעם גנב און דעם צער פון פּויער און פון קרעמער. טויט־אַנגסטן פלעגן מיך באַ־פאַלן, ווען דער גנב פלעגט אַראָפּלאָזן די פינגער צום גוי אין קעשענע און מיין האַרץ פלעגט צעבראָכן ווערן, ווען דער גוי פלעגט זיך באַלד כאַפּן צו דער קעשענע און פלעגט זיך צעוויינען, צעשרייען מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג.

איך פלעג זען ווי חתנים און כלות ליבן זיך, איך פלעג זען אַלע אינטימע זייטן פון לעבן.

דאָס לעבן פון איטלעכן איז געווען אָפן פאַר מיר.

מען האָט וועגן אַלץ גערעדט און געשמועסט אָפן, אין בית־המדרש, אויפן מאַרק, אויף די גאַניקעס. אַ פרוי באַליידיקט פון איר מאַן, פלעגט זי אַרויס אין גאַס אויסלאַדן איר ביטער האַרץ, אָדער אין הויז ביי איר פלעגט זי עס טון אַזוי הויך, אַזוי בפני־כל־עם־ועדהדיק, אַז דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט עס הערן.

עס זענען געווען ביי די צוויי עקן פון שטעטל צוויי שיטערע, פלי־כעוואַטע און אומעטיקע וועלדלעך. פלעגן אַהין אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אַ בחור מיט אַ מיידל, פלעגט עס פאַר קיינעם קיין סוד נישט זיין, בפרט פאַר אונדז יינגלעך.

געװען דאָרט בײם שטעטל אַ בלאָטיק טײכל. פלעגן זיך דאָרט באָדן נישט װײט אײנע פון די אַנדערע פרױען און מענער.

װי אין אײן שטוב, װי אונטער אײן דאַך האָבן אַלע געלעבט.

און שפּעטער, װען איך האָב זיך אָנגעהױבן אינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור, איז מיר געװאָרן קלאָר, פאַרװאָס איז די יידישע ליטעראַטור אַ קלײן־שטעטלדיקע און פאַרװאָס שרײבן אונדזערע שרײבער אַזױ גוט פון דעם דאָזיקן לעבן און פאַרװאָס שטאַמלען זײ, װען זײ שרײבן פון דעם גרױס־שטאָטישן לעבן.

דאָס קלײנע שטעטל איז געװען אַ משפּחה און די ליטעראַטור — אַ משפּחה־כראָניק...

אַ משפּחה, װאָס לעבט מיט אַן אײזערנער דיסציפּלין.

דרײ מאָל אין טאָג גײען אַלע דאַװנען, פרײטיק־צו־נאַכט זיצן אַלע בײם טיש, עסן און זינגען זמירות, קײן אײנער פעלט נישט בײם טיש. תשעה־באב זאָגן אַלע קינות און אַלע גײען אױפן בית־עלמין. אַ חתונה בײ אײנעם, זענען אַלע אױף דער חתונה, פון די געבעטענע איז דאָך קײן רײד נישט, די נישט־געבעטענע שטײען און קוקן אַרײן דורך די פענצטער. װען אײנער שטאַרבט, גײען אַלע צו דער לויה. טוט אײנער עפּעס, װאָס דער משפּחה געפעלט נישט, באַרעדן אים אַלע. איז אײנער רײך, צײלן אַלע זײן פאַרמעגן. איז אײנער אָרים, װײסן אַלע פון זײן דלות.

אַמאָל איז אַרײנגעפאַלן אַלס שנור צו אַ משפּחה אַ װײבל פון אַ פּרעמדער גרױסער שטאָט. האָט זי דאָס פענצטער פון איר צימער פאַר־האַנגען מיט פאָרהאַנגען, האָט זיך געהאַלטן גרױס־שטאָטיש. זי האָט געטראָגן רײנע קלײדער, צוגעקעמט שײן די האָר, פלעגט לאַכן הױך און פלעגט מיט איר מאַן גײן שפּאַצירן געאַרעמט. האָט מען זי פײנט געהאַט. מען האָט זי באַרעדט, אַז זי האָט אַ טוץ ממזרים ערגעץ איבערגעלאָזט. דעם מאַן האָט מען אַ נאָמען געגעבן „יעגאָמאָשץ״ (אױף פּױליש עפּעס אַזױנס װאָס באַדײט פּריצל).

זי האָט לאַנג נישט אױסגעהאַלטן: אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זי אױפן קאָפּ אָנגעהױבן טראָגן אַ גרױ טיכל, די קלײדער זענען פאַרשלומ־פּערט געװאָרן און צװײ װײנענדיקע קינדערלעך זענען איר נאָכגעגאַנגען.

און מען האָט זי אַריינגענומען אין משפּחה.

געווען עפּעס אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען עטלעכע יאָר אין אַ גרויסער שטאָט און איז געקומען צוריק — און האָט צו זיך צוגענאָר־יעט אַ הינטל, אַ קודלאַט הינטל מיט רויטע אייגעלעך.

האָבן זיך אַלע געוויצלט בייז און גיפטיק. אַלע, אָנהויבנדיק פון דעם גביר און למדן און ענדיקנדיק מיטן קעשענע־גנבֿ.

און עס איז טאַקע געווען טשעקאַווע. האָט אַ מענטש אַ הינטעלע, איז וואָס? — דאַרף שוין דער מענטש ווערן אַן אַנדערער צוליבן הינטל? — האָט דער מענטש, וואָס האָט געהאַט דאָס הינטל, אויסגעזען אַנדערש ווי אַלע יידן אין שטעטל, ער האָט געשוירן דאָס בערדל, געטראָגן שמאָלע הויזן און אַ רויט שניפּסל.

האָט מען אים פיינט געהאַט און ער האָט געלעבט עפּעס ווי אַ מנודה, ווייט, פרעמד פון אַלעמען. און מעשיות, משונהדיקע און שרעק־לעכע, האָט מען ווענן אים דערציילט און אַלע האָבן געגלויבט. און ווען ער איז פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן פון שטעטל, האָט דאָס שטעטל געוווסט, אַז ער איז עפּעס באַגאַנגען אַ שרעקלעך פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער האָט געדאַרפט גיין אויף קאַטאָרגע און האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע...

נאָר איינעם האָט מען דערלויבט זיין אַן אויסנאַם — דאָס איז געווען דער, וואָס שרייבט רוסישע „פּראָשעניעס". ער האָט געמוזט וווינען ביי אַ גוי, טראָגן פול־רויטע שניפּסלעך, האָבן אַ הינטל און חברן זיך מיטן גלחס זון.

מיט אים פלעגן די באַלעבאַטים רעדן ערנסט, אויסהערן אים מיט דרך־ארץ און האַלטן עצות מיט אים.

ער פלעגט אפּיקורסעווען אָפן און באַלעבאַטים פלעגן אָפּט שאָקלען מיט די קעפּ.

ער פלעגט לערנען מיט רייכע מיידלעך רוסיש, פלעגט אַריינקומען אין די עטלעכע רייך־פרומע הייזער.

נאָר קיין באַלעבאָס האָט אים זיין טאָכטער פאַר קיין פרוי נישט געגעבן, האָט ער לאַנג געלעבט אַ בחור. אפילו אָרימע מיידלעך, שניידער־קעס, נייטאָרינס, האָבן נישט געוואָלט אים פאַר אַ חתן.

און סוף־כל־סוף האָט ער עפּעס געקריגן אַן אָרים מיידל, אויף וועל־כער מען האָט געמורמלט אין שטעטל, און האָט מיט איר חתונה געהאַט.

אַ פּראָסטע און נאַרישע מויד האָט ער גענומען פאַר אַ פרוי און איז זיין גאַנץ לעבן פאַרפינצטערט געוואָרן מיט איר. און סוף־כל־סוף איז ער אונטערגעגאַנגען, שוין האַבנדיק אַ האַלב טוץ קינדער, איז ער אַנטלאָפן ערגעץ און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען.

אַ רעליגיעז־פּעסטן שטייגער האָט מיין שטעטל געהאַט און אַלע, סיי דער קצב, סיי דער למדן, סיי דער פערד־גנב און סיי דער באַלע־באַס זענען געווען געשמידט פון דעם דאָזיקן שטייגער.

⁂

משפחה האָט זיך אַמאָל געקריגט, משפחה האָט זיך אַמאָל געשלאָגן מיט שטעקנס אין בלוט אריין.

דאָס איז געווען מייסטנס נאָך אַ שרפה, ווען מען האָט זיך אָנגע־הויבן אָפּבויען, עפּעס פלעגט בסדר זיין הריגות צוליב „מעזשעס" (גרע־נעץ), פאַר אַ מילימעטער פּלאַץ, פאַר האַקן אַ פענצטער צו אַ צווייטן פּלאַץ, פאַר האַקן אַ טיר פלעגט מען זיך שלאָגן אין בלוט אריין.

בכלל ווען איינער האָט אָנגעהויבן לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ הויז, פלעגן פיר שכנים פון אַלע פיר טיילן אַרוים מיט שטעקנס און נישט לאָזן בויען. ביי אַלע שכנים האָבן די פּנימער געברענט פון רציחה. טאַטעס, מאַמעס און קינדער האָבן געשריגן, געוואַלדעוועט, אַז בלוט וועט זיך גיסן. נאָך די געשלעגן פלעגט מען לויפן צום רב, פון רב צום אוריאַד־ניק, פון אוריאַדניק אין אויעזד. איך ווייס עד־היום נישט, וואָס איז געווען דער מער מיט בויען אין דעם יידישן שטעטל, איך קען ביז היינט נישט פאַרשטיין, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי יידן אַזאַ פינצ־טערע ליבע צום שטיקל ערד און פון וואַנען האָבן יידן געוווּסט אַזוי אויסגעבונדן אַלע געזעצן וועגן ערד־אייגנטום.

מיין מוטער, אַ שטילע, נאַאיווע און גאָטספאָרכטיקע יידענע, האָט איר גאַנץ לעבן געהאַט רוגזהם מיט די אַרומיקע פיר שכנים אירע. ווי איינער פון זיי פלעגט זיך נעמען פאַריכטן זיין הייזל, פלעגט זי אַרוים

מיט טענות און דערביי פלעגט זי ארויסווייזן גוואלדיקע באקאנטשאפט מיט אלע געזעצן און גרויס וויסן וועגן די רעכט פון איר פלאץ; אין א הונדערטל ארשין פון איר פלאץ האט זי קיין טעות נישט געמאכט; זי האט געוווסט, ווער קען האקן צו איר פלאץ א פענצטער און ווי גרויס דארף זיין דאס פענצטער, וויפל דארף זיין די פרייע מחיצה צווישן איר הויז און די שכנימס הייזער, ווער עס האט א דורכגאנג דורך דער דאזי־קער מחיצה און ווער נישט.

אן אלפאבעטין אין רוסיש, האט זי געוווסט אלע פאפירלעך, וואס זי האט געהאט אויף איר פלאץ און וואס עס איז געזאגט אין זיי.

א מוראדיקע ליבע צו אן אייגן שטיקל ערד האט פארמאגט דאס פאלק, וואס איז געטריבן געווארן טויזנטער יארן פון איין לאנד צו דעם אנדערן.

און ביי נאך א געלעגנהייט פלעגט משפחה גיין אויף מעסערס. דאס איז געווען בשעת א פריזיוו, בשעת מען פלעגט נעמען צום סאלדאטן־דינסט יידישע בחורים.

די פריזיוווניקעס האבן געהאט כסדר טענות צו קהל, פלעגן מעכב־הקריאה זיין, מאנען געלט ביי קהל. באווייבטע פלעגן בעטן אויסהאל־טונג פאר זייערע פרויען און דערהויפט פלעגט מען האבן תביעות צו די באלעבאטים, וועמענס קינדער האבן געהאט ליגאטעס, דאס הייסט, אדער איין־איינציקע קינדער, אדער ערשטע קינדער, אדער וועלכע האבן געהאט א מום.

די דאזיקע קינדער פלעגן זיך מוזן באהאלטן ערגעץ. עס איז געווען פאר זיי ממש סכנות נפשות צו באווייזן זיך אין גאס און די עלטערן פלעגן מוזן געבן געלט.

די פריזיוו־צייט איז געווען די צייט פון קריגערייען, פון בלוטיקע שלעגערייען.

און ווען עס פלעגט טרעפן א פריזיוו, צו וועלכן עס האבן זיך בא־דארפט שטעלן קינדער פון המון, קצבים, שוסטער, שניידער, בעלי־עגלות, פערד־הענדלער, פלעגט דאס שטעטל איבערלעבן פאגראם־שרעק.

II.

ז אָ ר ג

שווערע זאָרגן און דריקנדיקע דאגות האָבן געפּייניקט מיין שטעטל.

אפשר א פיר אָדער פינף פאַמיליעס אין דעם גאַנצן שטעטל האָבן קיין זאָרגן נישט געהאַט.

פאַר אַלעמען איז דאָס לעבן געווען אַ שרעקלעכער פּיין, אַ מאַטער־ניש און א מוראדיקער פּלאג; א שטיקל ברויט, אַ שוך, א מלבוש, אביסל האָלץ זענען אָנגעקומען יעדן מיט די גרעסטע ענויים און יסורים.

אָרימקייט, דחקות — גרויע און האָפענונגלאָזע דחקות איז געווען דער גורל פון אַלעמען.

געבויגענע, קרעכצנדיקע און פאַרביטערטע זענען מענטשן אַרומ־געגאַנגען.

פינצטער איז געווען די וואָך.

פּוסט און עלנט דאָס שטעטל; קרעמער זיצן ווי אבלים ביי די ליידיקע קראָמען, בעלי־מלאכות דרייען זיך ארום פאַרצאָרנטע, קינדער־לעך וויינען, טאַטעס־מאַמעס קריגן זיך. פאַרבלאָנדזשעט אַ גוי אין מאַרק אַריין, וואַרפן זיך אַלע אויף אים ארויף, אַלע ווילן אים פאַרנאַרן צו זיך.

אפילו דער אומגליקלעכער אַדוואָקאַטל פון שטעטל פאַדעט אַרום אים און וויל פאַר אים אַ „פּראָשעניע” שרייבן .

זונטיק, אין דעם מאַרק־טאָג, ווערן אַלע אויפגעלעבט. אַלע האָוען, אלע שמאיען — עס שטייט א געפּילדער, א גערודער, אלע מסחרן, אלע קויפן און פאַרקויפן. אפילו די מלמדים כאַפּן זיך ארויס אין מאַרק און

ווערן אריינגעצויגן אין דעם אימפעט פון האנדל. אַלע טוען עפּעס אין דעם טאָג. דער קעשענע־גנבֿ האָט פאַר זיך די קעשענעס, דער מלמד קויפט אַ קליין ווענעלע האָלץ, סתם יידן קויפן ציבעלעס, קאַרטאָפל, אַן עמער, אַ צעבער.

און מען ציילט דאָס געלט מיט שרעק, מיט חשד און מיט דבקות, מען געטרויט זיך אַליין נישט. דער קונה האָט מורא, אַז ער וועט זיך פאַררעכענען, דער פאַרקויפער ציטערט, אַז מען באַשווינדלט אים.

און בעלי־חשבונות זענען אַלע עפּעס קליינע, מען מאַכט כסדר טעותן, מען בראַקירט דאָס געלט: דאָ איז דאָס צענערל אָפּגעריבן, דאָ איז דער צוואַנציקער מיט אַ חשד, מען בייסט אים מיט די ציין, צי ער איז נישט קיין בלייענער.

און דאָס געלט ווערט אַרויסגעוויקלט פון שמאַטעס, פאַרקניפּלטע, פאַרדרייטע און גייען אַריין ווייטער אין קניפּלעך.

די פּויערים האָבן אַלע דערשראָקענע פּנימער, ווען מען הייבט זיי אָן אויסצאָלן דאָס געלט. נעבן זיי שטייען די ווייבער מיט טויט־שרעק און העלפן רעכענען, העלפן זוכן פּגימות אויף דעם געלט...

און נאָך דער קניה שטייען זיי ביידע, אי דער קויפער און אי דער פאַרקויפער צעטומלטע.

עפּעס זענען קיין מקחים נישטאָ. קיינער ווייסט נישט וויפל די סחורה איז באמת ווערט, דער קויפער איז דערשראָקן, טאָמער האָט ער איבערגעצאָלט און דער פאַרקויפער — טאָמער האָט ער עס פאַרביליקט.

שעהען לאַנגע דינגט מען זיך.

דאָס דינגען זיך איז אַ גרויסע אָנשטרענגונג און אַ גוואַלדיקע חכמה; פאַראַן בריהם צו דינגען זיך, פאַראַן חכמים, וואָס אַרבעטן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּויער, דעם פאַרקויפער...

אַ גוי שטייט מיט אַ ווענעלע האָלץ.

גייט צו אַ ייד און הייבט אָן אויסלאַכן דעם וואָגן האָלץ:

— אַ וואָגן וואַסער, וויפל ווילסטו פאַרן וואָגן וואַסער?

— וויפל ווילסטו פאַרן וואָגן שטרוי?

— וויפל ווילסטו פאַרן וואָגן פּוילעניש?

און עס קומען צו יידן און העלפן מבטל זיין דאָס האָלץ. איינער

ווערט אַ גוטער פריינט פון דעם דינגער און רעדט אים אָפּ פריינטלעך און פּאַטערלעך: — דאָס איז דאָך אַ וואָגן יסורים, דאָס לעבן וועסטו זיך פאַרשעלטן מיט דעם האָלץ, עס וועט נישט ברענען, עס וועט בלויז רויכערן, אַ וואָגן טשאַד איז דאָס.

און אַז אַנדערער קוקט ארום דעם וואָגן און געפינט, אַז עס איז אָנגעבלאָזן, צווישן איין שייטל האָלץ און דעם אַנדערן זענען דאָ גרויסע בלויזן, חללס...

און מערסטנס ענדיקט זיך עס מיט אַ ביטערער קריגעריי צווישן דעם גוטן בעל־עצה און דעם דינגער, דער בעל־עצה דינגט אויס דעם וואָגן האָלץ...

און ווייבער קונהטעס זענען נאָך שרעקלעכער, נאָך דערשראָקענער און נאָך צעטומלטער.

פאַראַן גרויסע בריהס, מיט גרויסע מיילער, וואָס פאַרטומלען דעם פּויער, דעם פאַרקויפער.

געווען אין שטעטל איינע אַ שפּרהטשקע, פלעגט זי צוגיין צו אַ גוי, וואָס האָט צו פאַרקויפן אַ הון און פלעגט פרעגן:

— וויפל ווילסטו פאַרן האָן?

ווערט דער גוי נשתומם:

— וואָס פאַר אַ האָן, דאָס איז דאָך אַ הון!

צעלאַכט זיך שפרהטשקע איבערן גאַנצן מאַרק.

און זי האָט שוין אַ חברה, וואָס העלפן איר: איינציקע צוליב שפּאַס און אַנדערע, ווייל שפרהטשקע דאַרף דאָך לעבן, אַן אַלמנה...

מען שלעפּט צו באַקאַנטע פּויערים און זיי חוזקן אויך פון דעם פינצטערן פּויערל, וואָס וויל אַ האָן פאַרקויפן פאַר אַ הון.

בכלל איז קויפן און פאַרקויפן אַ שווערער און אַ פאַרמאַטערנדיקער פּראָצעס. גרויסע ישוב־דעת, שרעק, צער און קלעמענישן באַגלייטן דאָס קלענסטע קניהלע.

דער מאַרק טאָג, אין וועלכן עס ווערט געקויפט און פאַרקויפט, איז פול מיט האַרצרייסנדיקע טראַגעדיעס, אָפט אפילו מיט בלוטיקע שלעגערייען, מיט די ביטערסטע קריגערייען און די שלעכטסטע רייסערייען.

אלע יידן זענען הייזעריק און פארמוטשטעט, צעבראכן און אפּ־געשוואכט ווי נאך א היץ־קראנקהייט.

און די פויערים פארן אוועק בייזע, עפּעס ווי אפּגענארטע, צעשלאָ־גענע, באליידיקטע און שכורע...

וויסטע אָרימקייט האנדלט!

און אויף מאָרגן, מאָנטיק, דאַוונט מען אין די שולן מיט טיפע זיפצן, מיט קרעכצן און מיט געוויין.

אין אלע שולן דאַוונט מען מיט שווערן צער.

קיינער טראַכט זיך נישט אריין אין די ווערטער. זיי איז ביטער און פינצטער, דאס לעבן איז אזוי שווער, דחקות, קראנקהייטן, עגמת־נפשן — ווערט עס ביים דאַוונען אויסגעוויינט.

נאָכן זונטיק־טאָג צעלייגט זיך א דריקנדיקע שטילקייט איבערן שטעטל, מענטשן באַוועגן זיך ווי פליגן ווינטער, אפּאַטיש, יאושדיק און צאָרנדיק.

זאָג איינעם א וואָרט מאָנטיק נאָכן מארק־טאָג, וועט ער אויפ־שפּרינגען ווי אן אונטערגעשאָסענער, און דו וועסט זיך נישט אויסצאָלן.

א האלב שטעטל ווייסט נישט פון וואנען מ׳וועט די וואָך לעבן, ווי וועט מען צאָלן רבי־געלט פאר די קינדער, ווי וועט מען פארן מיידל קויפן א קליידל, זי גייט דאך אָרום אן אָפּגעריסענע, און זי איז א מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים...

און אָט גייט ווינטער.

„ארייננעמען דעם ווינטער אין הויז אריין" איז די גרעסטע פּראָבלעם.

מען דארף ראשית כל האָלץ, פאר קייל־עבדיקע זעקס חדשים האָלץ, מען דארף אָנפילן דעם קעלער מיט בולבעס, מיט בוריקעס, מיט קרויט, מיט ציבעלעס א. א. וו.

ברעכט מען דעם קאָפּ, מען זיפצט און מען איז מרה־שחורהדיק.

ביז עס קומט ווידער זונטיק, ווידער א מארק־טאָג. מ׳קריגט א גמילות חסד, אָדער אויף שינדערישע פּראָצענט עטלעכע רובל, און מען לאָזט זיך ארויס האנדלען, ראשית פארן הויז, דערנאָך אויף מסחר — א

קעלבל, א זעקל תבואה, פלאקס, חזיר־האר, הכלל, אלץ וואס דער גוי ברענגט צו פארקויפן.

און קיין געניטקייט און וויסן וועגן די סחורות זענען נישטא, קויפט מען מיט שרעק, און אפט פאלט מען אריין. דאס שטילע, נארישעוואטע פויערל האט אפגענארט. עס איז נישט קיין סחורה, עס איז עפעס אפ־פאל.

ברעכט די פרוי די הענט און דערציילט יעדן ערשטן, וואס זי באַ־געגנט, וואס פאר א שלימזל איר מאן איז, ער קען דאך א קאץ אן עק נישט פארבינדן.

און דער מאן בלייבט נישט שולדיק קיין רעשט, ער ענטפערט צו־ריק, ווערט א קריגעריי.

און קיינער קוקט זיך נישט אום, עס איז קיין נייעס נישט. אגב, האט ער אקארשט געהאט א קריגעריי מיט זיין פרוי, די זעלביקע קרי־געריי.

א נס, וואס עס איז דא שבת אויף דער וועלט.

מען ברענגט ווי עס איז אריין דעם שבת אין הויז, און א גרויסע, שטילע מנוחה לייגט זיך אויס איבערן שטעטל.

מען שמועסט וועגן פאליטיק, מען ווילט זיך, מען לצעוועט, מען לערנט, מען זאגט תהילים, אדער מען גייט ארום איבער די גאסן, די הענט פארלייגט אויף הינטן.

מען לאזט נישט צו צו זיך די זלידנע זארג.

— ניטע, שבת...

און עס ווירקט ווי א כישוף, די זארג כאפט די פיס אויף די פלייצעס און טראגט זיך אפ ביז זונטיק, דער עיקרשט ביז מאנטיק.

שבת.

עס איז געווען ממש א צויבער־ווארט און איז פאקטיש געווען א צויבער־טאג.

דאס שטעטל האט באקומען גאר אן אנדער פנים, עס האט אראפגע־ווארפן פון זיך די וואכעדיקע שמאטעס פון קערפער און די גרויע זארג פון פנים.

יעדער האט געהאט א שבתדיק מלבוש, אלטע לייט און קינדער,

און אַלטע פרויען און יונגע מיידלעך האָבן געהאַט אַ מלבוש, וואָס האָט טאַקע געהייסן דער שבתדיקער בגד, אָדער מלבוש.

דער קאָנטראַסט אין אויסזען צווישן שבת און וואָך איז געווען גוואַלדיק.

אויסערלעך איז עס גאָרנישט געווען דאָס זעלביקע שטעטל אין שבת־דיקן טאָג.

אויסגעוואַשן און ממש פאַרפּוצט איז געווען דאָס שטעטל שבת.

אָבער דער גרויסער צויבער פון שבת איז געווען, וואָס ער האָט דאָס דלותדיקע, פאַרזאָרגטע און פאַרביטערטע שטעטל פאַרוואַנדלט אין אַ זאָרגלאָז, שמייכלענדיק, שלוהדיק און גליקלעך שטעטל.

מיר האָבן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן שבת, שבת איז באַזונגען גע־וואָרן כמעט פון יעדן יידישן שרייבער, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּ־געשטעלט אויף דער נויטיקייט פון שבת ממש פאַר דער פיזישער עקזיס־טענץ פון דעם יידישן שטעטל.

עס איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט, אַז ווען נישט דער טאָג שבת, וואָלט די שטענדיקע זאָרג, דער שטענדיקער דלות, צעבראָכן דאָס שטעטל פיזיש, עס וואָלט דעגענערירט געוואָרן, עס וואָלט געפאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון דלות און זאָרג.

דער שבת איז געווען דער נויטיקער איבעררייס פון דער וואָכעדי־קער דריקנדיקער זאָרג און פון דעם שרעקלעכן דלות.

די זאָרג, וואָס פלעגט אַזוי שרעקלעך דריקן, איז עפּעס שבת פאַר־שוונדן געוואָרן, זי איז נישט געוואָרן, און די שטעטלשע יידן האָבן אָפּ־געאָטעמט פריי, דער נוגש — די זאָרג האָט אָפּגעלאָזט אויף אַ טאָג.

מאָנטיק איז דער שווערסטער טאָג, די זאָרג פאַר גאַנצע פינף טעג לייגט זיך אַרויף אויף די פּלייצעס ווי אַ שווערע משא און דריקט און דריקט.

ווען איך בין אַמאָל געקומען אין מיין שטעטל צו גאַסט, האָט אַ ייד מיר אָפּגעגעבן „שלום־עליכם״ און אַ פרעג געטון:

— ווי לעבט מען דאָרט אין אויסלאַנד? מען זאָגט, אַז דאָרט זענען גאָר קיין זאָרגן נישטאָ, איז עס אמת? ווי קען דאָס זיין געמאָלט?

פּרוּביר איך אים דערקלערן, אַז דאָרט איז דאָס לעבן אַנדערש איינ־

געשטעלט ווי דאָ אין שטעטל. הערט ער מיך אויס מיט קאָפּ און גיט אַ זאָג:

— עה, זיי מאכן זיך, אז זיי האָבן נישט קיין זאָרג, אַלע לעבן מיט נסים.

פרעג איך אים:

— וואָס הייסט מיט נסים, ווי לעבט מען עס מיט נסים?

קוקט מיך דער ייד אָן און זאָגט מיט זיכערקייט:

— אַ העלפט פון אונדזער שטעטל לעבט מיט נסים, אַ העלפט פון אונדזער שטעטל ווייסט נישט היינט, צי עס וועט זיין מאָרגן אַ שטיקל ברויט אין הויז.

אָבער קיינער איז נאָך נישט געשטאָרבן פון הונגער. מען לעבט מיט נסים. עס מאכט זיך אַ פּארדינסטל, אויב נישט קיין פּארדינסטל, כאפּט מען אַ גמילות חסד, אַ הלוואה אויף פּראָצענט ביי אַ וואָכערניק.

און עס איז דאָך אַ נס, וואָס מען גיט דיר אַ גמילות חסד, אָדער אַ הלוואה, ווארום אויף וואָס קוקנדיק גיט מען דיר אַ גמילות חסד, אָדער אַ הלוואה?

מען גיט דיר אַ גמילות חסד, אָדער אַ הלוואה קוקנדיק אויף אַ נס.

— איר פארשטייט, עס איז אַ נס, בתוך נס...

דער ייד האָט אפּנים באמערקט אויף מיין פּנים מיין סקעפּטיציזם וועגן די נסים און ער האָט מיר געמאכט קלאָר אויף אַזאַ אופן:

— מיר לעבן פון דעם פּויער ארום שטעטל און פון אונדזערע אייגענע יידן אין שטעטל. איז דער פּויער אָרים אין אונדזער געגנט, שרעקלעך אָרים. דער ייד, ווי איר זעט און ווייסט, איז אויך אָרים. און מען לעבט פונדעסטוועגן, נישט דער גוי שטארבט פון הונגער און נישט דער ייד שטארבט פון הונגער — איז עס נישט אַ נס?

— איר, היינטיקע, גלויבט נישט אין נסים, מיר אָבער לעבן מיט נסים, מיר זעען זיי ממש, מיר ווייסן, אז אָן זיי וואָלטן מיר קיין טאָג נישט איבערגעלעבט...

ווען איר שטעלט אָפּ יעדן ייד און פרעגט אים קורץ: פון וואַנען לעבט אַ ייד? — וועט ער אייך נישט וויסן, וואָס צו ענטפערן אייך.

אפילו די בעלי־מלאכות אונדזערע וועלן אויך נישט קענען ענטפערן, כאָטש זיי זענען כסדר פאַרנומען מיט דער אַרבעט זייערער.

און אין דער מעשה מיט נסים איז געווען א שטיק אמת.

איך האָב אַמאָל פּרובירט מאַכן אַ שטיקל אַמאַטאָרישע אַנקעטע וועגן דעם בודזשעט פון א דורכשניטלעכן ייד אין מיין שטעטל און אין דאָרף.

עס זענען געווען פאַמיליעס יידישע, וואָס האָבן געלעבט מיט א רובל אַ וואָך (ד. ה. 50 סענט). געווען אן אַלטע אָרימע פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט מיט 75 קאָפּיקעס אַ וואָך.

א פּויער פון פּאָלעסיע, אַרום פּינסק, האָט גערעכנט און גערעכנט און האָט מיר געזאָגט, אַז זיין קעש־בודזשעט איז דריי־פיר רובל א יאָר.

ער קויפט בלויז זאַלץ, שוועבעלעך און נאָך עפּעס א קליינִיקייט. דאָס איבעריקע האָט ער פון זיין שטיקל פעלד.

ער וועבט אַליין דעם לייוונט פאַר זיין העמד און דעם גראָבן געוואַנט פאַר זיין סערמיאַגע (מאַנטל), און דאַרף נישט אָנקומען צו קיין שניידער און צו קיין נייטאָרינס, אַלץ ווערט געניִיט אין זיין היים.

און דער ייד און דער פּויער האָבן געדאַרפט לעבן איינער פון דעם אַנדערן.

און זיי האָבן געלעבט — טאַקע מיט נסים.

און דאָרט, אין פּעטערסבורג, איז געזעסן א צאַר אַן אַנטיסעמיט מיט אַנטיסעמיטישע מיניסטאָרן און געדריקט דעם ייד מיט גזירות און באַשולדיקט דעם ייד, אַז ער עקספּלאָאַטירט זיין היים געליבטן פּויער...

אָבער עס וואָלט געווען אַ גוזמא און זעלבסטנאַרעריי צו זאָגן, אַז דער שבת איז געווען די רפואה שלימה, אַז דער טאָג שבת האָט אָפּגעראַטעוועט אַלע יידן פון שטעטל.

ניין, אַ סך יידן זענען געווען פאַרביטערט, שלעכט און בייז, די זאָרג האָט ממש דערשטיקט דאָס געפיל פון רחמים צו אַנדערע און האָט ביי זיי אָוועקגערויבט דאָס געפיל פון פריינטלעכקייט צו מענטשן אויף זייער גאַנץ לעבן.

געווען יידן, וואָס פלעגן ממש ברומען ווי חיות, קריצן מיט די ציין און האָבן נישט צוגעלאָזט צו זיך נאָענט א מענטש, אפילו א קינד.

די אייביקע זאָרג האָט זיי פארהארטעוועט, פארשטיינערט ממש. זיי האָבן געטראָגן א בייזע שנאה צו אלץ און צו אלעמען.

עס זענען געווען פרייליכע קבצנים אין שטעטל, עס זענען געווען שמייכלענדיקע צדיקימלעך אין שטעטל, אָבער די צאָל פון די פארהאר־טעוועטע, פארביטערטע און פארצאָרנדיקע איז געווען גענוג גרויס.

איך וואָלט געקענט דערציילן א היפש ביסל מעשיות פון אכזריות, וואָס איז געקומען פון אייביקער זאָרג, פון אייביקן דלות און פון איי־ביקער נויט.

איך אליין האָב ווי א קינד עס אָפט געפילט אויף מיינע קינדישע פלייצעס:

איך בין געווען עפּעס א פאריתומט יינגל. איך האָב געהאט א טאטן מיט א מאמען, נאָר מיין טאטע איז געווען א מלמד אין מרחקים און מיין מאמע — א פארהאָרעוועטע יידענע, וואָס האָט געאָרבעט טאָג און נאכט און דאָס לעבן איז געווען ביטער און פינצטער.

האָב איך קיין אָרט נעבן א טאטן אין בית־מדרש נישט געהאט. פלעג איך זיך שטעלן דאַוונען כסדר אויף א „פרעמד אָרט", פלעגט מען טרייבן, יאָגן.

געווען א ייד א גיגאנט, א ייד מיט גרויסע שטיוול, מיט א קרום מויל און מיט א שאָקלענדיקן גרויסן קאָפּ. „צימעס" האָט מען אים גע־רופן. זיין „שטאָט" אין בית־מדרש איז געווען דאָרט ביי א דורכגאנג, און גראָד אין די ערטער פלעג איך זיך וועלן צוטוליען. פלעגט דער ייד מיך שטויסן און שלאָגן מיט אזא רציחה, מיט אזא בייזקייט, אז איך קען עס נאָך ביז היינט נישט פארגעסן.

א ייד, א הארטער איז ער געווען. ער פלעגט דאַוונען בייז. ער פלעגט ארויסזאָגן א תפילה, איז עס נישט געווען בעטנדיק, אָדער דבקותדיק, נאָר עפּעס העזהדיק, גראָב און בייז.

יום־כפור פלעגט ער שטיין א גאנצן טאָג אויף די פיס און האָט זיך געבייזערט בעל־עגלהש. די פיינסטע תפילה פלעגט ער פארגרעבן, פאר־בייזן און פארברוגזן.

קיין טרער ביים דאַוונען האָב איך ביי אים נישט געזען, נאָר הארט־קייט, קאלטקייט און ביטערקייט האָבן ארויסגעשאלט פון זיין דאַוונען.

די „על חטאס״ פלעגט ער אַרויסברומען ווי א לייב און שלאָגן זיך אין הארצן מיט א גויאישן, גרויסן און הארטן קולאַק.

אין סאמע מיטן דאוונען פלעגט ער לויערן אויף מיר און פלעגט מיך מיט רציחה אָפּשטויסן פון זיין „שטאָט״.

אַלמעכטיקער גאָט! וויפל ביטערקייט האָט דער דאָזיקער ייד אויפגעוועקט אין מיין יונג קינדיש הארץ. יאָרן־לאַנג, אפילו איצט, ווען איך דערמאַן דעם דאָזיקן הארטן ייד, שווימט ארויף מיין קינדישע פאַרביטערונג.

אַ שרעק באַפאַלט מיך נאָך היינט, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם דאָזיקן פערדישן און הארטן ייד, וואָס פלעגט דאוונען פונקט ווי מען האקט האָלץ.

וויפל אומבאהאָלפענעם כעס האָב איך איבערגעלעבט. וויפל נישט אויסגעפּירטע נקמה־פּלענער האָבן פאַרסמט מיין יונג מוחל!

און געלעבט האָט דער ייד לאַנג, לאַנג. געוווינט האָט ער ביים סאמע עק שטאָט, עפּעס אין אַ חורבה, איינער אַליין. און קינדער האָט ער געבראַכט אויף דער וועלט גרויסע, געלע, האָריקע, מיט גרויסע זומערשפּרינקעלעך. אַלע, סיי די טעכטער און סיי די זין מגושמדיק גרויסע, מיט קלעצערדיקע פיס און אייביק ברומענדיקע.

אַלע קינדער האָבן געהאַט עפּעס אַ פאבריקל פון זוימען־אויל און פון זיי פלעגט זיך טראָגן אַ ריח פון דעם דאָזיקן שלעכטן און ברודיקשמעקנדיקן אויל.

זייער רעדן איז געווען א מין האַווקעניש, זיי פלעגן אַרויסהאַווקען ווערטער נישט געבונדן, נישט געקייטלט, נאָר באַזונדערע, שלעכטע, גראָבע און בייזע.

בלויז אין די צוויי חסידישע שטיבלעך דאַוונט מען חדוהדיק, האָפּנדיק, מיט ברענענדיקער דבקות און מיט געזאַנג.

צוויי הייפלעך יידן האָבן זיך אויסגעטיילט אין צוויי חסידישע שטיבלעך און לעבן זיך אנדערש. דאָרט קלאַפּן איינע די אנדערע איבער די פּלייצעס, דאָרט זאָגט מען איינער דעם אנדערן „דו״, דאָרט מאַכט מען אָפּט אַ כוסה, דאָרט גיט מען אָפּט אַ שטיף און דאָרט זענען דאָ מענטשן, וואָס לעבן זאָרגלאָז אויף גאָטס בעוואָר.

מ ײ נ ע   ב אַ ג ע ג ע נ י ש ן

די חסידים זענען אפנים געווען די ערשטע באַהעמיענס אויף דער ײדישער גאַס.

צווישן זיי זענען געווען ײדן, וואָס זייערע פּנימער האָבן אַרום־געשמייכלט פון די גרויסע שמאַטעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן. צווישן זיי זענען געווען ײדן, וואָס האָבן געטאַנצט מיט זייערע גרויסע באַ־שטיוולטע פיס, צווישן זיי זענען געווען וויצן־זאָגער, ברייט־פּלייציקע ײדן, אָרימע עולם־הזהניקעס און שמייכלענדיקע פילאָזאָפן.

און אויב מיר איז באַשערט געווען צו אײנזוויגן אַביסל מענטשלעכ־קייט אין דער יוגנט און אַז פון מיר זאָל אויסוואַקסן אַ מענטש שפּעטער, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען די ײדן פון די חסידישע שטיבלעך.

ווער ווייסט — אפשר האָבן די דאָזיקע ײדן חסידים אין מיר פאַרזייט דאָס, וואָס עס איז אויסגעוואַקסן פון מיר.

דער בלינדער, אָבער זייער קלוגער שיקזאַל האָט מיך, דאָס עלנטע ײנגל, צונויפגעפירט אין דער פריסטער יוגנט מיינער מיט זיי און דאָס איז געווען אפשר מיין רעטונג.

זיי זענען מיינע יוגנט־העלדן און וועגן זיי וועל איך דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

III.

מיין רבי משה בצלאל

מיט משה בצלאלן האָב איך זיך צונויפגעטראָפן אין מיין פריסטער יוגנט; אַ הויכער, אַ מאָגערער ייד מיט אַ געל־בלאָנד שיטער בערדל איז ער געווען. ער איז געווען אַ חסיד, אָבער דער קאַלטסטער, מיושב־דיקסטער חסיד, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט, איז ער געווען.

ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס איז אַזוינס איילעניש, מיט לאַנגזאַמע אָפּגעמאָסטענע טריט פלעגט ער גיין, און נישט דער גרעסטער רעגן און נישט דער גרעסטער שטורעם און אפילו נישט אַ שרפה האָבן געקענט אים צווינגען צו מאַכן אַ שנעלערן טריט.

אין אַ שלאַקס־רעגן פלעגט ער גיין רואיק, לאַנגזאַם מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ און לאָזן זיך וואַשן פון רעגן.

אין הדר האָבן מיר אים אַמאָל געפרעגט — פאַרוואָס ער גייט אַזוי לאַנגזאַם אין אַ שלאַקס־רעגן?

— רעגן איז גאָטס מזל־ברכה און מען טאָר פון איר נישט אַנט־לויפן.

און דער זעלביקער תירוץ איז געווען אויף אַ פראָסט, אויף אַ שטורעם און אפילו אויף אַ שרפה.

— גאָט פירט די וועלט און אַלץ איז צום גוטן.

און אַזוי פלעגט ער דאַווענען. שטיל, קאַלט, לאַנגזאַם, און אפילו אַזוי פלעגט ער טאַנצן — אויפהויבן לאַנגזאַם אַ פוס און לאַזאַם אים אַראָפּלאָזן.

און אזוי פלעגט ער רעדן — װײניק, שטיל, מיטן מינימום פון װערטער און איטלעכס װאָרט אָפּגעקײלעכט, אָפּגעטאָקט.

זײן פרומקײט איז געװען עפּעס אַזאַ שטילע, אַזאַ בנעימותדיקע, אַזאַ פּשוטע און אַזאַ רואיקע, אַז זי האָט זיך לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו דער שטורמישער, שרײענדיקער פרומקײט אין דעם חסידישן שטיבל, אין װעלכן ער פלעגט דאַװנען און פאַרברענגען דעם גרעסטן טײל פון זײן לעבן.

משה בצלאל האָט אַלץ געטון מיט אַ טעם, מיט אַ כּוונה. זײן גאַנץ לעבן איז דורכגעגאַנגען לויט אַ באַשטימט דורכגעטראַכטן פּלאַן און לויט אַ פעסטער, שטילער פילאָזאָפיע. קײן סתירה, קײן װאַקלעניש, קײן קראַנקהײטן האָבן אים נישט געשטערט צו פלעכטן זײן לעבן, װי ער האָט זיך פאַרגענומען.

אַ מלמד איז ער געװען.

אַ פּאָר יאָר האָב איך געלערנט בײ אים און קײן אײנמאָל איז ער נישט אין כּעס געװאָרן, קײן אײנמאָל האָט ער זײן שטים נישט אויפגעהויבן און קײן אײנמאָל איז זײן באַװעגונג נישט געװאָרן האַסטיקער.

לערנען פלעגט ער מיט אונדז אזוי לאַנג, לאַנג, ביז מיר פלעגן באַנעמען און פאַרשטײן דעם ענין. רואיק כּסדר, קײן סימן פון מידקײט, קײן רמז אויף אומגעדולד.

ער פלעגט זאָגן:

— אײערע טאַטעס האָרעװען, צאָלן פאַר אײך שכר־למוד, מוז איך זײער שװער־פאַרהאָרעװעט געלט כּשר פאַרדינען.

טאָג־אײן, טאָג־אויס פלעגט ער אונדז עס איבערחזרן. און ער פלעגט װירקן אויף אונדז דורך דעם, אַז מיר זאָלן לערנען פלײסיקער.

אין אײן „זמן” זענען אָבער אַרײנגעפאַלן צו אים עטלעכע בני־יחידימלעך און ײנגלעך פון רײכע עלטערן.

אין חדר האָט פאַרשמעקט מיט פּוטער־קיכלעך און מיט אַנדערע „נאַשערײען”. גוטע מעסערלעך האָבן זיך באַװיזן און דער טיש און די בענקלעך זענען צעשניטן, צעקאַרבט און צוגעפּאַסעװעט געװאָרן. אַ געלעכטער האָט געהילכט שטענדיק און שקצערײען אײנע גרעסער פון דער אַנדערער זענען אָפּגעטון געװאָרן טאָג־טעגלעך.

משה בצלאל איז געבליבן רואיק, אָבער ער איז געוואָרן מער ערנסט, מער שווייגנדיק און מער קאַלט.

און איינמאָל אין מיטן לערנען האָט ער געזאָגט צו אונדז:

— קינדער, איך בין נישט יוצא, קינדער, איך נעם אומזיסט געלט ביי אייערע טאַטעס, קינדער, איך פאַרזינדיק די וועלט און יענע וועלט.

עס איז געוואָרן שטיל אין חדר. אַלע קינדער האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּלעך.

עס איז אַוועק אַ וואָך. דער עולם איז געוואָרן התמדהדיקער, מיר האָבן געלערנט מיט חשק, מיט ערנסט און מיט דבקות.

אָבער נאָך דער וואָך איז דער חדר ווייטער געוואָרן שקציש, טומל־דיק און אַזוי פויל, אַז ד' ירחם. און מיר, די נישט־רייכע קינדער, זענען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין שטיפעריי, מיר האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט פוילקייט.

משה בצלאל איז געוואָרן שטילער און טרויעריקער.

און איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, ווען ער האָט אונדז פאַרהערט דאָס אָפּגעלערנטע פאַר דער וואָך, האָט קיינער פון אונדז, ממש קיין איינער, נישט געוווסט פון וואָס צו זאָגן. אייניקע קינדער האָבן זיך צעוויינט, אַנדערע האָבן איינגעגראָבן די פּנימער אין די ספרים און געשוויגן. משה בצלאל איז געוואָרן בלייך און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

פּלוצלינג האָט זיך איינער פון די רייכע יינגלעך צעלאַכט און נאָך אים אַלע, עפּעס שלעכט, היסטעריש האָבן אַלע געלאַכט.

משה בצלאל האָט פאַרמאַכט די גמרא און האָט מיט אַ ציטער אין קול געזאָגט:

— קינדער, גייט אַהיים, מירן היינט מער נישט לערנען.

מיט טומל האָבן זיך אַלע אַרויסגעשאָטן פון חדר. דאָס געסל איז פאַרהילכט געוואָרן פון קינדישע געשרייען און געלעכטער.

פרייטיק, אַז מיר זענען געקומען אין חדר, האָט אונדז די רביצין געזאָגט, אַז מען וועט היינט נישט לערנען. דעם רבין האָבן מיר אין חדר נישט געטראָפן.

שבת האָט זיך צעטראָגן אין שטעטל דער משונהדיקער קלאַנג, אַז משה בצלאל לאָזט פונאַנדער דעם חדר.

די טאַטעס אונדזערע זענען געווען אַנגעבלאָזן אויף אונדז, מען האָט אונדז אויסגעפּרעגט, געבייזערט זיך, געקוועטשט מיט די פּלייצעס, געמורמלט עפּעס אויפן חשבון פון אונדזער רבין משה בצלאל, און אָנגעזאָגט אונדז מיטן הארבן וואָרט, אַז מיר זאָלן אָנהויבן לערנען ווי עס געהער צו זיין, אויב נישט, וועלן זיי זיך נעמען צו אונדז. זיי זענען נישט משה בצלאל...

זונטיק זענען מיר געקומען אין חדר מיטן פעסטן באַשלוס צו נעמען זיך צום לערנען מיט התמדה. מיר האָבן געפונען דעם רבין רואיק, שטיל און לאַנגזאַם ווי אַלע מאָל. מיר האָבן זיך צעזעצט אַרום טיש שטילינקע, שולדיקע און תשובהדיקע.

משה בצלאל האָט געקוקט אויף אונדז, געקוקט לאַנג און האָט זיך עפּעס געשלאָגן מיט דער דעה. ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש, ער האָט אָבער נישט געעפנט די גמרא.

נאָך אַ ווײַלע פון שטיל־שווײַגעניש האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט:

— קינדער, איך לאָז פונאַנדער דעם חדר, איך בין נישט יוצא. איך וויל זיך נעמען פאַר אַן ערלעכער, כשרער פרנסה. איך ווער אַ בעל־עגלה. אַ וואָגן און אַ כאָמוט האָב איך שוין געקויפט, די טעג קויף איך אַ פערד און איך הויב אָן פאַרדינען מיין ברויט כשר און ערלעך. גייט, קינדער, אַהיים און אייערע טאַטעס וועלן שוין אויסזוכן פאַר אייך אַנדערע מלמדים.

אַ שרעק איז אונדז קינדערלעך באַפאַלן. עטלעכע האָבן זיך צעוויינט, עטלעכע האָבן אָנגעהויבן צוזאָגן, אַז זיי וועלן לערנען גוט.

משה בצלאל איז געזעסן רואיק און האָט שטיל געזאָגט:

— פאַרפאַלן, קינדער, סיידן גאָט וועט נישט וועלן געבן מיר אַן אַנדער פרנסה. איך קען נישט מער זיין קיין מלמד, איך בין נישט יוצא. גייט, קינדער, אַהיים צו אייערע טאַטעס.

פאַרשעמטע און באַליידיקטע זענען מיר אַוועק פון חדר.

אָבער אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ קינ־

דישער לייכטזין און פרייד. מיר האָבן זיך צעשטיפט, געזונגען און געלאַכט. איך בין אַריינגעלאָפן צו זיך אַהיים מיט דער גרויסער, משונה־דיקער נייעס:

— אונדזער רבי ווערט אַ בעל־עגלה.

די מאַמע האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן:

ווי? וואָס? אין סאַמע מיטן זמן? אַ משוגעת, האָט אָנגעשפּאַרט אויף דער מינוט!

אין שטעטל האָט זיך די נייעס צעטראָגן ווי אַ בליץ. לצים האָבן זיך געוויצלט. באַלעבאַטים האָבן געשמייכלט אין די בערד. ווייבער האָבן באַדויערט און געקלאָגט אויף דער מערכה פון משה בצלאלס ווייב.

צווישן מנחה און מעריב האָט זיך אין בית־המדרש געטון חושך. קלוגע מענטשן האָבן געטענהט, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך, מען דאַרף משה בצלאלן רופן צו אַ דין־תורה און חברה בעלי־עגלות האָבן געלאַכט און געחוזקט.

איך געדענק, ווי איינער אַ יונגער בעל־עגלה האָט זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז משה בצלאל וועט אָנטון דעם פערד אַ טלית־קטן.

שיינעץ! — האָט זיך דער הויכער, פעטער און רייכער נחמן צעשריגן:

— פון וועמען לאַכסטו? פון אַ כשרן, פרומען ייד?!

האָבן זיך עטלעכע געשטעלט אויף דעם צד פון דעם בעל־עגלה און עטלעכע האָבן זיך צעשריגן מיט נחמנען.

מען האָט זיך גענומען איינטענהן מיט משה בצלאלן, אָבער ער איז געווען רואיק ווי אַלע מאָל און האָט לאַנגזאַם געענטפערט:

— סיידן גאָט וועט נישט וועלן, איך מוז אויספּרובירן.

דער טומל, דער געלעכטער און די ליצנות האָבן זיך צעפלאַקערט ערשט זונטיק, ווען עס האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז משה בצלאל קויפט אַ פערד אויפן מאַרק.

משה בצלאל איז געשטאַנען מיט אַן אַלטן בעל־עגלה, ווי אַ מבין, לעבן אַ גוי און האָט באַקוקט, באַטראַכט אַ פערד. דער בעל־עגלה איז זיך דורכגעלאָפן מיטן פערד, האָט אים אַריינגעקוקט אין די ציין, האָט

געטרייסלט זיין גריווע און האָט אָפּגעשאָצט זיין ווערט. משה בצלאל איז געשטאַנען ווי אַלע מאָל רואיק, שטיל און האָט אויסגעהערט די מבינות פון בעל־עגלה.

לאַנג, לאַנג, האָט געדויערט די קניה. משה בצלאל האָט ענדלעך ארויסגענומען דאָס געלט, האָט לאַנגזאַם געציילט און איבערגעציילט פאַר זיך און דערנאָך גענומען זיך עם אויסציילן דעם פויער אין האַנט אריין.

אפשר אַ צענדליק מענטשן האָבן געהאָלפן דעם פויער איבערצוציילן דאָס געלט און ענדלעך האָט דער פויער איבערגעגעבן די לייצעס משה בצלאלן און ער האָט זיך געלאָזט מיטן פערד איבערן שטעטל.

אַ גאַנצע מחנה יידן זענען נאָכגעגאַנגען ווי אין אַ קעניגלעכער פּראָ־צעסיע. ווייבער זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער, האָבן ארויסגעקוקט דורך די פענצטער. בעלי מלאכות האָבן פאַרלאָזט די וואַרשטאַטן און ארויסגעלאָפן אויפן בייז־ווונדער.

משה־בצלאל איז געגאַנגען מיט געציילטע טריט, רואיק, שטיל און דאָס פערד נאָך אים אויך אַזוי רואיק, אויך אַזוי לאַנגזאַם.

געקומען אַ היים, האָט אים זיין ווייב באַגעגנט מיט אַ געוויין, מיט אַ יללה, אַזוי ווי מען באַגעגנט אַ בר־מינן.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אָבער משה־בצלאל מיט זיין „למד־וואָווניק" (אַזוי האָט מען אַ נאָ־מען געגעבן זיין פערדל) האָט נאָך לאַנג געהאַלטן געשפּאַנט דאָס שטעטל.

דעם טאָג, אין וועלכן משה־בצלאל האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין פערד־און־וואָגן קיין סלאָנים, פירנדיק אַהין די משמנים פון אונדזער געגנט, איז דאָס שטעטל געגאַנגען כּאַדאָראַם. מען איז זיך צונויפגעלאָפן זען דעם נייעם בעל־עגלה ווי ער לאָזט זיך אין וועג אריין.

משה בצלאל איז געווען אַנגעטון בעל־עגלהש. האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע מלמדישע מלבושים און מיט אַ קליין בייטשעלע אין האַנט איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך זיין פערד־און־וואָגן. מערקווירדיק איז, אַז ווי דער עולם האָט דערזען דעם פאַקט, האָט זיך אויף אַלע פּנימער עפּעס אויסגעלייגט אַן ערנסט. אַפילו די געבוירענע בעלי־עגלות זענען געוואָרן

ערנסט און געריררט. עטלעכע זענען צוגעגאנגען און א קוק געטון, צי דאָס פערד איז גוט געשפּאַנט און צי דער וואָגן איז אין אָרדענונג און יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַרריכטן עפּעס, צו געבן אן עצה משה בצלאלן, און אָנגעוויזן אים אויף געוויסע פעלערם.

משה בצלאל איז אַוועקגעפאָרן מיט אן אָנגעלאָדענעם וואָגן און אין אַכט טאָג אַרום איז ער געקומען צוריק מיט אן אָנגעלאָדענעם וואָגן. ער איז געקומען צוריק פרייטיק, און פאַרנאַכט איז ער שוין געגאַנגען א שבת־דיקער אין שטיבל.

דעם גאַנצן שבת האָט מען מיט אים נישט געקענט רעדן וועגן דעם דערפאָלג פון זיין רייזע; שבת האָט משה בצלאל נישט געוואָלט רעדן וועגן געשעפט. מען האָט געזען ווי משה בצלאל פירט זיין פערד אָנ־טרינקען און מען האָט געוואָלט פאַרפירן מיט אים א שמועס, אָבער ער האָט געענטפערט קורץ — שבת.

און זונטיק אין דער פרי איז ער שוין געווען ווייטער אין וועג.

אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט משה בצלאל אויסגעזוכט א יינגל און האָט אים גענומען פאַר א שמייסער.

איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל א גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי משה בצלאל האָט געלערנט מיטן יינגל הלכות בעל־עגלהשקייט. ראשית האָט ער דעם יינגל דערקלערט, וואָס איז אַזוינס א פערד — א פערד איז א לעבעדיקע באַשעפעניש, ער דאַרף עסן, רוען און אַרבעטן ווי א מענטש, מען טאָר א פערד נישט שלאָגן, ווייל אים טוט וויי ווי א מענטש, מען טאָר נישט אָנלייגן אויף אים צופיל משא, אַז ווען ער דאַרף אַרויף אויף א באַרג, דאַרף מען אים אונטערהעלפן, אונטערשטופּן דעם וואָגן. מיט דער בייטש טאָר מען זיך נישט באַנוצן צו שלאָגן דאָס פערד, נאָר צו אויפמונטערן אים. און נאָך אַזעלכע חדושים האָט מען איבערדערציילט.

דאָס יינגל איז געוואָרן א לייט ביי משה בצלאלן. עס האָט אָנגע־הויבן דאַווענען פרום און מיט כוונה. ער האָט אין וועג געלערנט חומש מיט אים און האָט מיט אים כסדר „פילאָזאָפירט״.

מען האָט גערעדט, אַז משה בצלאלס פערד לעבט זיך זייער גוט. ער לאָזט אים נישט זיך אָנשטרענגען, ער זעצט זיך קיינמאָל נישט

אויפן וואָגן, נאָר דעם יינגל דערלויבט ער צו ארויפכאַפּן זיך אויפן וואָגן, ווען דער וועג גייט באַרג אַראָפּ.

עס איז געגאַנגען גוט: קרעמער האָבן גערן געגעבן משה בצלאלן באַשטעלונגען אויף סחורה. די שטעטלשע קרעמער און די סלאָנימער קרעמער זענען געווען זיכער, אַז משה בצלאל וועט אַלץ ערלעך צושטעלן צו דער צייט און ער וועט קיינעם, חלילה נישט נאַרן, אָדער קריוודען.

און איינמאָל נאָך מלוה־מלכה האָט דער חסידישער רבי פאַר אַלע חסידים אים אַ פרעג געטון:

— ווי איז מיט פרנסה, משה בצלאל?

און דאָס ערשטע מאָל האָט מען געהערט פון משה בצלאלן, אַז פרנסה איז פאַראַן; די פרנסה איז אַ כשרע און אַז ער דאַנקט גאָט פאַר דער גוטער מחשבה, וואָס ער האָט אים אַריינגעגעבן. אַ ביסל עגמת־נפש האָט ער מיטן פערד: ער שטעלט זיך אָפּ צו אָפט, מסתמא צופיל משא פירט ער, אָבער ער מוז פירן אַזוי פיל משא, כדי צו האָבן גענוג פרנסה.

און מען האָט זיך צוגעווינט, אַז משה בצלאל איז אַ בעל־עגלה.

נאָר פּלוצלינג האָט זיך צעטראָגן אַ ידיעה, אַז משה בצלאלס פערד איז געפאַלן, און טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען משה בצלאל מיטן יינגל אויף אַ פרעמדער פור, האָט אָפּגעליפערט די סחורה אַלע קרעמער און איז געבליבן אין דערהיים.

גאָט וויל נישט, איך זאָל זיין אַ בעל־עגלה, ער וויל דווקא, איך זאָל זיין אַ מלמד, ווייס ער, מסתמא, בעסער.

און באַלד איז צונויפגעקליבן געוואָרן אַ חדר און משה בצלאל איז ווידער געוואָרן אַ מלמד.

איך בין ווייטער געווען איינער פון זיינע תלמידים.

ער איז ווידער געוואָרן דערזעלביקער מלמד. אָבער ווי נאָר מיר פלעגן זיך צעשטיפן, פלעגט ער אונדז זאָגן שטיל און ערנסט:

— קינדער, דער כאָמוט הענגט ביי מיר אויפן בוידעם, דער וואָגן שטייט אין שטעלכל...

ד"ר א. מוקדוני

***

מען האָט שוין אין גאַנצן פאַרגעסן משה בצלאלס „משוגעת" און מען האָט זיך שוין מיט אים נישט פאַרנומען. אָבער פּלוצלינג צעטראָגט זיך א ידיעה, אַז משה בצלאל בויט אַליין א הייזל פאַר זיך. און פאַר־נאַכט נאָך מעריב איז געשטאַנען א גאַנצער עולם ביי א ליידיקן פּלאַץ און געקוקט ווי משה בצלאל גראָבט אַליין א פונדאַמענט.

אין די אָוונטן און אין די פרייטיק נאָך מיטאָג האָט משה בצלאל געבויט זיין הייזל. לאַנגזאַם איז געוואַקסן דאָס הייזל. חדשים האָט געדויערט, ביז עס איז געקומען צו די פענצטער.

און ווי מען האָט דערזען דאָס הייזל ביז די פענצטער, האָבן זיך צעהויקערט, א צעקרימט און עפּעס א מפלדיק איז געווען דאָס קליינע

ראשית האָט מען די געביידע א נאָמען געגעבן „פּאַלאַץ" און עס איז געבליבן דער נאָמען אויף אייביק.

און טאַקע זייער טשיקאַווע האָט אויסגעזען דער פּאַלאַץ. עפּעס א צעהויקערט, א צעקרימט און עפּעס א מפלדיק איז געווען דאָס קליינע הייזל.

און בשעת משה בצלאל איז שוין געזעסן אויפן דאַך און געקלאַפּט טשוועקעס אין די שינדלען, האָט מען ערשט דערזען דאָס הייזל אין זיין גאַנצער אַרכיטעקטאָנישער פּראַכט.

אינווייניק אין הייזל האָט משה בצלאל געאַרבעט לאַנג, ווען עס איז געקומען צו אָוועקשטעלן אַן אויוון, איז ער איינמאָל צוגעגאַנגען צו זיין ווייב מיט אַן אַרשין און האָט זי אָפּגעמאָסטן, דערקלערנדיק:

דו וועסט באַקן און קאָכן, דאַרף אַלץ זיין לויט דיין געוווּקס, דער פּריפּעטשאָק דאַרף זיין נישט צו־הויך און נישט צו־נידעריק פאַר דיר, עס דאַרף דיר זיין אַלץ צו דער האַנט.

די מעשה ווי משה בצלאל האָט אָפּגעמאָסטן זיין ווייב מיט אַן אַרשין, האָט געגעבן אַזוי פיל שטאָף פאַר וויצן און הלצות, אַז דער עולם האָט וואָכן־לאַנג זיך געהאַלטן פאַר די זייטן.

אָבער דאָס הייזל איז פאַרטיק געוואָרן און משה בצלאל האָט זיך באַזעצט אין אים.

און שפּעטער, געדענק איך, האָט זיך משה בצלאל צערעדט מיט אונדז וועגן זיין הייזל. ער האָט אונדז דערקלערט, אַז דער מענטש מוז אַלץ טון פאַר זיך, דער מענטש דאַרף קענען אַלע מלאכות, כדי ער זאָל נישט אָנקומען צו אַנדערע. אַז מען קומט אָן צו אַנדערע, מוז מען זיי קריוודען, אָדער זיי מוזן דיך קריוודען. די בעסטע זאַך, אַז אַ מענטש זאָל נישט קריוודען קיינעם און ער זאָל נישט געקריוודעט ווערן איז — ער זאָל אַלץ אַליין טון.

פאַר מיר, נאָך אַ קינד, איז משה בצלאל געווען אַ ווונדער. און נישט באַמערקנדיק האָב איך אים אָנגעהויבן נאָכצוטון אין פיל זאַכן. בשעת אַ רעגן פלעג איך ארויס אין גאַס און גיין לאַנגזאַם און לאָזן זיך באַנעצן פון גאָטס ברכה. איך פלעג אַליין צונייען אָן אַראָפּגעריסענעם קנעפּל פון מיין רעקל, פלעג האַקן האָלץ פאַרן שטוב...

האָב איך געהאַט אַ יינגער ברודערל מיט אַ שאַרף אויג און מיט הומאָר, האָט עס באַמערקט און פלעגט מיך רופן משה בצלאלקע. פלעג איך זיך שעמען און פלעג זיך היטן, אַז מען זאָל נישט באַמערקן מיין נאָכטון משה בצלאלן. מיין נאָכמאַכונג איז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן. אָבער לאַנג איז פאַר מיר משה בצלאל געווען אַ מוסטער־מענטש, אויף וועלכן איך האָב אַרויפגעקוקט מיט פרומקייט און פאַרערונג.

און שפּעטער, שוין אַלס סטודענט, ווען איך האָב באַזוכט מיין היים־שטאָט, איז משה בצלאל געווען דער ערשטער מענטש, וועלכן איך האָב געוואָלט זען. ער איז שוין אַוועק פון אונדזער שטעטל אין אַן אַנדער שטעטל, קיין באַראַנאָוויטש. איך בין געפאָרן ספּעציעל זען אים, אין דעם שטעטל האָט ער אויך אַליין אויסגעבויט אַ הייזל און מען האָט עס אויך גערופן „פּאַלאַץ".

משה בצלאל איז שוין נישט געווען קיין מלמד. ער איז געוואָרן אַ מוכר־ספרימניק. אין דעם מסחר האָט ער אויך געהאַט זיין שיטה: ער האָט בלויז געהאַנדלט מיט לער־ביכלעך, לער־ביכלעך פאַר חשבון, געאָג־ראַפיע און דקדוק. קיין ראָמאַן, קיין דערציילונג, אָדער לידער זענען ביי אים נישט געווען און ער האָט אויף זיי קיין באַשטעלונגען נישט אָנגענומען.

איך האָב דערזען פאַר זיך דעם זעלביקן רויקן, לאַנגזאַמען משה

בצלאל. ער איז נישט עלטער געוואָרן, ער איז נאָך געגאַנגען גלייך ווי א סטרונע מיט פעסטע, לאַנגזאַמע טריט. ער האָט מיך נישט דערקענט און ווען איך האָב אים געזאָגט, ווער איך בין, האָט ער מיך רואיק באַטראַכט און האָט שטיל און איינפאַך געזאָגט:

— א שאָד, דו האָסט זיך געשניטן צו זיין א גוטער ייד.

מער האָט ער נישט גערעדט, ער האָט קיין שום אינטערעס צו מיר נישט אַרויסגעוויזן.

IV.

יעקב משה דער חסיד

יעקב משה פלעגט דאַוונען 12 אָדער 13 שעה א טאָג. א גאַנצן טאָג, פון דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט, פלעגט ער דאַוונען. גענומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס ער איז געווען א שטאַמלער, א גרויסער שטאַמלער. איז אין וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן האָט ער ווייניק גע־רעדט. ער פלעגט אַרויסשטאַמלען ווי עס איז א פּאָר צענדליק צעהוי־קערטע ווערטער. אָבער פאַר גאָט האָט ער געוואָלט, אַז דאָס וואָרט זאָל אַרויס א גאַנצעס, א קלאָרס און א כוונהדיקס. פלעגט ער איבערזאָגן איט־לעכס וואָרט עטלעכע מאָל, ביז עס פלעגט אַרויס קלאָר, דייטלעך און מיטן ריכטיקן טראָפּ.

ער פלעגט זיך גוואַלדיק אָנשטרענגען, אַלע אברים און זיין גאַנצע גייסטיקע און פיזישע קראַפט איז געווען קאָנצענטרירט אויף דעם, אַז דאָס וואָרט פון תפלה זאָל אַרויס ריכטיק און צו גובר זיין זיין מום.

יעקב משה האָט זיין גאַנץ לעבן געדאַוונט. אַלע יידן האָבן שוין געענדיקט דאַוונען. זיי האָבן שוין צונויפגעלייגט די טליתים און אין איילעניש אָפּגעזאָגט די רעשטלעך פון דאַוונען, אָבער יעקב משה איז געשטאַנען אין א ווינקל און האָט נאָך מיט אַלע אברים געקעמפט מיטן „ברוך שאמר". אין שטיבל איז שוין קיין מענטש נישט געווען. יעקב משה, איינגעוויקלט אין טלית, האָט זיך געוואָרפן, געשליידערט אין א ווינקל און געקעמפט מיטן וואָרט „ולמלשינים".

3-4 אזייגער ביינאַכט פלעגט מען זען יעקב משהן לויפנדיק אַהיים

אַ בים טון, און אין אַ שעה אַרום פֿלעגט מען שוין זען אים לויפֿנדיק צוריק אין שטיבל דאַווענען מנחה. מנחה און מעריב פֿלעגן פֿאַרנעמען דעם אַנדערן האַלבן טאָג.

עס פֿלעגט זײַן וווּנדערלעך צו זען די גוואַלדיקע דבקות און אָנשטרענגונג פֿון דעם דאָזיקן אײביקן דאַווענער.

אַמאָל פֿלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן אין שטיבל זען, ווי יעקב משה האַלט אין דאַווענען. אײנס אַזײגער בײַטאָג פֿלעגט ער האַלטן בײַ שמונה־עשרה. שמונה־עשרה איז געווען דער הויפּט־פּונקט פֿון זײַן דבקות און אָנשטרענגונג.

ער פֿלעגט זײַן נאָס אינגאַנצן, ווען ער פֿלעגט ענדיקן די שמונה־עשרה.

ראש השנה און יום־כּפּור, ווען מען דאַרף „אויסזאָגן״ אַ גאַנצן מחזור און אַלע ייִדן דאַווענען אַ גאַנצן טאָג, פֿלעגט יעקב משה מקצר זײַן דעם מחזור. ער פֿלעגט אויסלאָזן די פּיוטים און האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבן נאָר די סאַמע וויכטיקע תּפֿלות און אויף זיי פֿלעגט ער זיך אָנשטרענגען.

אין די פֿרײלעכע טעג, ווען חסידים זינגען און טאַנצן נאָכן דאַווענען, פֿלעגט מען זען ווי יעקב משה, אײנער אַלײן אין שטיבל טאַנצט פֿאַר זיך און זינגט פֿאַר זיך. אַ פֿאַרמאַטערטער, אַן אויסגעמוטשעטער פֿון דאַווענען, פֿלעגט ער אין זײַן ווינקל טאַנצן אַזוי חדוהדיק, אַזוי יונג און אַזוי האָפֿערדיק. ער פֿלעגט זינגען שטאַמלענדיק מיט אַ ברען, ביז פֿאַרגײן־זיך.

ער האָט אָבער געהאַט גליקלעכע טעג; עס פֿלעגט אַמאָל פּאַסירן, אַז זײַן מוח פֿלעגט אים אָפּלאָזן און דאָס דאַווענען איז געגאַנגען גלאַט כּמעט ווי בײַ אַלע מענטשן. דעמאָלסט איז זײַן גליק געווען גרויס. ער פֿלעגט ענדיקן פֿרי דאַווענען און פֿלעגט נעמען אַ ספֿר און זעצן זיך לערנען. ער האָט געשטראַלט פֿון פֿרייד און גליק.

פֿרײַטיק פֿלעגט ער מקצר זײַן דאָס דאַווענען. פֿרײַטיק פֿלעגט ער גײן קלײַבן נדבות פֿאַר זײַנע באַהאַלטענע אָרימע מענטשן איבערן שטאָט. ער פֿלעגט זאָגן, אַז פֿרײַטיק העלפֿט אים גאָט צו דאַווענען שנעלער. ער לינדערט זײַן מוח.

יעקב משהן פלעגט מען טראָגן די נדבה אַנטקעגן.

אָבער די קליין שטעטלדיקע לצים האָבן דאָך געפונען עפּעס מיט וואָס צו שפּאָטן פון דעם גרויסן תם יעקב משה: יעקב משה האָט נישט געקוקט אויף פרויען. אָבער ממש נישט געקוקט. אויף אים האָט מען זי־כער געקענט זאָגן, אַז ער האָט קיין פרוי אין זיין לעבן נישט געזען. מען האָט פאַרזיכערט, אַז זיין פרוי און זיינע צוויי טעכטער האָט ער אין פנים נישט געקוקט. ער האָט זיי געקאָנט בלויז נאָך זייער קול.

איז געווען ביי אונדז אַ ייד, מאיר לייבקעס האָט ער געהייסן. פלעגט ער זומער אַרויסגיין אין גאַס אין אַ לאַנגן סיטצענעם שלאָף־ראָק און ווינטער אין אַ לאַנגן בייקענעם שלאָף־ראָק. פלעגט ער אויסזען אַזוי ווי ער גייט אין ווייבערישע קליידער.

דאַרף יעקב משה באַגעגענען מאיר לייבקעס, דערזעט ער דעם סיט־צענעם שלאָף־ראָק און מיינט, אַז עס איז אַן אשה און ער גייט אָפּ אָן אַ זייט. זאָגט אים מאיר לייבקעס „גוט מאָרגן", דערשרעקט זיך יעקב משה און אַנטלויפט...

יעקב משה האָט בפירוש נישט געוווסט פון קיין צורת מטבע. זיין פרוי און זיינע טעכטער האָבן געפירט אַ קליינע שניט־קראָם (מאַנופאַק־טור), האָבן פאַרדינט צום לעבן און האָבן אויסגעהאַלטן יעקב משהן בכבוד. די קליינע משפחה האָט געהאַט דעם גרעסטן יראת־הכבוד פאַר אים און מען האָט קיינמאָל נישט געפּרווט צו אַריינציען אים אין די וואָכעדיקייטן פון לעבן.

האָט יעקב משה ממש נישט געוווסט קיין זאַך אין דער וועלט אויסער דאַווענען און לערנען.

ווען ער פלעגט גיין קלייבן נדבות און האָט באַדאַרפט אַמאָל געבן „רעשט", פלעגט ער פונאַנדערפעגען דאָס טיכל און פלעגט הייסן יענעם אַרויסנעמען וויפל יענעם קומט.

פון שטענדיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג און דבקות האָט יעקב משהס קערפּער אָנגענומען עפּעס אַ צעשאָטענע און צעוואָרפענע גע־שטאַלט. ער פלעגט גיין אין גאַס מיט אימפּעט; די הענט און פיס צעשאָטן און די אויגן צעפלאַמטע און צעטראָגענע.

שמחת־תורה פלעגט יעקב משה נעמען אַביסל משקה און באַלד

פלעגט ער אָנהויבן לאַכן. פלעגט מען גיין אין שטיבל זען ווי יעקב משה לאַכט.

יעקב משה פלעגט אין דעם דאָזיקן יום־טוב לאַכן אזוי הילכיק, אזוי האַרציק, אַז אַלע פלעגן מיט אים לאַכן. עס איז געווען א גרויסע חילוקי־דעות וועגן יעקב משהס לאַכן: אייניקע האָבן געוואָלט האָבן, אַז יעקב משה איז נישט שכור, דאָס לאַכט ער, ווייל עס איז א מצוה צו זיין פריילעך, און אַנדערע האָבן געוואָלט האָבן, אַז דאָס ביסל משקה מאַכט אים שכור.

דעם אמת האָט מען נישט געקענט דערגיין. קיין נאַרישקייטן האָט דער דאָזיקער כבד־פה נישט געזאָגט. ער פלעגט נאָר באַגעגענען יעדן מיט א הילכיקן „ג...ג...וט... יאָם טטטוב״ און פלעגט זיך צעלאַכן.

יעקב משה פלעגט זיך אַמאָל ייִנגליש צעשטיפן: דאָס איז געווען פורים צו דער מגילה.

ער פלעגט צוזאַמענגעמען ארום זיך אַלע ייִנגלעך מיט גראַגערס, מיט האַמערס און שטעקנס און ווי נאָר דער בעל קריאה פלעגט אַרויס־זאָגן דאָס וואָרט „המן״, פלעגט ער מיט אַלע ווייסע חברהניקעס צוזאַמען זיך נעמען קלאַפּן, טומלען, טופּען מיט די פיס און רעוזהנען. ער פלעגט שטיין אין מיטן און קאָמאַנדעווען:

— קקק־לאַפּט קקק־ינדערלעך.

מען פלעגט אים און זיין חברה גאָר נישט קענען אָפּשטעלן. מען פלעגט אָנהויבן „נויקען״ צום אָנהויב מיט א שמייכל, גוטמוטיק און דערנאָך טאַקע בייז.

איך בין געווען אין די סאַמע פריינטלעכסטע באַציאונגען מיט יעקב משהן און איך פלעג זיך אַריינכאַפּן אין שטיבל זען, ווי ער שטייט און באַאַרבעט דאָס דאַווענען. פלעגט ער מיר ווינקען מיט דער האַנט, אַז איך זאָל בלייבן, איך זאָל וואַרטן. דאָס איז געווען, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון דאַווענען. אין מיטן דאַווענען האָט ער קיינעם נישט געזען.

פלעג איך אים אָפּוואַרטן און ער פלעגט מיך אויספרעגן מיט גרויס מאַטערניש ווי איך לערן און וואָס שרייבט מיין טאַטע.

מערסטנס פלעגט ער מיט מיר רעדן וועגן דער וויכטיקייט פון תפילה. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ביים וואָרט „ותחזנה״ זעט ער דעם

בית־המקדש אויפגעריכט. ער זעט די כהנים און די לוויים ביי דער עבודה, און ער האָט מיך געלערנט ווי אַזוי איך זאָל עס אויך זען.

— פאַרמאַך די אויגן, גיב זיך אַ טרייסל מיטן גאַנצן קערפּער, וואַרף אַראָפּ פון זיך די גשמיות, צעצי דאָס וואָרט „ותחזנה" לאַנג, לאַנג, וועסטו זען, דו וועסט עס זען באַשיינפּערלעך.

איינמאָל אין אַ טונקעלן ווינטערדיקן נאָך מיטאָג האָט ער מיט מיר דורכגעמאַכט די דאָזיקע מיסטישע פּראָצעדור און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב געזען.

איז ער געווען גליקלעך און ער האָט זיך צו מיר צוגעבונדן.

נאָר איין מאָל האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אים, עס האָט מיך אַ שוויים באַדעקט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער ווילנער גאון איז געווען אַן אפּיקורס...

איך בין געווען אַ מתנגדיש יינגל, און מען האָט אין מיר איינגעוואָרצלט די גרעסטע פאַרגעטערונג פאַרן ווילנער גאון.

איך בין בלאַס געוואָרן.

ער האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט שטאַמלענדיק גע־שריען:

— אַן אפּיקורס איז ער געווען, ער האָט מחטיא געווען אַ סך יידן. ער האָט בשותּפות מיטן סמאָל אַריינגענומען אין חרם דעם לאַדיער. אַ סימן, אַז דער חרם איז נישט צוגעשטאַנען...

אַן אימה איז מיך באַפאַלן.

איינער אַליין אין אַ טונקעלן שטיבל מיטן כבד־פּה, וואָס רעדט אַזעלכע שרעקלעכע דבורים...

דער שרעק האָט מיר געשמידט הענט און פיס. איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. און ווי איך בין געקומען צו זיך, בין איך אַרויס־געלאָפן פון בית־המדרש.

אַ לאַנגע צייט האָב איך אים נישט געזען. אָבער מיך האָט עפּעס געצויגן צו אים. איך האָב מורא געהאַט פאַר אים און געוואָלט זען אים.

און אַנדער מאָל האָט ער זיך מיט מיר צערעדט וועגן דעם ענין פון „קלאַפּן המנען". אין אויפגערעגטער מיט יסורים אַרויסגעזאָגטע ווערטער און אַ צערייצטער, ווי איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען, האָט ער

פשוט געשריען, קלאפּן המנען ביי דער מגילה דאַרף מען מיט רוגזה און מיט שנאה.

—דאַרפסט זיך פאַרשטעלן ווי דער דאָזיקער רשע שטייט איבער דיר, איבער דיין טאַטן, מאַמען און איבערן גאַנצן פאָלק ישׂראל און וויל אַלעמען אומברענגען...

ווידער האָב איך דערזען אין אים דעם כעס און צאַרן, וואָס איך האָב געזען אין אים, ווען ער האָט גערעדט וועגן ווילנער גאון.

איך בין געווען אַ יינגל און קלאַפּן המנען איז געווען אַ שטיפעריי, אַ שפּיל, איך האָב צו המנען קיין שנאה נישט געפילט.

— קום אין שטיבל פּורים, וועסטו מיט מיר צוזאַמען קלאַפּן המנען, וועסטו דערפילן דעם אמתן טעם...

און נאָך אַ וואונדער וואָס איך האָב דאַן נישט געקענט דערקלערן. עס איז געווען אַ גליקלעכער טאָג ביי יעקב משהן, דער מום האָט אים נישט געשטערט צו דאַווענען און ער האָט פרי געענדיקט. איך בין אַריין אין שטיבל. האָט ער מיך צוגערופן און האָט אָנגעהויבן רעדן, גלאַט, פּליסיק און קלאָר ווי אַלע מענטשן.

איך בין צעטומלט געוואָרן. אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און האָט געזאָגט:

— ווילסט לערנען אַ שטיקל „תניא?״

ער האָט מיך אָוועקגעזעצט לעבן זיך און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן. אַ נס, ער זאָגט אַזוי דייטלעך, ער דערקלערט אַזוי קלאָר, ער איז מסביר אַזוי רייך און פאַרביק...

קוק איך אויף אים און גלויב זיך אַליין נישט. איך גלויב נישט מיינע אויערן.

איך בין אַרויס פון שטיבל און האָב ביי זיך באַשטימט, אַז יעקב משה איז אַ למדוואָוניק. ער איז גאָרנישט קיין כבד־פּה, ער פאַרשטעלט זיך.

מיין מוטער האָב איך פאַרטרויט דעם סוד, האָט זי באַלד מסכים געווען מיט מיר. איך האָב אַ חבר דערציילט בסודי סודות די מעשה און מיר האָבן באַשטימט ביידע אַריינכאַפּן זיך אין שטיבל און הערן נאָך אַמאָל.

ד"ר א. מוקדוני

מיר זענען אריין אין שטיבל: יעקב משה איז געשטאַנען אין ווינקל און געמאַטערט זיך מיט די לעצטע כוחות צו אַרויסזאָגן אַ וואָרט ריכטיק.

נאָך אַמאָל רעדנדיק קלאָר און דייטלעך האָב איך אים שוין נישט געהערט.

ביז איך האָב ביי מיר געפּועלט, אַז מיר האָט זיך אויסגעדוכט. מיין חבר האָט אַליין געזוכט צו אונטערהערן אַזאַ קלאָרן שמועס פון יעקב משהן און כאַפּן אים ביי דער האַנט, אָבער אים האָט זיך נישט איינגעגעבן און ער האָט מיך דערקלערט פאַר אַ ליגנער. און איך האָב שוין וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט...

ע

ישעיה דער חסיד

ישעיה דער חסיד, אָדער ישעיה דער סופר האָט מען אים גערופן אין שטעטל.

ער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאַסער ייִד מיט אומגעהייער לאַנגע פּאות, אָבער אָן אַ חתימת־זקן, אינגאַנצן אָן אַ באָרד.

אן עקר איז געווען דער דאָזיקער ייִד. ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

צוויי שוואַרצע לאַנגע פּאות, וואָס האָבן דערגרייכט די אַקסלען און אַ פּאָר גוטע אויגן האָט דער דאָזיקער ייִד פאַרמאָגט. ער איז געווען אַ שטילער ייִד און בכלל אַ שווייגער.

זיין פרוי איז אויך געווען אַזאַ, נאָר מיט אַ קינדיש פּנים און מיט אַ גוטן האַרציקן שמייכל. אַ ציכטיקע, אַ ריינע, אָן אַ שאָטן פון זאָרג אויפן געזיכט פלעגט זי נחתן זיך מיט איר מאַן.

ישעיה, דער שווייגער, פלעגט ביים דאַווענען זיין גאָר אַן אַנדער מענטש. ער פלעגט באַקומען לשון, אַ קול און אַ גוואַלדיקע קלאָרע שטים. זיינע צוויי לאַנגע פאות פלעגן זיך וואַרפן איבער זיין באָרדלאָז פּנים ווי צוויי לעבעדיקע, שוואַרצע שלאַנגען.

ישעיה חסיד פלעגט שרייבן תפילין, מזוזות. ספרי־תורהס האָט ער מורא געהאַט צו שרייבן. עס איז געווען אַ צו גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר אים.

— זאָלן עס טון פרימערע סופרים פון מיר, פלעגט ער זאָגן.

ער האָט געהאַט נאָך אַ פּרנסה, ער פֿלעגט פֿאַרקויפֿן ראָזינקעס־װײַן אויף קידוש. ער האָט עס געטון נישט אַזוי צוליב פּרנסה װי צו פֿאַרהיטן ייִדן פֿון יין־נסך. ער פֿלעגט אַליין מאַכן דעם װײַן און פֿלעגט אים אַליין פֿאַרקויפֿן. ער פֿלעגט טראָגן דעם װײַן אין אַ בלעכענער כּלי, װאָס איז געװען ברייט און פּלאַטשיק און איין זייט איז געװען עפּעס אַרײַנגע־קװעטשט. דעם װײַן האָט מען נישט געטאָרט פֿאַרקויפֿן אָן דערלויבעניש און אָן אַ געװיסן אָפּצאָל, אַקציז. מען פֿלעגט אַמאָל אַרעסטירן אין גאַס אַזאַ מין פֿאַרקויפֿער. האָט מען זיך געקליגט װי מען זאָל די כּלי נישט באַמערקן. מען זאָל זי קענען טראָגן אונטער דעם בגד. האָט אַ בלעכער אויסגעמייסטרעװעט אָט די כּלי.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז געװען ישעיה אין דעם טאָג פֿון שמחת־תּורה. ער איז געװאָרן אַ שטיפֿער, אַ זינגער, אַ טענצער און אַ לץ.

אים פֿלעגן נאָכלויפֿן טשאַטעס קינדערלעך, און ער פֿלעגט מיט זיי זינגען און טון פֿאַר זיי װאָס זיי האָבן נאָר געװאָלט.

פֿלעגן חבֿרה קינדער אַ געשריי טון:

— ר׳ ישעיה, אַ קוליע אויף ארץ ישׂראל.

און ישעיה פֿלעגט זיך אין מיטן גאַס איבערקוליען װי דער פֿלינקס־טער שטיפֿער. ער פֿלעגט אויפֿשטיין אַ פֿאַרשמירטער, פֿלעגט לאַכן און די קינדערלעך מיט אים.

אָבער די הויפּט־עובֿדא זײַנע איז געװען אין די טעג פֿון שׂמחה, פֿון שׂמחת בית השואבה און שׂמחת־תּורה, צו אויסזוכן אַלע גנבֿים, אַלע גראָ־בע יונגען, אַלע אויסװורפֿן און טאַנצן מיט זיי אין גאַס. ער פֿלעגט זיי אַרומנעמען און שרײַען פֿאַרן גאַנצן עולם:

— ייִדן זענען זיי, גוטע ייִדן, טײַערע ייִדן, אַנדערע רופֿן משיחן און זיי שטערן נישט, אַז משיח זאָל קומען (געמיינט — משיח װעט קומען, װען די װעלט װעט זײַן אָדער כּולו זכּאי אָדער כּולו חייבֿ) לאָמיר זיך צעקושן.

און ישעיה פֿלעגט זיך קושן מיט די פֿערד־גנבֿים, מיט די קעשענע־גנבֿים, און מיט די סאַמע טרייפֿע יונגאַטשעס.

און די יונגאַטשעס פֿלעגן זיך רויטלען, שעמען, אָבער פֿלעגן זײַן טיף גערירט.

איז געווען ביי אונדז איינער חיים־עזריאלקע מיט אַ ציגיינערישן פּנים, מיט אַ ממזרשער טשופּרינע מיט געפלעשלטע שטיוועלעך און אין אַן אויסגענייט העמדל. האָט דער דאָזיקער חיים־ עזריאלקע פאַרפירט אַ באַלעבאַטיש מיידל און דאָס שטעטל איז געגאַנגען כּאַדאָראָם.

אין יענער צייט האָט אים אין אַ שמחת־תורה ישעיה באַגעגנט, האָט אים אַרומגענומען און כּלומרשט שכורלעך געשריען:

— דו ביסט אַ ייד ווי אַלע יידן, דו וועסט חתונה האָבן מיט לאהקען ווי אַלע יידן, מזל טוב דיר, לאָמיר זיך צעקושן! אויף דיין חתונה וועל איך זיין און ערשט אַ טאַנץ טון.

ישעיה סופר האָט זיך געפילט זייער שולדיק פאַרן רבונו של עולם, פאַרוואָס ער האָט קיין קינדער נישט און נאָך שולדיקער האָט ער זיך געפילט, וואָס ער גט זיך נישט מיט זיין פרום־שמייכלענדיקער פרוי.

האָט ער געוואָלט פאַרגיטיקן זיין שולד און ער האָט אויסגעבויט אַ הויז. אַ קליין שטיבל און האָט עס צעטיילט אויף צוויי חלקים, איין חלק פאַר זיך און איין חלק פאַר כל דכפין, פאַר אַלע שלעפּער, נשרפים, קאַליקעס און שלים־מזלס וואָס קומען אין שטעטל אַריין.

גרויסע עגמת־נפשן האָט ער געהאַט פון זיינע אומזיסטע אורחים, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט. מען האָט עטלעכע מאָל זיינע אָרימע חפצים צוגעגנבעט און ער האָט קיינעם נישט דערציילט, מען האָט זיך עס פון זיין פרוי דערוווּסט.

איך האָב אַמאָל געהערט, ווי יידן האָבן מיט אים איינגעטענהט, אַז ער זאָל אין זיין הקדש איינפירן עפּעס אַ סדר, אַז אין אים זאָלן נישט אַריינפאַלן נישט קיין אָנשטענדיקע מענטשן.

האָט ער מאָדנע געשמייכלט און געזאָגט:

— און אַז מען האָט שלעכטע קינדער, פאַרשליסט מען פאַר זיי די טיר, אָדער מען וואַרפט זיי אַרויס?...

און די טענות זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן.

יידן קלוגע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

איך האָב אין מיין וואַנדערנדיקן לעבן זיך נישט אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ ישעיה חסיד...

און אים האָב איך אפשר צו פאַרדאַנקען איין גרויסע זאַך: ער האָט מיך אויסגעלערנט צו לייענען אַ ספר מיט כונה.

צופעליק איז עס געווען.

אַ ײנגל — האָב איך אַמאָל פאַרשפּעטיקט דעם דאַווענען מיטן מנין. בין איך געגאַנגען אין דאָס חסידיש שטיבל, וווּ מען פלעגט דאַווע־נען שפּעט. בין איך געשטאַנען און האָב פון סידורל פאַר זיך „געזופּט" דעם דאַווענען, אָבגעמאָלט די שמונה עשרה. איך קער זיך אום און זע ישעיה דער סופר שטייט הינטער מיר און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ װױל ײנגעלע, נעבעך, דער טאַטע נישטאָ לעבן דיר, לערנט ער דיך נישט ווי אַזוי צו דאַווענען. דאָס איז נישט געדאַוונט. קום, מיר וועלן ביידע דאַווענען. ווילסט, וועלן מיר ביידע זיך שטעלן שמונה־עשרה.

אַ פאַרשעמטער האָב איך מסכים געווען און ר' ישעיה האָט מיט מיר אָנגעהויבן דאַווענען.

אפשר איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב געזאָגט שמונה־עשרה מיט אמתער רעליגיעזער התרוממות און מיט דער טיפסטער כונה.

די ווערטער אין סידור זענען געווען ברענענדיקע און האָבן מיך גע־צונדן, איטלעכעס וואָרט איז אויסגעוואקסן, געוואָרן גרויס און פייער־דיק.

ר' ישעיה האָט ממש געפיבערט פון רעליגיעזן עקסטאַז און האָט מיך אָנגעשטעקט.

איך האָב קיין מאָל נישט געפילט דעם טעם פון תפילה ווי דעמאָלסט. און ווען איך דערמאָן זיך איצט באַפאַלט מיך אַ שרעק: מען קען פאַרברענט ווערן פון אַזאַ רעליגיעזן פייער...

און ר' ישעיה חסיד האָט געלעבט לאַנג.

אַ מין לעבעדיקער סנה, ער האָט געברענט דריי מאָל אַ טאָג דאַווע־נענדיק און איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך אראָפּגעכאַפּט אין מיין שטעטל, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין ערשטן טאָג אויף ישעיה חסיד:

ער איז שוין געווען אַלט, די לאַנגע און אַמאָל שוואַרצע פּאות זענען איצט געווען ווי לאַנגע שטיקער צעטערפּעט וואָל, אָבער ער איז געגאַנגען אייליק, עפּעס ווי ער לויפט כאַפּן א באַן, וואָס אָט קומט און אַנטלויפט און לאָזט דיך איבער ווי א נאַר.

דאָס איז ער אַזוי געלאָפן דאַווענען.

און וועגן זיין פּריוואַטן הקדש האָט מען מיר דערציילט פּעק מיט מעשיות — איין אורח האָט זיך אַזוי אָנגעשיכורט איינמאָל, אַז ער האָט צעבראָכן אַלץ, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט.

און ישעיהן אַליין, דעם באַלעבאָס, האָט ער נישט געשאַנעוועט, ער האָט אים געשלאָגן מכות־רצח.

און ווען ער איז געקומען אינדערפרי דאַווענען מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און דער עולם האָט אים ארומגערינגלט און געפרעגט: „ר' ישעיה, ווער האָט אייך צעשלאָגן?" האָט ער נישט געענטפערט באַלד, ער האָט קיין ליגן נישט געקאָנט זאָגן, אָבער זאָגן אויף א ייד שלעכטס האָט ער אויך נישט געקענט, האָט ער זיך א היבשע ווײַלע מישב געווען וועלכע עבירה איז הארבער, און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט הפנים, אַז זאָגן אן אומשולדיקן ליגן איז א קלענערע זינד ווי רעדן שלעכטס אויף א ייד, און ער האָט א מורמל געטון:

— איך בין געפאַלן, געפאַלן און צעשלאָגן זיך.

און ער איז צעטומלט געוואָרן, און דער עולם האָט פאַרשטאַנען און מען האָט אים אָפּגעלאָזט.

עס איז געווען אפשר דער איינציקער ליגן, וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין לעבן.

ער האָט זיך נישט געקענט העלפן, ער האָט פון צוויי עבירות אויסגעקליבן די קלענערע.

ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט...

און די דאָזיקע קלענערע עבירה איז אפשר געווען די איינציקע עבירה אין זיין גאַנץ לעבן.

מיינע באגעגענישן

איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, ווען אַ פריינט האָט מיר דערציילט די דאָזיקע מעשה וועגן דעם איינציקן ליגן, וואָס אַ ייד אין מיין שטעטל האָט געזאָגט. האָב איך דערזען פאַר זיך די וועלט, פון וועלכער איך בין געקומען, אַ וועלט, אין וועלכער שקר איז אַ טייל פון דעם טאָג טעגלעכן לעבן, און קיינער האַלט עס שוין גאָרנישט פאַר אַן עבירה...

VI.

אייזיק דער שרייבער

ער איז געווען אַ גרויסער, ברייט־ביייניקער און פעסטער ייד מיט אַ ברייטער, געדיכטער שניי־ווייסער באָרד.

וועגן זיינע יאָרן זענען ארומגעגאַנגען גוזמאדיקע ידיעות: אַלטע ווייבער האָבן געזאָגט, אַז זיי געדענקען אים פון זייער קינדהייט ווי אַ זקן, אַנדערע האָבן נישט ווייניקער מגזם געווען זיין עלטער.

אייזיק אַליין האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיינע יאָרן. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. ער האָט נישט געהאַלטן פון קיין קראַנקהייטן אויף דער וועלט, נאָר פאַר אַ בייז אויג האָט ער שטאַרק מורא געהאַט. ער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קראַנק און ער האָט געהאַלטן אלע ווייטיקן, אַלע שמערצן און קראַנקהייטן פאַר אַן אָנשטעל.

ער איז געווען אונדזערער אַ שכן און מיר פלעגן האָבן צו דערציילן חדושים וועגן זיין אַפּעטיט. ער פלעגט עסן פיל, אָבער נישט מעשה זולל־וסבאניק, ניין, שטיל, מיט הרחבת־הדעת און מיט גרויסער כונה פלעגט ער עסן. ער האָט הנאה געהאַט פון עסן. שטיל, עפּעס פאַרדבקט פלעגט ער קייען און זופּן.

אין עולם ומלואו האָט ער געהאַלטן פון ברויט. פון דעם פּשוטן, שמעקעדיקן, קאָרענעם ברויט. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן ברויט: ברויט איז דער „מן", אין וועלכן עס ליגן אלע טעמים פון אַלע עסנווארגס אויף דער וועלט.

געווען איז ער א לערער פון שרייבן.

אין אונדזער גרויסן צימער זענען געשטאנען לאנגע טישן און אלע צוויי שעה פלעגן קומען נייע 20—25 מיידלעך לערנען זיך שרייבן.

אייזיקס אפירלעך האבן געהאט א שם אין שטעטל דורות־לאנג, דורות האבן געהאט אייזיקס האנטשריפט.

ער פלעגט שרייבן מיט א גענדזענער פעדער. און אייניקע אותיות פלעגט ער אזוי אויסקרייזלען, אויסצאצקען און אויסקאפריזעווען, אז מען פלעגט זיך כסדר חדושן. באוווסט איז געווען זיין „פ״, ער איז געווען שטענדיק גרויס און אינמיטן מיט אזא פעטן קוועטש, אז דער שפיץ פון דער גענדזענער פעדער פלעגט זיך כמעט פונאנדערדרייסן.

די אנדערע אותיות זענען געווען פעסטע, רונדע, קלארע און פשוטע, און אלע מיידלעך פלעגן זיי לייכט נאכמאכן. דעם „פ.״ האט קיינער נישט געקאנט נאכמאכן. אויסער זיינס א מיידל מיט א געלן געקרויזטן קאפ האר.

א שעה צייט פלעגן די מיידלעך שרייבן פון דעם אפיר און ער פלעגט אומגיין און אכטונג געבן, פלעגט פארריכטן, פארבעסערן און דער־קלערן.

די אנדערע שעה פלעגט ער לערנען אויסלייגן. איין טאג פלעגט ער דיקטירן אלע ווערטער מיט א „סגל״. יארן לאנג פלעג איך הערן איין טאג די ווערטער מיט „א סגל״: טעפעלע, בערעלע, שערעלע או״וו. אן אנדער טאג זענען געגאנגען די ווערטער מיט „א קמץ״: באב, גאב, האפ, טאפ, או״וו. דעם דריטן טאג פלעגן קומען ווערטער מיט א פתח, מיט „א מלופום״ און די אנדערע טעג א חירק, א ציירה או״וו.

מיט די עלטערע מיידלעך, מיט די וועלכע זענען דורכגעגאנגען דעם קורס פון „אויסלייגן״, האט אייזיק געלערנט שרייבן בריוו פון א מיידל צו איר חתן, בריוו צו טאטע־מאמע נאך דער חתונה פון דעם שווער־און־שוויגערס הויז, בריוו וועגן דער געבורט פון ערשטן קינד, בריוו וועגן די געשעפטן פון מאן און בריוו וועגן דעם, אז ביי יאנקעלען שניידן זיך צייינדלעך.

צוועלף שעה א טאג האט אייזיק געארבעט, פאר די צוועלף שעה פלעגט די גאנצע מיידלשע יוגנט פון אונדזער שטעטל דורכגיין דעם

גרויסן צימער אונדזערן. אין דער פרי פלעגן קומען די קליינע מיידלעך, בייטאָג — די עלטערע און פאַרנאַכט פלעגן קומען די דערוואַקסענע כלה־מיידלעך.

דער גאַנצער צימער אונדזערער איז געווען אויסגעבאָדן אין טינט, טינט אויף די ווענט, טינט אויף די טישן, בענק און טינט אויף דער פּאָדלאָגע. וועגן די הענט, די פּנימער און די קליידער פון די תלמידות איז גאָר קיין רייד נישט, זיי פלעגן זיך די ערשטע אויסשמירן און טינט.

מיין מוטער פלעגט זיך כסדר קלאָגן, אַז מען האָט „פאַרטינט״ די שטוב. טינט פלעקן פלעגט מען געפינען אויפן ברויט און אפילו אויף די קאַרטאָפלעס.

און אייזיק פלעגט טענהן, אַז טינט איז נישט קיין סם און נישט קיין שמוץ, טינט איז פאַרב, טינט איז א הייליקע זאַך: מיט טינט שרייבט מען ספרי־תורהס און אַנדערע הייליקע ספרים.

אייער „צאינה־וראינה״ און „תחינות״ זענען געדרוקט מיט טינט, — פלעגט ער טענהן צו מיין מוטער.

און דאָ איז שוין מיין מוטער אינגאַנצן באַזיגט געוואָרן. זי האָט שוין גאָרנישט געקענט ענטפערן — דער „צאינה־וראינה״ אַליין איז געדרוקט מיט טינט...

א מערקווירדיקער ייד איז געווען דער דאָזיקער אייזיק. א געזונטער, א דעמבענער ייד, האָט ער געוווסט נאָר צו אַרבעטן, עסן און שלאָפן. ער איז נישט געווען פרום, פלעגט דאַווענען פויל און אויבערפלעכלעך. לערנען פלעגט ער גאָרנישט. ער האָט געהאַט בלויז איין שוואַכקייט און דאָס איז געווען געאָגראַפיע. ער האָט געהאַט עטלעכע לשון־קודשדיקע ביכלעך און צווישן זיי עפּעס א ספרל דוכט זיך מיטן נאָמען „שבילי הארץ״. און ווו נאָר א שמועס, פלעגט ער זיין דאָ מיט זיין געאָגראַפיע. מען האָט געמעגט רעדן וועגן זוהר, וועגן תוספות, וועגן מהרש״א, פלעגט ער אריינפאָרן מיט זיין געאָגראַפיע.

זיינע ידיעות אין געאָגראַפיע האָבן אים געמאַכט מסתמא פאַר א ליידנשאַפטלעכן „רייזענדער״.

אייזיק האָט געהאַט א האַלבן טוץ קינדער פון זיין ערשטער פרוי

און זיינע קינדער זענען אַלע געווען דאָרפישע תושבים אין די דערפער אַרום אונדזער שטעטל.

און יעדן דאָנערשטיק אינאָוונט, ווען ער פלעגט פאַרטיק ווערן מיט דער וואָך אַרבעט, פלעגט ער נעמען זיין גרויסן שטעקן און אַוועקלאָזן זיך צופוס צו איינעם פון זיינע קינדער. עס האָט געמעגט זיין די גרעסטע זאַווערוכע, עס האָט געמעגט מבולען, בליצן און דונערן, די וועגן האָבן געמעגט זיין פאַרטראָגן מיט בערג שניי און פאַרפלייצט פון גרויסע רעגנס, אייזיק פלעגט דאָנערשטיק אינאָוונט אַוועקגיין און זונטיק אין דער פרי, אַ בליאַסק אויף טאָג, איז ער געווען צוריק. אַ נאַכט געגאַנגען, נישט געשלאָפן, פלעגט ער אַ דאַוון טון, אָפּעסן געשמאַק און נעמען זיך צו דער אַרבעט אַ פרישער, אַ מונטערער אַזוי ווי ער איז ערשט אויפגעשטאַנען פון בעט.

אייזיק פלעגט זאָגן, אַז גיין איז גוט נאָר ביינאַכט. און אַלע זיינע פוס־רייזעס זענען געמאַכט געוואָרן נאָר ביינאַכט.

יעדע וואָך פלעגט ער האָבן צו דערציילן פון זיין רייזע. ראשית פלעגט ער דערציילן פון פרישן זויער־מילך און שמעקעדיקן ברויט, וואָס ער האָט געגעסן אין דאָרף און דערנאָך וועגן די פּאַסירונגען פון דער רייזע גופא.

ווינטער פלעגט ער דערציילן וועגן וועלף, וואָס ער האָט באַגעגנט אין דער פינצטערניש און זייערע אויגן האָבן געברענט ווי ליכטלעך. זומער פלעגט ער דערציילן וועגן פייגעלעך און זייער זינגעריי. אָפט פלעגן אים כאַפּן זאַווערוכעס אויפן וועג און דאָ האָט ער געהאַט צו דערציילן שרעקלעכע מעשיות וועגן דעם ווי ער האָט זיך געדרייט אַ גאַנצע נאַכט אויף איין אָרט און ווי עס איז נאָר ליכטיק געוואָרן האָט ער דערזען, אַז ער שטייט לעבן דער טיר פון זיין טאָכטערס הויז אין דאָרף.

דער דאָזיקער אייזיק האָט מיט זיינע מעשיות געררייצט מיין קינדישע פאַנטאַזיע און איינמאָל האָב איך זיך ביי אים איינגעבעטן, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען אויף אַזאַ רייזע. נאָך לאַנגע געוויינען און טענות מיט מיין מוטער בין איך איינמאָל אַוועק מיט אייזיקן צו זיינער אַ

טאַכטער אין דאָרף. עס איז געווען גראד זומער, און אויסגעשטערנטער הימל איז געשטאַנען שטיל־גערהיימניספול איבער דער וועלט.

ווי מיר זענען ארויס הינטערן שטאָט, איז מיך באַפאַלן אן אימה, עפּעס פון אלע זייטן האָט מען זיך געשושקעט און געטייטלט מיט די פינגער אויף מיר; דער קלענסטער שאָרך האָט מיך אויפגעטרייסלט, נאָר איך האָב זיך געשטאַרקט און געגאַנגען, אָבער ווען מיר זענען אריין אין א וועלדל, האָב איך זיך צעוויינט און האָב ווייטער נישט געוואָלט גיין. עס איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַזאַ אימה, אז די פיס זענען מיר געליימט געוואָרן.

און דאָ איז אייזיק געוואָרן אזוי צערטלעך, אזוי ליבע רעדעוודיק און אזוי פאָטערלעך צוגעלאָזן צו מיר, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן פילן זיכערער. און וואָס פאַר אַ קלוגע מיטלען האָט ער אויסגענוצט צו באַרו־איקן מיך, צו פאַרטרייבן מיין שרעק און צו אויפמונטערן מיך.

ער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַסן, צו שטיפן מיט מיר, ער האָט גע־נומען שרייען, קוויטשען און האָט געלאַכט פון דער עכאָ, וואָס האָט אים געענטפערט, און כדי צו אָפּציען מיין אויפמערקזאַמקייט פון דער גע־היימניספולער און שרעקעוודיקער פינצטערניש אין וואַלד, האָט ער זיך גענומען צו זיין געאָגראַפיע. די גאַנצע געאָגראַפיע האָט ער מיר איבער־דערציילט.

אָבער אין סאַמע מיטן האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי אין וואַלד. איך בין אויף טויט דערשראָקן געוואָרן. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס זענען גזלנים, מכשפים, און זיי יאָגן זיך נאָך אונדז.

אייזיק האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד און האָט געזאָגט קורץ:

— אַ פור פאָרט הינטער אונדז, אַ גויאיש פורל פאָרט פון שטאָט אין דאָרף.

און כך הוה — אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט דייטלעך דאָס קלאַפּעריי פון אַ ליידיק וועגעלע, וואָס לויפט געשווינד און פריילעך.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז דאָס וועגעלע געווען לעבן אונדז.

— אהא, אייזיק, האָט דער פויער דערקאַנט אייזיקן. גאָר מיט אַ יינגל גייסטו. קריך ארויף אויפן וואָגן וועסטו צופאָרן אַ פּאָר וויאָרסט.

אייזיק האָט זיך געקווענקלט, ער האָט פּיינט געהאַט אַ וואָגן שנאת־מות, נאָר ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, דערזען מיין תחנונימדיק פּנים און ער האָט געזאָגט זויער און אומצופרידן. קריך אויפן וואָגן, ישיבה בחור.

איך בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן מיט אַזאַ שמחה, אַז דער גוי און אייזיק האָבן זיך צעלאַכט.

אָבער מיין שמחה איז געווען אַ זייער קורצע. אייזיק מיטן גוי האָבן אָנגעהויבן דערציילן אַזעלכע שרעקלעכע מעשיות, אַז מיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן א צאָן אָן אַ צאָן. דאָס פּויערל האָט דערציילט מעשיות וועגן נישט־גוטע, וואָס האָבן מיט אַכט טאָג צוריק פאַרמאַטערט זיין פערדל, מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן זיי אויסגעטרונקען דאָס וואַסער פון זיין ברונעם און ער איז צוויי טעג געווען אָן וואַסער און נאָך אַזעלכע מעשיות. אייזיק פון זיין זייט האָט אָנגעהויבן זיינע מעשיות, די שרעקלעכע פּאַסירונגען אויף זיינע פּוס־רייזעס. ווייטער שדים, וועלף, גרויסע יאַשצעריצעס מיט ווייבערשע פּנימער. און נאָך מעשיות פון פאַרשטאָר־בענע משומדים, קאַלבאַסניקעס, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין די וועלדער אַרום אונדזער שטעטל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין ערשטע יינגלשע רייזע.

דער הימל איז שוין געוואָרן בלאַס־ליכטיקלעך, ווען מיר זענען גע־קומען צו אייזיקס טאַכטער. אַלע אין שטוב זענען שוין געווען וואַך. מען האָט באַגעגנט דעם אַלטן קאַלט, אָבער פריינטלעך ווי די טבע פון פאַר־האַרעוועטע דאָרפישע מענטשן.

אייזיק האָט געוואַשן די הענט, זיך געשטעלט דאַווענען און מיר געגעבן אַ ווונק, אַז איך זאָל אויך טון דאָס נעמלעכע.

אָפּגעדאַוונט (איך האָב זיך געסטאַרעט צו נאָכגיין אין שנעלקייט פון דאַווענען אייזיקן) און מיר האָבן זיך געזעצט עסן זויער־מילך, קאַר־טאָפל און וואַרימען, זויערדיק־שמעקנדיקן קאָרן־ברויט.

אייזיק האָט געלויכטן פון גדולה:

— דאָס איז זויער־מילך...

און איך האָב אויך געגעסן מיט אַ שאַרפן אַפּעטיט, מיר האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז אַזאַ זויער־מילך קען מען ערגעץ נישט קריגן, מען

מוז גיין א גאַנצע נאַכט איבער פעלדער און וועלדער, איבערלעבן טויט־שרעק ביז מען קומט צו אַזאַ ביסל זויער־מילך.

אָבער אין האַרצן האָב איך פונדעסטוועגן באַשטימט, אַז איך גיי נישט נאָכאַמאָל אַפילו צוליב אַזאַ זויער־מילך...

***

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ליטעראַטור האָב איך געמאַכט דורך דעם דאָזיקן פּויערישן ייד, וואָס איז על פּי טעות געוואָרן אַ לערער פון שרייבן.

אייזיק האָט געהאַט אַ טאָכטערל פון זיין צווייטער פרוי. זי איז געווען אַ געראָטן קינד, זי האָט נאָכגעמאַכט איר טאַטנס כתב צו 4 יאָר, אַז מען האָט פּשוט נישט געקענט דערקענען דעם מינדעסטן אונטערשיד. צו 15 יאָר האָט זי שוין געהאַט אַ טיש מיט מיידלעך און האָט געהאָלפן דעם טאַטן אין זיין אַרבעט. זי האָט געשריבן די זעלביקע אַפּיר און געלערנט אויסלייגן לויט זיין מעטאָדע.

אייזיק איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין טאָכטערל, ער האָט געזען פאַר זיך אַ לעבעדיקן יורש וואָס וועט ממשיך זיין זיין אַרבעט, זיינע גרויסע „פ״ען מיט אַ קוועטש אינמיטן, זיינע געקרייזלטע „ש״נען און „צ״קן וועלן נישט שטאַרבן מיט אים, און זיין גענדזענע פעדער וועט קעמפן מיט די נייע, האַרטע און פראַזאַאישע שטאָלענע פעדערס.

האָט ער איר געוואָלט איבערגעבן אויך זיין גאַנצע חכמה, זיינע ידיעות אין געאָגראַפיע און די מעשיות אין לשון־קודש, וואָס ער האָט געהאַט.

און איינאָוונט פאַר אַ רויכערדיקן קעראָסין־לעמפּל האָט ער מיט איר געלייענט זיינע עטלעכע ספרים.

און איין מאָל, איינאָוונט, האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס זיי לייענען און איך בין געפאַנגען געוואָרן פון דער וואונדערלעכער מעשה.

ער האָט געלייענט מיט זיין טאָכטער „מסתרי פּאַריז״ אין קלמן שולמאַנס איבערזעצונג.

און יעדן אָוונט פלעג איך זיצן ביים טיש און הערן דאָס בייזערן

זיך פון דער מוטער, דאָס טרייבן פון אייזיקן אליין האָבן נישט געהאָלפן, ווי נאָר זיי פלעגן זיך אוועקזעצן לייענען, פלעג איך זיין דאָ.

אלמעכטיקער גאָט! וואָס איך האָב איבערגעלעבט הערנדיק די שרעקלעכע פאַריזער געהיימנישן.

א ווינטער א גאַנצן האָבן „מיר" געלייענט דאָס בוך.

און דעם אַנדערן ווינטער האָבן „מיר" אָנגעהויבן לייענען „אהבת ציון" פון אברהם מאפו. דאָס דאָזיקע בוך האָט נאָך געמאַכט נאָך א טיפערן רושם, ביסלעכווייז האָבן מיר טאָקע אלע דריי צוזאַמען געלייענט.

דאָס מיידל איז געווען פלינקער פאַר מיר אין לייענען, אָבער ווערטער האָב איך געוווסט מער פון איר און אפשר מער פון אייזיקן. אייזיקן פלעגט עס פאַרדריסן, נישט וואָס איך וויים מער ווערטער פאַר אים, נאָר דאָס, וואָס איך וויים מער ווערטער פון זיין רויזלען. ער האָט געהאַלטן, אַז רויזל איז א גאון, און באמת, דאָס מיידל האָט אַזוי לייענענדיק זיך אויסגעלערנט העברעאיש.

און אין א קורצער צייט איז זי געוואָרן א העברעאישע לערערין, ד"ה זי האָט געשריבן העברעאישע אַפּירלעך און געלערנט אויסלייגן אויף העברעאיש. דאָס מיידל האָט געשמט אין שטעטל. און אייזיק איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איר האָט ער געהייסן נעמען רוסישע לעקציעס ביי דעם איינציקן רוסישן לערער אין שטעטל. אין א קורצע צייט ארום האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן רוסישע אַפּירלעך מיט א וווּנדערלעכן כתב און לערנען אויסלייגן רוסיש.

מיין יינגלשער שטאָלץ און מיינע ידיעות אין תלמוד האָבן נישט געלאָזט צו אָנערקענען רויזלען און איך פלעג אייזיקן פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש מיט מיין בטול צו רויזלס קענטענישן.

דער אַלטער אייזיק האָט געחלומט, אַז פון רויזלען וועט אויסוואַקסן עפּעס אַזוינס, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען.

צו פופצן יאָר איז זי געווען אויך זייער געראָטן פיזיש און מען האָט גערעדט, אַז דער רוסישער לערער, וואָס איז געווען אויך אַן „אדוואָקאַט" (א ווינקל אַדוואָקאַט) חתנט זיך מיט איר.

אייזיק איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון גליק, איין קינד און

איין איידעם נישט קיין ישובניקעס. ער האָט טאַקע ליב געהאַט דאָס דאָרף, ער האָט טאַקע פאַרגעטערט די דאָרפישע זויער־מילך, אָבער פאַר רויזלען האָט ער געוואָלט בעסער אַ שטאָטישע קאַריערע.

שפּעטער, אין יאָרן ארום, ווען איך האָב באַזוכט מיין שטעטל, האָב איך נישט געפונען רויזקען ווי זי איז געווען אין דער קינדהייט.

אַ פּראָווינציעל מיידל נעבעך, וואָס האָט באַדאַרפט און געקענט עפּעס זיין, אָבער די פּראָווינץ האָט זי אויפגעגעסן. אירע קענטענישן זענען מיר אויסגעקומען לעכערלעך, און ווען נישט מיין באַהאַלטענע באַוואונדערונג צו איר פון דער פריסטער יוגנט, וואָלט איך געקוקט אויף איר מיט בטול.

און פון די חלומות וועגן גליקלעכע חתנים האָט זיך אויך אויסגעלאָזט אַ טייך. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קליינעם סוחרל און געשטאָרבן פון דעם ערשטן קימפּעט.

דאָס האָט אייזיקן דערשלאָגן. דער דעמב האָט זיך איינגעבויגן און ער איז געוואָרן מיטאַמאָל אַלט, אַזוי אַלט, אַן אימה פשוט.

***

די ערשטע טריט צו ליטעראַטור האָט אייזיק מיט מיר געמאַכט. איך האָב ווייטער קיין ביכלעך מיט אים נישט געלייענט. איך בין אוועק איינגאַנצן אין תלמוד, אָבער שטענדיק פלעגן מיך די עטלעכע ביכלעך פאַרפאָלגן.

און אַז איך האָב זיך גענומען בילדן, בין איך שוין נישט געווען איינגאַנצן קיין ווילדער:

איך האָב אין מיין פריער יוגנט געלייענט „מסתרי־פּאַריז״, „אהבת ציון״ און „שבילי הארץ״...

VII

עליע באַנדע

אַ סך יידן לײַדיק־גייער זענען געווען אין אונדזער שטעטל. גייען אַרום יידן איבער די גאַסן, דרייען זיך אויפֿן מאַרק שעהען לאַנג, זיצן אין בית־מדרש, דאַווענען לאַנג, שמועסן לאַנג, לערנען און דו ווייסט נישט, פֿון וואַנען לעבן אַזעלכע יידן. זיי האָבן פֿרויען, קינדער און קיי־נער ווייסט נישט, ווער עס באַזאָרגט זיי מיט חיונה.

פֿלעגט קומען דער זונטיק, פֿלעגן די דאָזיקע אַלע לײַדיק־גייער עפּעס שמאַיען, האַווען, דרייען זיך צווישן די פּויערישע וועגענער, טאַפּן די זעקלעך, עפּעס טענהן און האַמפּערן זיך.

געווען אָבער א ייד, וואָס איז געווען דער גרעסטער לײַדיק־גייער אין אונדזער שטעטל. עליע באַנדע האָט געהייסן דער ייד. שטענדיק האָט איר געזען דעם קורצן יידל מיטן אָנגערוקטן היטל איבער די אויגן און מיט זיין אייביקער פּיפּקע אין מויל.

לצים פֿלעגן זאָגן, אַז נאָר ביינאַכט איז ער פֿאַרנומען: ביינאַכט שלאָפֿט ער.

ער האָט נישט געלערנט, ער האָט אפֿילו ביים דאַווענען געפּוסטע־פּאַסטעוועט.

ער האָט געהאַט אַ פֿרוי, האָט ער פֿאַר איר נישט געזאָרגט. ער האָט געהאַט קינדער און ער איז פֿאַר זיי קיין טאַטע נישט געווען. זענען זיי געווען די ווילדסטע גאַסן־יונגען. איינער איז געווען דער שטאָט־משוגענער פֿון פֿיינערן טיפּ.

און ער איז ארומגעגאַנגען מיט זיין פּיפּקע אין מויל אָן זאָרגן, אָן דאגות און אָן עגמת־נפשן.

ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט און איז געווען אַ למדן, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט און ווו נאָר עס איז געווען אַ ספק צווישן צוויי סוחרים, איז ער געווען דער בורר, און ער האָט ארויסגעוויזן שאַר־פע פאַרשטענדעניש פאַרן מסחר. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט אינ־טערעסירט און האָט אַלעמען געקאַנט אויסגעבונדן מיט אַלע זייערע שוואַכקייטן און מיט זייערע משוגעתן. ער איז געווען דער גרעסטער קבצן און האָט געזאָגט אומעטום די גרעסטע דעה. ער פלעגט אָנקומען צו די גבירים ווינטער אויף האָליע, פּסח אויף מצות און וויין, אָבער ער איז געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט זיך שטעכן און בריען מיט בייזע ווערטלעך.

עליע באָנדע פלעגט בראָקן דעם אמת אין די אויגן הויך און עזות־דיק און אַלע האָבן עס אָנגענומען מיט אַ שמייכל.

געווען באַלעבאַטים, וואָס פלעגן שטיין לאַנג שמונה־עשרה, פלעגט דער חזן וואַרטן, ביז זיי וועלן אויסגיין. עליע באָנדע פלעגט „אויסגיין" פריער פאַר אַלעמען און ווי ער פלעגט פאַרטיק ווערן מיט דער שמונה־עשרה, פלעגט ער אָנהויבן קלאַפּן איבערן סטענדער און אָנהויבן „נוקען", אַז דער חזן זאָל אָנהויבן.

דער חזן פלעגט אָבער נישט וואַגן צו אָנהויבן, זעענדיק ווי דער גאַנצער מזרח שטייט נאָך שמונה־עשרה.

— מירן דאַרפן וואַרטן יאָרן, ביז די מזרח־באַלעבאַטים וועלן זיך אויסלערנען צו זאָגן גוט עברי, — פלעגט עליע באָנדע אויסשרייען און דער עולם פלעגט זיך צעלאַכן.

מיר, גמרא־יינגלעך, האָבן נישט געגלויבט, אַז עליע באָנדע קען לערנען, מיר האָבן אים „קיינמאָל נישט געזען לערנענדיק". איינמאָל האָבן מיר באַשטימט צו אויספּרובירן אים. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ האַרבע סוגיא אין אַ מסכת און זענען צוגעקומען צו אים כלומרשט צו בעטן אים, אַז ער זאָל אונדז דערקלערן און מיר זענען נשתומם געוואָרן פון דער לייכטקייט און קלאָרקייט, מיט וועלכער ער האָט אונדז די סוגיא דערקלערט.

און װען ער איז פֿאַרטיק געװאָרן, האָט ער אונדז געזאָגט:

— איך װײס, באַר־יונגען, אַז איר האָט געװאָלט אױספּרובירן, צי עליע באַנדע איז נישט טעמפּ אױף אַ שטיקל גמרא. װאָס איך האָב פֿאַרגעסן, קענען עס נישט אײערע רבײם און אַלע גראַשענע עלױימלעך, די זײדענע אײדימלעך, װאָס רײבן די הױזן צװעלף שעה אַ טאָג אױף די בית־המדרש־בענק.

עליע באַנדע איז געװען אַ גרױסער נבול־פּהניק. אַז ער פֿלעגט צו־נױפֿנעמען אַ רעדל ייִדן און אָנהױבן „דרשנען", פֿלעגן די עלטערע ייִדן אַװעקטרײַבן די ייִנגלעך, כּדי זײ זאָלן נישט הערן עליע באַנדעס פּעטע נבול־פּה.

אין אָרימאַן, אַ שרעקלעכער קבצן, פֿלעגט ער אַלעמאָל שטײן אױף דער זײַט פֿון די גבירים און באַלעבאַטים בײַ די אָפּטע מחלוקתן צװישן זײ און דעם המון. פֿלעגן קומען אַמאָל אַ כאָפּטע שנײַדער, אָדער שוס־טער מעכבֿ־הקריאה־זײַן אין גרױסן בית־המדרש און מאָנען יושר, טענהן פֿאַר גערעכטיקײט. פֿלעגן די גבירים אַפֿריער אַלײן צעבײזערן זיך, אַלײן אָנהױבן אױסטענהן זיך, און אַז עס פֿלעגט נישט העלפֿן, פֿלעגן זײ בעטן עליע באַנדען.

— נו, עליע, מאַך אַ טאָלק.

און עליע באַנדע פֿלעגט זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן. ער פֿלעגט זיך אַרױפֿװאַרפֿן אױף די מעכבֿ־הקריאהניקעס װי אַ טיגער. אַ שטים האָט ער געהאַט, מיט װעלכער ער האָט געקענט אַלעמען איבערשרײַען. אַ חתוך־הדבור האָט ער געהאַט אַ װוּנדערלעכן און זידל־װערטער, שאַרפֿע, קלוגע און בײזע האָט ער געהאַט אַ תהום.

זײַן מעטאָד איז געװען אַ טרײַפֿער און אַן אכזריותדיקער. ער פֿלעגט זיך נעמען צו אײנעם און פֿלעגט אים אָנהױבן מבטל זײַן, אױסלאַכן און באַשפּײַען אַזױ, אַז יענער האָט פֿאַרלױרן דאָס לשון און דער עולם האָט זיך געהאַלטן בײַ די בײַכער לאַכנדיק.

ער האָט געװוּסט אַלעמענס שװאַכקײטן, ער האָט געװוּסט, װאָס עס קאָכט זיך בײַ יעדן אין טעפּל און װאָס עס טוט זיך בײַ יענעם אין הױז.

געװען בײַ אונדז אײנער ניסן דער שנײַדער. איז ער געװען דער

שטענדיקער מעכבֿ־הקריאהניק אין בית־המדרש און אין גאַס א שרייער, א קאָך־לעפל, א בעל־דעה, א קהלניק, וווּ צוויי איז ער געווען דער דריטער. דער דאָזיקער יאַבעדניק האָט אָבער געהאַט א פּרוי א קאָזאַק און ביי זיך אין דער היים איז ער געווען נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער. לציס האָבן געזאָגט, אַז די גרויסע יידענע זיינע שלאָגט אים מכות־רצח.

און איינמאָל, ווען ניסן איז געקומען מעכבֿ־הקריאה זיין און האָט זיך געקאָכט, געאַמפּערט, האָט עליע באַנדע א קלאַפּ געטון איבערן סטענדער און מיט זיין לייבן־שטימע אויסגעשריען:

— עה, דו, בריה מיינער, גיי און זיי מעכבֿ־הקריאה ביי דיין ברײנע!

עס איז געוואָרן א געלעכטער. דער שניידער ניסן האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און דער גאַנצער ענין האָט פאַרלוירן זיין שאַרפקייט און זיין בייזקייט.

אויף עליע באַנדעס פאַרוואַקסענעם פּנים איז געלעגן אן אייביקע בייסיקע איראָניע. דאָס אַראָפּגערוקטע היטל איבער די אויגן האָבן דאָס נאָך געמאַכט בולטער. פון אונטערן קאַזיראָק פון היטל האָבן געשפּיזלט א פּאָר שלעכטע און קלוגע קליינע אויגן.

ער איז געווען אן אביון, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. ער האָט געהאַט צרות פון קינדער און האָט עס צום הארצן נישט גענומען.

שטאָט האָט אים אויסגעהאַלטן און ער האָט פון שטאָט געחוזקט.

און געלעגן איז עפּעס א רוח אין דעם דאָזיקן ייד. ער פלעגט אַלעמען באַליידיקן און אַלע האָבן עס אויפגענומען געדולדיק.

ער האָט פאַרמאָגט א פאַרניכטנדיקן ביטול צו אַלץ און צו אַלע־מען. דער ביטול איז געגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט טאַקע באמת קיין זאַך אין דער וועלט נישט גענומען ערנסט.

עס איז געווען א בריהשקייט פון אים צו לעבן אזוי פריי, אזוי זאָרג־לאָז און אזוי אומאָפּהענגיק אין אזא שטעטל, וואָס איינער האָט נאָכ־געקוקט דעם אַנדערן, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן געהאַלטן אין מורא. ער האָט געהאַט א זון, האָט ער געהייסן מרדכי באַנדע. האָט דער

דאָזיקער זון געוואָלט לעבן ווי זיין טאַטע; ער האָט געוואָלט זיין אַ לײדיקגייער, אַן אומאָפּהענגיקער און אַ פרייער.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ער איז געווען אַ בעטלער. ער האָט אָנגעהויבן בעטלען אַ שטיקל ברויט. ער פלעגט אויך ווי זיין טאַטע זיין עזותדיק און ווארפן דעם אמת אַלעמען אין פנים. דער סוף איז אָבער געווען, אַז מען האָט אים דערקלערט פאַר אַ משוגענעם.

ער האָט נישט געקענט זיין ווי זיין טאַטע.

איך בין עד היום מסופק, צי מרדכי איז געווען משוגע; דאָס שטעטל האָט נישט געוואָלט האָבן אַ צווייטן עליע באַנדע. עס האָט נישט גע־וואָלט אָנערקענען קיין יורש און עס האָט אים דערקלערט פאַר אַ משו־גענעם.

און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך אַליין אָנערקענט פאַר אַ משוגענעם.

זיין טאַטע איז מסתמא געווען אַ פערזענלעכקייט און אַלץ איז ביי אים אַרום עפּעס און קערנדיק. ער אָבער האָט געוואָלט בלויז נאָכמאַכן זיין טאַטן און עס איז אַרום משוגעת...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָן אַ פאַל, וואָס האָט מסתמא געהאַט אויף מיר אַ ווירקונג אין מיין לעבן.

איך בין דאַן געווען אַ פערצן יאָריק יינגל. עס איז מיך דאַן באַפאַלן אַ ווילדע התמדה צום לערנען. איך פלעג לערנען טאָג־און־נאַכט, עפּעס ווי אַ פאַרטויבטער, ווי אַ צעדולטער פלעג איך מעת־לעתן זיך שאָקלען איבער דער גמרא און לערנען מיט גרויסער דבקות.

צוויי מאָל אין וואָך פלעג איך מאַכן משמור, ד. ה. פלעג לערנען אַ גאַנצע נאַכט. אָפּט פלעג איך איינער אַליין זיצן אַ גאַנצע נאַכט און לערנען.

איינמאָל, עס איז געווען פאַרטאָג, בין איך געזעסן און געלערנט פאַרטיפט און מיטאַמאָל איז אויסגעוואַקסן איבער מיר עליע באַנדע.

— לערנסט? דו ווילסט נעמען אַ רייכע כלה און דערנאָך ווערן אַ רבֿ אין אַ שטאָט? — האָט ער אָנגעהויבן שטעכעדיק און איראָניש. זיין קול איז געווען אַביסל הייזעריק און שלעכט.

— איך טראַכט נישט פון אַ כלה, האָב איך געזאָגט פאַרשעמט.

— דו טראַכסט יאָ. איך האָב אויך געטראַכט פון דעם, ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן. ווילסט אַ רייכן שווער וואָס זאָל דיך שלעפּן אויף זיינע פּלייצעס. דו וועסט קוועטשן די באַנק און ער וועט דיר געבן עסן, דיין ווייב און דיינע קינדער.

— איך קלער נישט פון דעם, האָב איך זיך געהאַלטן ביי מיינס.

— דו קלערסט יאָ.

און מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען אויסלאַכן דעם גאַנצן תלמוד, מיט די פּשטלען און מיט די פּלפּולים.

שטיל און טונקל איז געווען אין בית־המדרש און אַן אימה איז אַנגעפאַלן אויף מיר פון זיינע שרעקלעכע רייד.

און ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט גענומען פּאַלמעסן אַלע לומדים, אַלע גבירים פון שטעטל. ער האָט באַוויזן, אַז זיי זענען אַלע צבועים, ליגנער, טריפה יידן, די כלומרשטע לומדים זענען עמי־הארצים און די גבירים זענען גנבים און גזלנים.

— איך האָב פאַרשדכנט דעם גביר דעם איידעם זיינעם, דעם ווויל־לערנער, איך האָב באַקומען שדכנות־געלט. דער ווויל־לערנער איז אַ פּוסטע כלי. דריי דרשות האָט ער זיך אויסגעלערנט און מיט זיי האָט ער זיך קונה שם געווען אָבער דער גביר האָט אים אויך אָפּגענאַרט; זיין טאָכטער איז אַ קראַנקע צרה. זיי האָבן איינע די אַנדערע באַשווינדלט. דער איינציקער ערלעכער מאַן אין דעם שווינדל בין איך געווען, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דער בחור איז אַ פּוסטע כלי און די כלה איז אַ צרה און זיי זענען ווערט איינע די אַנדערע. דער יונגער באַלעבעסל איז געוואָרן אַן איידעם פון קעסט, ווייל איך האָב עס געוואָלט. איך האָב געטון אויף צו להכעים און אויף צעפּיקעניש די אַלע יונגעלייטלעך, וואָס זענען געווען זיינע חברים. מען שווינדלט מיטן לערנען, מען האַנדלט מיט דער תורה ווי מיט הערינג. און וואָס זיצסטו און קוועטשסט די באַנק. לאָז אָפּ. עס וועט קומען אַ צייט, קום צו מיר, וועל איך דיך פאַרשלייערן צו אַ רייכן שווער, וואָס האָט אַ צרה אַ מויד. דאַרפסט נישט האָרעווען טאָג און נאַכט. מאַך זיך, אַז דו לערנסט, ביי־טאָג, ווען אַלע זענען אין בית־המדרש און אַלע גייען פאַרביי דעם בית־המדרש,

זיץ און לערן אויפן קול, זינג און שרײַ... און בשעת קײנער זעט נישט, עס, שלאָף און טו גאָרנישט. טו װי אַלע טוען, זײַ נישט קײן לעמעשקע...

ער האָט גערעדט ביטער און בײז. און װי עס האָבן זיך אָנגעהױבן װײַזן מענטשן אין בית־המדרש, האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און איז אַװעק.

און א ביטערן חשד און אַ בײזן אומצוטרױ האָט ער פאַרזײט בײַ מיר אין האַרצן.

איך האָב זיך אָנגעהױבן צוצוקוקן צו אַלע ישיבה־בחורים, צו אַלע באַלעבעסלעך לומדים, צו די פּאָר פּרושים און צו אַלע אַנדערע, װאָס האָבן זיך געַ'רב'לט און גע'לומד'ט און איך האָב כסדר געפונען, אַז עליע באַנדער איז גערעכט.

עס האָט זיך בײַ מיר אַנטװיקלט עפּעס אַ מין חשד־קראַנקהײט, א מין אומצוטרױ־חולאַת. און געשפּײַזט האָט זיך די קראַנקהײט פון די טאָג־טעגלעכע באַשטעטיקונגען פון עליעס לשון־הרע, װאָס דאָס לעבן האָט מיר כסדר אונטערגערוקט.

לאַנג בין איך געװען פאַרסמט פון חשד, ביז די צײַט האָט מיך אױסגעהײלט פון דעם, װי זי הײלט אױס פון אַנדערע פיזישע און פּסי־כישע חולאתן.

איך האָב פײַנט באַקומען עליע באַנדע. איך האָב פאַר אים מורא געהאַט און פונדעסטװעגן האָב איך געזוכט אַ געלעגנהײט צו רעדן מיט אים, צו הערן פון אים נאָך רשעותדיקע רכילותן און איבערגעבן אים די באַשטעטיקונגען, װעלכע איך האָב געהאַט אין מײַן מוח בערג גאַנצע.

אָבער עליע באַנדע האָט מיך אױסגעמיטן, ער האָט קײנמאָל מיט מיר מער נישט גערעדט. ער האָט זיך געמאַכט אַזױ װי ער קען מיך נישט.

דער חשד, װאָס עליע האָט אין מיר פאַרזײט, האָט אָנגעשאַרפט מײַנע בליקן און מײַן נײַגעריקײט אױך אױף אים אַלײן.

עס זענען בײַ מיר אױפגעקומען הונדערטער פראַגן און טױזנטער חשדים אױף אים אַלײן — פון װאַנען לעבט ער? װו קריגט ער געלט? און נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן.

איך האָב אָנגעהױבן אַרײַנצוציען מײַנע חברים אין שמועסן װעגן עליען און אױספּילצן בײַ זײ עפּעס װעגן דעם דאָזיקן ייִד.

האָב איך זיך דערוווסט פאַרשידענע זאַכן, אָבער מיין נייגעריקייט איז נישט געשטילט געוואָרן. איך האָב זיך געגרונטעוועט און געגריבלט.

האָב איך זיך דערוווסט, אַז עליע באַנדע איז א שותף צו אַלע שטילע, טריפה און בכלל לופט־געשעפטן.

טוט א רייכער באַלעבאָס א שידוך, פאַלט אַריין עליען שדכנות־געלט. ער איז נישט דער שדכן, דאָס איז פאַר אים אַ צו גרויסע אָנשטרענגונג, אָבער דער שדכן גיט אים א טייל, אַז ער זאָל נישט קאַליע מאַכן, ער זאָל נישט אַריינשטעקן זיין לאַנגע צונג.

פירט אוים א מעקלער עפּעס א געשעפט, באַקומט עליע פון דער מעקלעריי עפּעס, עס איז „לא־יחרץ״־געלט.

האָט איינער עפּעס אָפּגעטון פּינצטערע געשעפטן מיט פּריזיוון, באַקומט עליע א חלק.

צענד־ליקער יידן האָוען, שמאיען, לויפן ווי צעטומלטע און עליע דער ליידיק־גייער באַקומט אַ חלק, ווען עס פאַלט זיי אַריין אַ שטיקל פּרנסה

עליעס כוח צו קאַליע מאַכן איז געווען גרויס, דאָס האָבן אַלע געוווסט און מיט דעם דאָזיקן בייזן און אומפּרוכטבאַרן כוח האָט ער געלעבט.

האָב איך אָנגעהויבן זען ווי יידן שושקען זיך בסדר מיט עליען און רעדן מיט אים אויף גנבישן לשון.

קיינער האָט זיך נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון אים מיט אַ געשעפטל, מיט אַ שידוך, אָדער מיט אַ פּלאָנטער.

ווי איינער האָט אָנגעהויבן עפּעס טון, פלעגט שוין עליע צוגיין צו אים און פלעגט אים זאָגן, וואָס ער איז בדעה צו טון און פלעגט אַלע מאָל ענדיקן:

— נישט מיין עסק, פאַרשטייסט?...

און יענער האָט שוין פאַרשטאַנען.

אַ טבע האָט ער געהאַט נישט צו דינגען זיך. ער האָט קיין פּרייזן פאַר לא יחרץ נישט געשטעלט. מען האָט עס ביי אים געקענט קויפן פאַר זייער ביליק. ער פלעגט אפילו נישט קוקן ווי פיל מען גיט. ער פלעגט עס אַראָפּלאָזן כּלאחר יד אין קעשענע און פאַרגעסן, אַראָפּ פון מאַרק.

מײנע באגעגעניש

און דערװוּסט האָב איך זיך צו זײַן שבח, אַז ער האָט קײנמאָל קײנעם נישט קאַליע געמאַכט. עס איז נישט געװען אַזאַ פאַל, אַז ער זאָל זיך אָנשטרענגען צו קאַליע מאַכן עמיצן.

װי אַזױ די דאָזיקע טרײַפקײט און כשרקײט האָבן זיך אײַנגעלעבט איז געבליבן אַ רעטעניש פאַר מיר.

VIII

עלויים

איך בין קיין עלוי נישט געווען, אָבער איך האָב געהאַט חברים, וואָס האָבן געשמט פאַר עלויים. און עס האָט מיך אָפט געקרענקט, פאַר־וואָס מיינע חברים, וואָס זענען לחלוטין נישט געווען פעאיקער פון מיר, זענען געקרוינט געוואָרן פאַר עלויים. ביי מיר איז דאָס כסדר געווען אַ הארבע פראַגע: פאַרוואָס איז דאָס יינגל גראד אַן עלוי און דאָס אַנדערע יינגל, וואָס איז פונקט אַזוי פעאיק ווי ער, נישט קיין עלוי.

מיטן טיטול „עלוי" איז מען געווען אין אונדזערע מקומות נישט באַדאַכט און נישט פּאַרזיכטיק.

איך האָב שפּעטער, שוין אַ דערוואַקסענער, אַמאָל זיך געלאָזט אויפזוכן מיינע אַמאָליקע חברים די עלויים כדי צו זען, וואָס איז געוואָרן פון זיי. פון די עלויים, וואָס איך האָב געקענט, האָב איך בלויז איינעם געפונען, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ מענטש מיט אמתע גוטע פעאיקייטן, אַ מענטש מיט אַ גוטן קאָפּ און מיט שאַרפקייט און טיפקייט. פון די איבעריקע עלויים זענען אַרויס פלינקע קרעמערלעך, האַוועגדיקע סוחרים־לעך, פון זיי זענען אַפילו נישט אַרויס קיין ריכטיקע לומדים. פיל פון די עלויים האָבן זיך גענומען צו בילדונג און ווייטער פון קליין־שטעטל־דיקער לערערייִ זענען זיי נישט געגאַנגען.

מיט איינעם, וואָס איז לכל הדעות געווען אַן עלוי, האָב איך זיך שפּעטער באַגעגנט און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ מענטש מיט זייער

באשרענקטע פעאיקייטן. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט, ווען איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געשמט פאַר אַן עלוי.

נאָך אין מיין יוגנט האָב איך געהאַט אַ חשד אויף דער עלויים־גערעטעניש ביי אונדז. איך האָב שוין דאַן אויסגעפונען, אַז די מייסטן עלויים זענען בכלל יינגלעך מיט מיטלמעסיקע פעאיקייטן. אַ טייל פון זיי האָבן עפּעס אַ באַזונדערע פעאיקייט צו פּלפּולען זיך, צו ווייזן מוחשע אקראָבאַטישע קונצן און ווען עס קומט צו קלאָרע, לאָגישע למודים, זענען זיי כמעט אומפעאיק. איך האָב געהאַט חברים עלויים, וואָס האָבן שפּעטער נישט געקענט איינבייסן קיין מאַטעמאַטיק, וואָס האָבן קיין גראַמאַטיק נישט געקענט גובר זיין. און אין דעם פּשוטן למוד פון געאָגראַפיע האָבן זיי זיך פאַרלוירן.

עס זענען נאָך געווען זייטיקע סיבות, וואָס האָבן געמאַכט איינעם פאַר אַן עלוי: אָט איז אַ ביישפּיל, ביי אונדז אין שטעטל האָט איינער געשמט פאַר אַן עלוי, נאָר צוליב דעם ווייל ער איז אַ קינד פון אַ זייער פּחות־ערכדיקע משפּחה, פון אַ משפּחה פון לויטער פערד־הענדלער און פערד־גנבים, דאָס אַליין, וואָס אין אַזאַ משפּחה האָט זיך איינגעגעבן אַ יינגל, וואָס האָט זיך גענומען צום לערנען, איז געווען אַ גרויסער חידוש און ער האָט באַקומען אַ נאָמען פון אַן עלוי.

געווען איינער מיינער אַ חבר, אמת, אַ יינגל מיט גוטע פעאיקייטן, אָבער בשום אופן נישט מיט עלוישע פעאיקייטן. ער איז אָבער געווען אַ קליינינקער אַ דאַרינקער, צו 14 יאָר האָט ער אויסגעזען ווי אַ יינגל פון 8—10 יאָר.

און ער האָט זיך געפּלפּולט מיט בחורים פון זיין עלטער, אָבער פון נאָרמאַלן ווּקס, האָט עס אויסגעזען ווי אַ קינד פאַרמעסט זיך צו שווימען אין ים התלמוד מיט דערוואַקסענע.

דאָס דאָזיקע קליינינקע און דאַרינקע ישיבה־בחורל האָט אָפּגענאַרט מיט זיין ווּקס. עס איז באמת געווען חידושדיק צו זען אַזאַ קליינעם שאָקלענדיק זיך מיט התמדה איבער אַ גרויסער גמרא.

צו 18 יאָר האָט ער געהאַט אַזאַ שם, אַז גבירישע יידן פון דעם גאַנצן געגנט האָבן אים געוואָלט פאַר אַן איידעם. ער האָט אויסגעזען זייער רבליש. פיינע פּאַהקעלעך האָבן זיך געבאַמבלט אויף זיין בלאַס און

מאָגער פּנימל, א פּאָר שווארצע לעבעדיקע און לויפנדיקע אויגן האָבן זיין פּנימל געמאַכט זייער אַנציִענדיק. ער איז געווען ביי זיך שטאָלץ, געווען געקליידט ריין און איז געווען זייער אַ לעבעדיקער.

דאָס דאָזיקע יינגל איז געווען דער פארדאָרבנסטער פון אַלע ישיבה־בחורים, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, ער איז געווען אַ קראַנ־קער ליגנער, אַ שוידערלעכער צבוע און אפילו אַ שטיקל גנב.

נאָך דערמאָן איך זיך מיט שוידער וועגן אַזאַ פאַל: איינמאָל אין א זומערדיקן שבת נאָכמיטאָג, ווען אַלע יידן שלאָפן, אָדער שפּאַצירן ארום אָן רעקלעך לעבן זייערע הייזער, איז מיר איינגעפאלן צו אריין אין דעם שוסטערשן בית־המדרש. איך בין צוגעגאַנגען און געפונען די טיר געשלאָסן, איז מיר געווען א חידוש, ווייל דער בית־המדרש איז קיינמאָל נישט געווען געשלאָסן. איך האָב אָנגעהויבן קלאַפּן. איך האָב געקלערט, אַז די אָרימע־לייט, די וואַנדערנדע שלעפער האָבן זיך פאר־שפּאַרט אין בית־המדרש.

אין א ווייַלע ארום האָט מיר דער דארינקער עלוי געעפנט די טיר. איך האָב אים, פארשטייט זיך, געפרעגט, וואָס איז געשען? און מיין בחור האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, געבן נישט געשטויגענע און נישט גע־פלויגענע תירוצים. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום מזרח אויף מיין אָרט, האָב איך דערפילט רויך פון אַ פאַפּיראָס. איך האָב אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק, מיין עלוי איז בלייך געוואָרן, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און האָט מיך אָנגעהויבן פארשווערן, אַז איך זאָל קיינעם נישט דערציילן און תוך כדי דבור, האָט ער מיר אריינגעשטעקט אַ סיגאַרעט אין מיין האַנט און געזאָגט, אַז ער וועט זיין זיכער אין דעם, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן נאָר ווען, אויב איך וועל אויך רויכערן.

עזות האָט דאָס דאָזיקע יינגל פאַרמאָגט אָן אַ שיעור און די דאָזיקע עזות איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן אים געמאַכט אין די אויגן פון אַלע אונדזערע לומדים פאר אַן עלוי. מיט עזות האָט ער זיך אריינגעמישט אין יעדן לומדישן שמועס, וואָס גרויסע האָבן געפירט, ער האָט אָנגעהויבן שווינדלען מיט בקיאות און חריפות, און א סך מאָל האָבן מיר אים געכאַפּט ביי דער האַנט, אַז זיינע חידושים האָט ער אויסגעלערנט פון ספרים, פון שאלות ותשובות און פון פירושים.

אָבער דאָ האָט זיין עזות זיך אָנגעשטויסן אויף מיין עקשנות און מיין בעסדיקן פּראָטעסט.

פלינק און שעלמיש איז ער אָבער געווען, און ווען ער האָט געזען, אַז ער וועט ביי מיר נישט פּועלן, אַז איך זאָל רויכערן, האָט ער זיך גענומען באַווייזן מיט פאַרשידענע פּלפּולים, אַז רויכערן איז נישט קיין גרויסע עבירה, אַז עס זענען דאָ גרעסערע עבירות, וואָס יעדער פרומער ייד טוט און קיינער קוקט זיך נישט אַרום. דאָס איז געווען באמת לייכט צו באַווייזן, אָבער רויכערן אום שבת, וואָס איז אַ „לאווו" און אַז לאוון איז דאָך געווען אין דעם יידישן רעליגיעזן לעבן אַ האַרבע זינד.

אַז דאָס האָט זיך אים אויך נישט איינגעגעבן, האָט ער זיך צו מיר אַזוי צוגעלאָזט, האָט אָנגעהויבן רימען מיינע גרויסע פעאיקייטן און מיין לומדות און האָט מיר מבטיח געווען, אַז איך וועל זיין אַ גדול בישראל. דאָ האָט מסתמא אָנגערירט אַ זייער פּילבאַרע סטרונע און מיין כעס איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

און ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט מיר, האָט ער ווייטער פאַר־שלאָגן די טיר און האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיין שרעק און מיין אויפרעגונג, אָבער דאָס דאָזיקע ייִנגל איז געווען אַזוי ציניש, ער האָט יעדן צי פון סיגאַרעט באַגלייט מיט אפּיקורסישע באַמערקונגען און מיט עזותדיקע ווערטלעך.

און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן צו מיר אַזוי נאָענט און אַזוי גוט, אַז ער האָט פאַרשטעלט יעדן וועג פאַר מיר צו אויסצוזאָגן זיין סוד. זיין פריינטשאַפט האָט מיר קיין גוטס נישט געבראַכט: דער דאָ־זיקער בחור איז געווען אַ פאַרדאָרבענער דורך און דורך און איך האָב זיך דערוווּסט פון אים אַזעלכע אומצניעותדיקע זאַכן, פון וועלכע איך האָב קיין שום באַגריף נישט געהאַט. איך האָב געפילט, אַז דער דאָזי־קער חבר מיינער, וואָס איז אגב געווען אַביסל עלטער פאַר מיר און האָט אויסגעזען אַ סך יינגער פאַר מיר, פאַרפירט מיך אין הרי־חושך, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן, ער איז אפּנים געווען שטאַרקער פאַר מיר און האָט מיך געהאַלטן אין זיינע הענט.

מיינע עלטערן זענען געווען זייער צופרידן, וואָס איך חבר זיך

מיט אים, ער האָט געהאַלטן ווייטער פון מיר אין לערנען, ער האָט געהאַט א זייער גוטן נאָמען און איז געווען א מוסכמדיקער עלוי. נאָר איינער, איך אליין, האָב געוווסט, אז איך האָב א שלעכטן חבר און בין נישט געווען בכוח צו לויז ווערן פון אים, אין אים איז געווען עפּעס פּי־קאַנטעס, עפּעס בייזעס און שיינס.

ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, ער פלעגט קומען צו מיר אהיים, ער פלעגט זיצן מיט מיר און לערנען, ער פלעגט גיין מיט מיר שפּאַצירן און אזוי אַרום איז ער געווען זיכער מיט מיר.

און ווי עס וויזט אויס, האָט ער געדאַרפט האָבן איינעם, פאַר וועלכן ער זאָל קענען זיין אָפן און נאַקעט מיט אלע זיינע פאַרדאָרבענע מחשבות און שלעכטע מעשים.

האָט אזוי פּאַסירט, אז מיר זענען ביידע אוועקגעפאָרן אין אן אנדער שטאָט לערנען, און יאָרן לאַנג האָבן מיר זיך נישט געשיידט. אין דער פרעמדער שטאָט איז ער געווען נאָך ערגער און נאָך פאַרדאָר־בענער, ער האָט אלע לומדים און באַלעבאַטים פון שטאָט פאַרדרייט די קעפּ, ער האָט דאָרט באַקומען א שם, אז מען האָט זיך געבענטשט מיט אים, און מיט מיר אויג אויף אויג פלעגט ער אָפּלאַכן, און מאַכן וויצן איבער זיינע שמד־שטיק מיט די חשובים פון שטאָט.

מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט צו זיינע פּסולע רייד, צו זיין רויכערן אום שבת און צו זיינע מעשים, און עס איז מיר געווען גוט מיט אים. ער איז געווען דער אָפּלייטער פון אלע מיינע תרעומותן אויף מענטשן, פון אלע מיינע טענות קעגן זיי, דורך אים פלעג איך קילן מיין כעס און מיינע עגמת־נפשן.

דעם דאָזיקן פאַרדאָרבענעם יינגל האָב איך צו פאַרדאנקען, וואָס איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען רוסיש, העברעאיש, מאַטעמאַטיק און אנדערע למודים.

ער האָט אָנגעהויבן דער ערשטער און האָט מיך פאַרשלעפּט. אים איז עס באַלד נמאס געוואָרן, אָבער מיך האָבן די נייע למודים פאַרכאַפּט.

נמאס זענען אים געוואָרן די למודים לויט א קלאָרן חשבון, ער האָט אויסגערעדט פאַר מיר, און דאָס איז, לערך, געווען זיין חשבון: מען האַלט איך פאַר אן עלוי, ער וועט אלס למדן טון א גוטן שידוך,

ווען אָנקומען ווי א גוטער איידעם צו אַ רייכן שווער. פאַרוואָס זאָל ער צוליב די ביכלעך קאַליע מאַכן זיין קאַריערע? עס לוינט זיך פאַר אים בעסער צו בלייבן דאָס, וואָס ער איז ביי אַלעמען אין די אויגן.

און זיין חשבון האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין ריכטיק פון אָנהויב; אַ רייכער וואַרשעווער חסיד איז געקומען און האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין 16יעריקער מיידל.

מיין חבר איז געקומען צוריק פון וואַרשע אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטקעלע, מיט אַ שווערן גאָלדענעם זייגער און מיט אַ סך געלט. אונדזער שטעטל איז געגאַנגען כאַדראָם מיט אים, מאַמעס האָבן מקנא געווען זיין מאַמען און פאָטערס האָבן געקוקט בייז אויף זייערע קינדער.

ער איז אַוועק אין וואַרשע און איך בין אַוועק אויף אַ נייעם וועג און אין אַ צוויי יאָר ארום האָב איך שוין געקלערט פון עקזאַמענעס אין גימנאַזיע און האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן מיין אַמאָליקן חבר און אַנדערע חברים מיינע, מיט וועלכע איך בין געזעסן ביי דער גמרא.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון מיין אַמאָליקן חברס גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. ער איז צו רבנות נישט געקומען, ביי זיין שווער זענען די געשעפטן אַוועק שלעכט, צו 22 יאָר איז ער שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדער, ער איז אַוועק אין מסחר און דאָרט איז אים אַוועק שלים־מזלדיק, ער האָט עמיגרירט קיין אַמסטער־דאַם און באַין ברירה האָט ער זיך גענומען צו אַ מלאכה, ער איז געוואָרן אַ דימענטן־שלייפער און האָט דערנערט זיין פאַמיליע מיט גרויס שווע־ריקייטן.

אַ חוץ עלויים האָב איך געהאַט חברים מתמידים. די בעסטע און שענסטע דעראינערונגען זענען געבליבן ביי מיר וועגן די דאָזיקע שיינע און אומגליקלעכע יידישע קינדער פון דעם אַמאָליקן דור.

די מתמידים זענען געווען מייסטנס יינגלעך, וואָס האָבן געוואָלט נעמען די שווערע פעסטונג פון תלמוד מיט געדולד. דאָס זענען מייסטנס געווען יינגלעך מיט גאָר מיטלמעסיקע פעאיקייטן, אָבער ענטוזיאַזם און געוואַלדיקן אויסדויער האָבן זיי פאַרמאָגט.

איך ווייס נישט קיין איין מתמיד פון מיינע חברים, וואָס זאָל נישט האָבן דורכגעשלאָגן אַ וועג אין לעבן. איך האָב זיי שפּעטער באַגעגנט

אין לעבן ערנסטע, ערלעכע, מענטשן מיט ווייסן אויף פארשידענע געביטן, מענטשן, וואס טוען זייער ארבעט מיט ערנסט און מיט ליבע.

אפנים דאס וואס גיט זיך שווער איין איז ליב און טייער.

פון די חברים מתמידים זענען פיל אוועק פון תלמוד און איך האב זיי באגעגנט אין די אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, און נאך שפעטער אין פראקטישן לעבן אלס גוטע דאקטוירים, אינזשיניערן און זייער ערלעכע כלל־טוער.

אייניקע פון זיי זענען רבנים, שטילע און באשיידענע רבנים, אייניקע זענען אוועק אין מסחר און מיט עקשנות דורכגעשלאגן זיך א וועג און דאס געלערנטע מיט התמדה איז ביי זיי געבליבן.

איך האב געהאט א חבר, אן עלטערן פון מיר, פון א דארף איז ער געקומען, ער האט טאקע אויסגעזען ווי א דארפישער בחור, ברייט־פלייציק, מיט גרויסע הענט, מיט שווער־טרעטנדיקע פיס און מיט א געלן געדיכטן קאפ האר.

ער פלעגט לערנען ווי איינער האקט האלץ, שווער, מיט פיזישער אנשטרענגונג. 12 שעה א טאג פלעגט ער זיצן אין א ווינקל און מיט זיין גראבער פויערישער שטימע האט ער געדונערט „אמר אביי". ער האט געטראגן א וואטאוון קאפטן, א פאר גרויסע שטיוול און א לאנגן סיצעגעם ארבע־כנפות.

ער האט זיך נישט געשעמט צו פרעגן דעם פשט פון א שטיקל גמרא ביי יעדן, מיט עניוות און מיט דארפישער אפנהארציקייט פלעגט ער צוגיין צו יעדן און בעטן:

— גייט מיט מיר דורך די און די סוגיא.

און ער פלעגט זיך נישט לאזן אפנארן, כל זמן ער האט נישט צעקייט די סוגיא, כל זמן זי איז אים נישט געווארן קלאר, האט ער אייך נישט אפגעלאזט. אמאל פלעגט ער זיך נישט באגנוגענען מיט איין מסביר, ער פלעגט דורכגיין די סוגיא מיט נאך איינעם, און ווען ער האט עס געהאט איינגעביסן, פלעגט ער אוועקגיין אין זיין ווינקל און פלעגט זיך צעדונערן מיט זיין שטים א גליקלעכער, א שטראלנדיקער.

ער פלעגט דורכגיין א מסכת מיט גרויס מאטערניש און גרויס

אָנשטרענגונג, אָבער איז ער זי דורכגעגאַנגען, איז זי געװען זײַנע, קײן אײן װאָרט, קײן אײן פּינטעלע איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען.

און בײַ אונדז פֿלעגט זײַן דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן צו דורכלופֿטערן מיט דעם „סיניאַװוקער״ (אַזױ האָט מען אים גערופֿן אױפֿן נאָמען פֿון זײַן דאָרף), זײַן דורכגעגאַנגענע מסכת, ממש אױף אױסנװײניק האָט ער אַלץ געװוסט. זײַן גרױסער פּנים מיט די גרױסע זומער־שפּרינקלעך פֿלעגט לײַכטן פֿון גדולה און נצחון.

דער „סיניאַװוקער״ פֿלעגט פֿאַרהילכן דעם בית־המדרש טאָג און נאַכט. אַלע, װאָס פֿלעגן דורכגײן דעם בית־המדרש, האָבן געװוסט, אַז דאָס „דרעלעװעט״ דער „סיניאַװוקער״.

מען האָט זיך צוגעװױנט צו זײַן אײביקן דונערן. אין אַ שײנעם פֿרימאָרגן איז ער אָבער נעלם געװאָרן אױף אַ קורצער צײַט און מיט אַמאָל האָט מען דערהערט װי ער דונערט מיט רוסישע װערטער אין דער װײַבערישער שול.

— סטײַטש, איז מען צו אים צוגעשטאַנען, מיט אַמאָל װאָרפֿסטו אַװעק די גמרא און נעמסט זיך צו רוסיש גאָר.

ער פֿלעגט שמײכלען גוטמוטיק און פֿלעגט זאָגן שטיל און באַ־שײדן:

— מען דאַרף קענען רוסיש אױך. מען מוז קענען.

און קײנער האָט צו אים קײן טענות נישט געהאַט.

פֿלעגט ער לערנען רוסיש ריכטיק װי ער האָט געלערנט תלמוד, מיט דער זעלביקער התמדה, מיט דעם זעלביקן ניגון און מיט דער זעל־ביקער עקשנות. ער איז דורכגעגאַנגען אַ באַנד פֿון פּושקינס לידער און האָט דעם באַנד געהאַט אין קאָפּ ריכטיק װי אַ מסכת פֿון גמרא.

דערנאָך איז ער אַריבער צו מאַטעמאַטיק, צו היסטאָריע, צו געאָג־ראַפֿיע און צו אַנדערע למודים און ער האָט געװיזן חדושים.

יאָרן זענען אַװעק, איך האָב אים פֿאַרלױרן און נישט געװוסט, װאָס איז מיט אים געװאָרן.

אין דער צײַט פֿון דער װעלט־מלחמה האָט מיך דער שיקזאַל פֿאַר־װאָרפֿן אין סיביר װי אַ באַזאָרגער פֿון טױזנטער אומגליקלעכע ײדישע

פליטים, איך בין געווען דער טוער, דער באַשיצער און באַזאָרגער, איך בין געשיקט געוואָרן צו די פליטים פון פעטערבורג.

אין איינעם פון די אומגליקלעכע ווינטערס, אין וועלכן עס האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, איז אַ גאַנצע מחנה פליטים, וואָס איז געווען צוזאַמענגעפּרעסט אין „באַראַק" (אַ גרויס הויז פון ברעטער), קראַנק געוואָרן אויף דער דאָזיקער שוידערלעכער קראַנקהייט.

דאָקטוירים זענען געווען ווייניק, אַלע זענען געווען מאָביליזירט פאַרן פראָנט, האָב איך דורך אַ צייטונג זיך געווענדט און געבעטן, אַז פרייע, נישט מאָביליזירטע דאָקטוירים זאָלן זיך מעלדן צום הילפס־קאָמיטעט. *

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך געמאָלדן צו מיר אַ גרויסער, געלער פאַרשוין אין גרויסע שטיוול און ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז אַ זעמסקער דאָקטאָר (אַ דאָרפישער דאָקטאָר), נישט ווייט פון שטאָט און דריי מאָל אַ וואָך קען ער קומען אין באַראַק אריין. מיר האָבן באַלד מסכים געווען, מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט.

פלוצלינג שטעלט אָן דער דאָקטאָר אויף מיר זיינע וואַסערדיקע אויגן און זאָגט אויף יידיש:

— איר זעט מיר אויס באַקאַנט.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און איך האָב דערזען פאַר מיר מיין אַמאָליקן חבר דעם סיניאַוווקער מתמיד.

אונדזער ביידנס פרייד איז געווען אזוי גרויס, אַז מיר האָבן זיך אויפן עכטן רוסישן שטייגער דריי מאָל צעקושט.

מיין סיניאַוווקער, וואָס איז איצט געווען באַקאַנט מיטן נאָמען דאָקטאָר סיעמקין, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף מיטן טיפוס צווישן די פליטים מיט אַזאַ אימפעט און סיסטעמאַטישקייט, אַז ער איז געוואָרן דער מלאך המושיע פאַר זיי. איך האָב געמוזט אַוועקפאָרן אין אַנדערע שטעט און פון ווייטן האָב איך געהערט די בעסטע גריסן וועגן זיין טעטיקייט, וועגן זיין מענטשלעכער און ברודערישער באַציאונג צו די יידישע פליטים.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זיין נאָכאַמאָל אין

שטעטל און דעם ערשטן, אויף װעמען איך האָב זיך געפרעגט, איז געװען דער דאָקטאָר סיעמקין.

די ידיעה איז געװען אַ זײער טרויעריקע:

מײן אַמאָליקער חבר האָט זיך אָנגעשטעקט מיט פלעק־טיפוס און איז געשטאָרבן.

אים האָב איך נישט געפונען, נאָר אַ גוטן נאָמען, װאָס איז געבליבן נאָך אים האָב איך געפונען. אַלע, װאָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט אים, האָבן געהאַט צו דערצײלן װוּנדער װעגן זײן פשטות, װעגן זײן איבערגעגעבנקײט צו קראַנקע און זײן לעגענדאַרע ערלעכקײט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך אויפגעזוכט זײן פרוי, אויך אַ גרויסע, געזונטע און מוטיקע פרוי, אַ פעלדשערין. זי איז געװען זײער נידערגעשלאָגן, אָבער איר גרויסע ענערגיע האָט גובר געװען, זי האָט געאַרבעט צװישן די פּליטים.

צװײ קינדערלעך זענען געבליבן, אַ מײדל און אַ ײנגל, 15 יאָר איז דאָס ײנגל אַלט געװען. װען איך האָב אים דערזען, האָב איך דערזען פאַר מיר מײן אַמאָליקן „סיניאָװוקער", ברײט־פּלײציק, מיט גרויסע הענט און שװער־טרעטנדיקע פיס און אַזױ שטיל און אַזױ אַרבעטזאַם װי זײן טאַטע, אָבער נישט איבער דער גמרא האָט זיך דער דאָזיקער „סיניאָװוקער" געשאָקלט, ער האָט קײן װאָרט ײדיש נישט פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אויפגעהאָדעװעט אין אַ דאָרף בײ דער גרענעץ פון סיביר.

אַ פויערישער ײנגל װי אַמאָל זײן טאַטע, אָבער װאָס האָט קײנמאָל נישט געדונערט אַזױ פויעריש איבער דער גמרא...

IX.

משה מרדכי דער מלמד

די ערשטע צייטונג

אז עס זענען פאראן צייטונגען אויף דער וועלט, האב איך זיך דערוווסט אין מיינע יינגלשע יארן פון דעם דרדקי מלמד משה מרדכי.

ער איז געווען דער איינציקער מענטש אין אונדזער שטעטל, וואס האט געלייענט א צייטונג, פארשטייט זיך, די „הצפירה".

משה מרדכי איז געווען א דרדקי־מלמד, ווייטער פון עברי האט ער מיט קינדער נישט געלערנט, כאטש ער איז געווען א פיינער לערער און גאר א גוטער קענער פון תנ"ך. ביי משה מרדכין איז עס געווען א פילאזאפיע אזא: עברי לערנען מיט קינדער קאן מען מיט א ריינעם געוויסן, עברי לערנען איז א פשוטע ארבעט, א כשרע מלאכה. נאך עברי הויבט זיך שוין אן דער מסוכנדיקער וועג, דא הויבט מען שוין אן אויסצובילדן דאס יידישע יינגל און אויף דעם האט משה מרדכי זיין איינענעם קוק, דא איז ער מיט קיינעם נישט מסכים.

מען האט קיינמאל נישט געקאנט דערגיין ביי משה מרדכין, אין וואס עס באשטייט זיין אייגענער קוק אין וואס גייט ער זיך פונ־אנדער מיט אלע יידן פון מיין שטעטל. ווען מען איז צוגעשטאנען צו אים און געמאנט ביי אים, אז ער זאל ארויס מיט קלארע דבורים, האט ער געשמייכלט און האט געזאגט:

— פרעגט נישט. איך וועל אייך נישט זאגן.

משה מרדכי איז געװען מײן ערשטער מלמד.

נאָך אַלס קלײן קינד איז מיר דער דאָזיקער מענטש געװען טשי־קאװוע מיט זײן אײביקן שמײכל. משה מרדכי האָט כסדר געשמײכלט, און דאָס לעבן זײנס האָט דווקא געגעבן גאָר װײניק געלעגנהײטן צו שמײכלען: זײן פרוי איז געװען משוגע, זײנע צװײ קינדער האָבן געהאַט א משונהדיקע חולאת — זײ זענען געװאַקסן הויך, אזוי הויך, אַז עס איז געװען מסוכנדיק; דאַר, בײנערדיק און הויך. זײ זענען געװען װױל־לערנער, שטילע בחורים, אָבער זײ זענען געװאַקסן ממש אויף די אויגן. מרדכי האָט אין א שײנעם פרימאָרגן בײדע בחורים זײנע גע־מאַכט פאַר סטאָליארעס. ער האָט ערגעץ אויסגעפונען, אַז בײ דער אַרבעט פון סטאָלעריי, בײ װעלכער מען אַרבעט כסדר אײנגעבויגן, הערט מען אויף צו װאַקסן.

אין שטעטל איז געװאָרן א טומל, סטײטש אַזעלכע װױל־לערנער זאָלן װערן סטאָליארעס! אָבער משה מרדכי האָט רואיק און פּאַרעקשנט געטענהט, אַז ער מוז עס טון, ער מוז אָפּשטעלן דאָס װאַקסן פון זײנע בחורים.

און אפילו אָט דעם דאָזיקן גרויסן קרבן האָט ער געבראַכט שמײכ־לענדיק.

משה מרדכי איז געװען דער גרעסטער מסתפק־במועט: אַלע האָבן געװוסט, אַז משה מרדכי האָט שױן פערציק יאָר קײן היטל נישט געקויפט, קײן בגד זיך נישט גענײט און קײן שיך זיך נישט געלאָזט מאַכן.

די בגדים, װאָס מען האָט אים געמאַכט צו זײן חתונה, האָט ער געטראָגן די גאַנצע יאָרן, אַלט זענען געװען די בגדים, זײער אַלט, אָבער גאַנץ און ציכטיק.

משה מרדכי פלעגט כסדר זאָגן, אַז ער פאַרשטײט נישט װי אַזוי עס װערט א היטל צעריסן. מען טוט דאָך עס אָן אויפן קאָפּ, און עס ליגט זיך דאָרט. א היטל איז דאָך נישט קײן שטיװל, װאָס רײבט זיך אָן שטײנער, װײקט זיך אין בלאָטע און שײערט זיך אין זאַמד. דאָס נעמלעכע איז אויך מיט בגדים, יאָ אַנדערש איז מיט די שטיװל, און דאָס אויך מיטן אונטערשטן טײל, די כאָליאַװעס קאָנען דינען אײביק,

און משה מרדכי האָט זיך טאַקע באַרימט, אַז די כאַליאַוועס פון זיינע שטיוול דינען אים שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר.

באַקאַנט איז געווען משה מרדכים פּעלץ, וואָס ער פלעגט טראָגן ווינטער. דעם פּעלץ האָט ער באַקומען בירושה פון זיין טאַטן. עס איז געווען אַ גוואַלדיק גרויסער פּעלץ. דער קאָלנער אַליין איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען ער פלעגט אים אָנשטעלן אין אַ פראָסטיקן טאָג, פלעגט משה מרדכים קאָפּ פארפאַלן ווערן אין אים ווי אַ קליין אַרבעסל.

וועגן זיין פּעלץ פלעגט משה מרדכי דערציילן חידושים: ערשטנס לאָזט ער נישט דורך קיין שום קעלט, צווייטנס זיינען די פּעלצלעך אַמאָל אָראָפּגעשונדן געוואָרן פון באַוווּסטע ציגן, וואָס דער אַלטער פּריץ פון שטעטל האָט געהאָדעוועט; געווען אַ טשיקאַווער פּריץ, ער האָט זיך געקאָכט אין ציגן, די בעסטע מינים ציגן האָט ער געהאָדעוועט אין זיין הויף. אַלע פּריצים פלעגן זיך גרויסן מיט זייערע פערד, מיט זייערע הינט און דער פּריץ — מיט זיינע ציגן. און באמת, ביי אים אין הויז פלעגן אַרומשפּאַצירן ציגן, גרויסע ווי בהמות. אַ באָק האָט ער געהאַט, איז ער געווען גרויס, משונהדיק גרויס און געהאַלטן האָט מען אים אויף אַ קייט, וואָרום עס איז געווען ממש סכנות נפשות צו לאָזן אים פריי. אָט דער דאָזיקער באָק האָט געהאַט אַזעלכע לאַנגע האָר אויף זיך, אַז אויף אַלעמען פלעגט אָנפאַלן אַן אימה. און דער קאָלנער פון זיין פּעלץ איז די פעל פון דעם דאָזיקן באָק.

ווי אַזוי קומט עס?

פּשוט — דער פּריץ איז געשטאָרבן, האָט זיין זונדל אַ חודש נאָך זיין טויט צעשאָסן אַלע ציגן מיטן באָק בראש. דער לאָקיי האָט אָפּגע־שונדן פון זיי די פעל און זיין, משה מרדכים טאַטע עליו השלום, האָט אָפּגעקויפט די פעלכלעך און אויפגעבויט דעם דאָזיקן פּעלץ.

בכלל האָט משה מרדכי נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר קיין נייע זאַכן, אַ נייע זאַך האָט עפּעס אין זיך קיין קדושה נישט. אַ מענטש דאַרף האַלטן אַ זאַך לאַנג, לאַנג, ער לעבט מיט דער זאַך, ווערט די זאַך זיינס, ער עלטערט זיך און די זאַך עלטערט זיך. און אַזוי ווי אַ מענטש האָט צו דערציילן אויף דער וועלט וועגן זיך זייער פיל, אַזוי האָט אַן אַלטע זאַך אויך צו דערציילן וועגן זיך זייער פיל.

מיינע באגעגעניש ן

משה מרדכים אנטיקן האָבן געהאַט אַ שם. משה מרדכי האָט גע־האַט אַ לאָמפּ, וואָס האָט געברענט מיט בוימל און נישט מיט קעראָסין. משה מרדכי האָט געהאַט בלייענע טעלער, שווערע און טונקעלע. משה מרדכי האָט געהאַט לייכטער, אַלטע, העסלעכע און אומגעלומפּערטע און משה מרדכי פלעגט אייך כסדר דערציילן די לעבנס־געשיכטע פון יעדן חפץ. און ווען ער פלעגט קאָנען זאָגן, אַז אַ חפץ זיינער איז אַלט הונדערט יאָר, איז צו זיין שטאָלץ גאָר קיין ברעג נישט געווען.

⁂

בלויז איין שוואַכקייט צו אַ נייער זאַך האָט ער געהאַט און דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט צו אַ צייטונג. ער איז געווען דער ערשטער אַבאָנענט אויף דער „הצפירה" און יעדן נייעם נומער פלעגט ער דער־האַלטן מיט דעם גרעסטן נייגער און מיט אַ ציטער און מיט אַ פלאַטער.

משה מרדכי פלעגט לערנען די צייטונג, אַליין פלעגט ער לערנען און אויך מיט אַנדערע פלעגט ער לערנען אַ פּרק צייטונג.

אַלע נומערן „הצפירה" פאַר יאָרן זענען זיי ביי אים געווען, און געהאַלטן האָט ער זיי אין דער גרעסטער אָרדענונג. און אַ מערקווירדיקן זכרון צו דער צייטונג האָט ער געהאַט: ער פלעגט געדענקען יעדע קליי־ניקייט, אין וועלכן טאָג, אין וועלכן חודש און אין וועלכן יאָר זי איז געווען געדרוקט. ער פלעגט צוגיין צום באַרג צייטונגען און ארויסנעמען דעם נומער, וועלכן ער דאַרף אָן קיין שום טעות.

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל פון 11—12 יאָר, האָט מיך איינמאָל משה מרדכי אָפּגערופן אָן אַ זייט און געזאָגט שטיל:

— דו דאַרפסט לייענען אַ בלאַט צייטונג, דו דאַרפסט וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איך וועל דיר געבן איין נומער, לייען אים דורך און דערנאָך וועלן מיר ארומרעדן אַלץ וואָס דו האָסט געלייענט.

פון דעם ערשטן נומער צייטונג, וואָס איך האָב געלייענט, האָב איך קיין שום טעם נישט געפילט. אַלץ איז מיר געווען פרעמד און איך האָב במעט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, אָבער כדי נישט צו באַווייזן זיך פאַר משה מרדכין ווי אַן עם־הארץ, האָב איך זיך גוואַלדיק אָנגעשטרענגט

און אריינגעלערנט אין די אַרטיקלען כונות און פּשטלעך אויפן שטייגער ווי מען האָט מיט מיר געלערנט גמרא.

איך בין געגאַנגען זען משה מרדכין מיט האַרץ־קלאַפּעניש. איך האָב געפילט, אַז איך שווינדל דאָ, אָבער מיין קינדערשער שטאָלץ און די פעאיקייט מיינע צו פּלפּולען זיך האָבן מיך נישט געלאָזט זיין אָפן און אויפריכטיק.

משה מרדכי האָט גענומען מיט מיר שמועסן וועגן דאָס געלייענטע בנעימותדיק, מיט אַ ליבן שמייכל. ער האָט תיכּף באַמערקט מיין שווינדל, נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק.

— עס איז פּשוט, מיין קינד, זייער פּשוט עס איז נישט קיין תוספות און נישט קיין מהרש״א.

און ער האָט מיר גענומען אויסלייענען די געדאַנקען אין די נייעסן אויף זיין דרדקי־מלמדישן שטייגער.

קליגער בין איך נישט געוואָרן פון דעם, ווייל דער גאַנצער ענין איז מיר געווען ניי און פרעמד.

אָבער אין אַ קורצער צייט ארום בין איך אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם וועלטל, וואָס די צייטונג האָט אַזוי אָרים ארומגענומען. איך האָב שוין אָנגעהויבן פירן וכוחים מיט משה מרדכין וועגן אלע וועלט־פראַגן, וואָס די צייטונג האָט באַרירט.

און דאָ האָב איך פּלוצלינג דערזען פאַר מיר אַ נייעם משה מרדכין, פון וועלכן קיינער האָט נישט געוווּסט.

משה מרדכי איז געווען אַן אפּיקורס.

אַ טויט־שרעק איז מיך אָמאָל באַפאַלן, ווען משה מרדכי האָט מיר גענומען באַווייזן, אַז קריעת ים־סוף איז נישט קיין נס, אַז דאָס איז פאָרגעקומען בדרך הטבע: די וואַסערן פון ים גייען אָפּ אין אַ באַשטימ־טער צייט ווייט פון ברעג און אין אַ באַשטימטער צייט קומען זיי צוריק צום ברעג. יידן האָבן צוגעטראָפן גראַד ווען די וואַסערן זענען אָפּגעגאַנגען און די מצרים האָבן צוגעטראָפן דעם צוגאַנג צום ברעג פון די וואַסערן.

אָבער דאָס איז געווען בלויז דער אָנהויב. וואָס ווייטער מיר פלעגן זיך באַגעגענען און מתוכח זיין וועגן דאָס דורכגעלייענטע אין די צייטונ־גען, אַלץ אָפענער איז משה מרדכי געוואָרן מיט מיר.

אַלץ, וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט בײַ פּרץ סמאָלענסקין, בײַ אַנדערע משכּילים און משה לייב ליליענבלום, האָב איך געהערט פֿון דעם דאָזיקן דרדקי־מלמד. אמת, פֿון אים האָב איך עס געהערט אין אַ פּריד־לעכער, רואיקער און שמייכלענדיקער פֿאָרם, וואָרום משה מרדכי פֿלעגט קיינמאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין רוגזה. דאָס שרעקלעכסטע פֿאַר מיר פֿלעגט ער אַרויסזאָגן מיט אַ שמייכל און מיט אַזאַ גוטמוטיקייט, אַז איך פֿלעג זיך וווּנדערן ווי קאָן אַזאַ גוטער און ליבער מענטש זײַן אַזאַ ביטערער אַפּיקורס.

משה מרדכי האָט הפּנים אײַנגעזען, אַז ער איז אַוועק צו ווײַט מיט מיר און ער האָט זיך ווי עס ווײַזט אויס דערשראָקן. וואָרום איינמאָל האָט ער בײַ מיר גענומען אַ שבֿועה, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן וועגן אונדזערע שמועסן.

איך האָב אים די שבֿועה געגעבן און ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן מיט מיר נאָך פֿרײַער.

און איינמאָל האָט ער מיר געגעבן זײַער געהיימניספֿול אַ ביכל צום לייענען.

איך האָב זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן ביכל מיט אַ ווילדער, נײַגערי־קייט. איך האָב געלייענט און די הויט האָט אויף מיר געציטערט. איך האָב געלייענט און איך האָב געפֿילט, אַז אין מוח קומט פֿאָר עפּעס שרעקלעכעס.

עס איז געווען משה לייב ליליענבלומס „חטאות־נעורים".

איך האָב אַ סך נעכט נישט געשלאָפֿן, איך האָב אַזעלכע אַפּיקור־סות, געדרוקט שוואַרץ אויף ווײַס, קיינמאָל נישט געזען.

אָבער צו דעם דאָזיקן דרדקי־מלמד מיט אַן אייביקן שמייכל אויף די ליפּן האָב איך זיך זייער צוגעבונדן. און אַפֿילו שפּעטער, שוין אַ דערוואַקסענער בחור, פֿלעג איך באַזוכן מײַן אַלטן פֿרײַנט, ווען נאָר איך פֿלעג קומען צו גאַסט אין מײַן שטעטל.

בײַ מײַן לעצטער באַגעגעניש מיט אים האָב איך אים שוין געפֿונען, זייער אַלט, אָבער זײַן 50־יעריק היטל און די מלבושים זײַנע זענען געווען אַזוי נײַ ווי אַמאָל.

און איינמאָל אין אַ זומערדיקן אָוונט האָב איך אים באַזוכט אין

זיין הייזקע. אַ קליין און ריין לעמפּל האָט מיט זיין קליין פייערל עפּעס אונטערגעשטראָכן די פינצטערניש אין דער אַלטער, שטילער און פאַר־וואַרפענער הייזקע.

אין אַ ווינקל, פאַרזונקען אין פינצטערניש איז געזעסן זיין אַלטע משוגענע פרוי. זי איז געזעסן שטיל און אומבאַוועגלעך. אַלט, זייער אַלט איז געווען די משוגענע, אַזוי אַלט האָב איך קיין מענטש אין מיין לעבן נישט געזען, פון פּנים האָט ארויסגעסטאַרטשעט אַ שאַרפע, לאַנגע נאָז ווי אַ שנאָבל פון אַן אומהיימלעכן פויגל.

עס האָט מיך אַ שוידער געטון.

משה מרדכי האָט מיט זיין שמייכל מיך באַרואיקט.

— זי שווייגט, זי זיצט און שווייגט, שוין 25 יאָר אַזוי, זי דערקענט קיין מענטשן נישט אויסער מיך. איך בין דער איינציקער מענטש, וועלכן זי קען אויף דער וועלט, זי דערקענט נישט אפילו די קינדער.

אין דער האַלב־טונקלקייט און אין דער אומהיימלעכקייט האָט מיר משה מרדכי דערציילט, אַז שוין יאָרן ווי ער קאָכט זיין עסן אַליין, רוימט אויף אין שטוב.

איך האָב פּרובירט אָנטאַפּן משה מרדכים אמאָליקע אפּיקורסות, וואָס האָט מיר אין מיין פריער יוגנט פאַרשאַפט אַזוי פיל שרעק און ליידן.

— פאַרבלענדניש איז עס געווען, האָט ער מיר געזאָגט עפּעס בסוד: איך בין נכשל געוואָרן. קליינע קעפּ זענען די דאָזיקע שרייבער, קליינע קעפּ.

ער האָט שוין די „הצפירה״ נישט געלייענט און קיין טריף ביכל איז אין זיין הויז נישט געווען.

און שבת, ווען איך בין געווען ביים דאַווענען אין גרויסן בית־המדרש, האָב איך פון ווייטן געזען משה מרדכין מיט אַ טלית איבערן קאָפּ, דאַווענענדיק מיט גרויס דבקות.

ער האָט געדאַוונט פרומער און לענגער פאַר אַלעמען.

ער איז זייער פרום געוואָרן, דער אַלטער משה מרדכי. און זיין פרומקייט איז געווען אַזאַ שטילע, אַזאַ בנעימותדיקע און אַזאַ ווייכע, ווי זיין אמאָליקע באַהאַלטענע אפּיקורסות.

און פרום געוואָרן איז ער, האָב איך זיך דערוווּסט, ווען איינער פון זיינע לאַנגע זין, וואָס איז געוואַקסן, געוואַקסן, שוין נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז געווען א סטאָליאַר, איז געשטאָרבן.

איינזאַם אין זיין אפּיקורסות איז ער געווען און נאָך איינזאַמער איז ער געווען אין זיין פרומקייט.

אייניקע האָבן געוווּסט וועגן זיין משונהדיקער פרומקייט: אין מתנגדישן בית־המדרש האָט ער געדאַווענט נוסח ספרד און געלערנט האָט ער בלויז די קבלה־ספרים. אייניקע האָבן געוווּסט, אַז ער ריכט אָפּ חצות; ער שטייט אויף פאַרטאָג, זעצט זיך אויף אַ נידעריק בענקל, ווי מען זיצט שבעה און ריכט אָפּ שטיל חצות.

און ער האָט זיך זייער צוגעלאָזן צום בלינדן ר׳ יאָסל, צום בלינדן, וואָס פלעגט זיך זיצן אין בית־המדרש און לערנען ש״ס אויף אויסנ־ווייניק. ער פלעגט אים ברענגען עסן, באַזאָרגן זיינע וועש, פירן אים אין מרחץ און אין אַ פרייער צייט זיצן און לערנען אויסנווייניק מיטן בלינדן צוזאַמען אַ בלאַט גמרא.

דער בלינדער איז געווען א קפּדן און פלעגט כאַפּן משה מרדכין ביי טעותן, ביי גרייזן. און אַמאָל פלעגן זיך אָנשטעלן זיינע בלינדע אויגן אויף משה מרדכין און ער פלעגט ארויסבר:מען:

— א דרדקי־מלמד ביסטו!

און משה מרדכי פלעגט גוטמוטיק, ווי זיין שטייגער שמייכלען.

און ווען איך בין נאָכאַמאָל ארייננגעפאַלן אין מיין שטעטל, האָב האָב איך זיך דערוווּסט, אַז משה מרדכים משוגענע ווייב איז געשטאָרבן. און ער, משה מרדכי, איז געוואָרן דער טאַטע פון די צוויי משוגעים אין שטעטל. ער קלייבט פאַר זיי נדבות, קליידט זיי, פירט זיי אַמאָל אין מרחץ און גיט זיי עסן.

און די משוגעים, האָט מען מיר דערציילט, האָבן זיך זייער צוגע־בונדן צו אים.

דער משוגענער וואָלף פלעגט אין מיטן נאַכט צוקומען צו משה מרדכים הייזקע און רעווען ווי אַן אָקס:

— עסן...

ד״ר א. מוקדוני

פלעגט משה מרדכי אויפשטיין און ארויסטראָגן אים א שטיקל ברויט.

געשטאָרבן איז משה מרדכי א גוואַלדיקער זקן: נישט ער האָט געוווסט געננוי ווי אַלט ער איז און נישט אַנדערע.

די זקנים פון שטעטל פלעגן אָפט פּרובירן צו אויסחשבונען וויפל איז משה מרדכי אַלט: און כסדר די זעלביקע מעשה: ווען זיי זענען נאָך געווען קינדער, איז שוין משה מרדכי געווען א דערוואקסענער מענטש.

די לצים האָבן געחשבונט כסדר ווי אַלט משה מרדכים באַוווסטער פּעלץ איז און דאָ איז מען פאַרקראָכן ווייט־ווייט אין קדמונים.

געשטאָרבן איז ער אַזוי שטיל, אַזוי רואיק און מיט אַזאַ גוטמוטיקן שמייכל ווי ער האָט געלעבט. א חברה־קדישאניק האָט מיר דערציילט וועגן זיין טויט.

און ער האָט צוגעגעבן מיט א שטילער פאַרוווּנדערונג:

— איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ ריינעם בר־מינן. דאָס לייב ריין, ציכטיק, ער האָט ממש געלויכטן...

אַזוי האָט געלעבט און געשטאָרבן מיין דרדקי־מלמד און מיין פריינט, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין מיין יונגן לעבן און געלאָזט אין אים טיפע שפּורן.

אַזוי האָט געלעבט אַן איינזאַמער ייד, אויפן פּנים א רואיקער, גוטמוטיקער שמייכל, אין האַרצן כסדר גרויסער אומרו...

X.

די אַלטע שול

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט מאלעריי און שניצעריי האָב איך געמאַכט אין מיין פריסטער יוגנט אין אונדזער אַלטער שול, וואָס האָט אויך געהייסן „די קאַלטע שול", ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין אויוונס און אין די גרעסטע קעלטן פלעגן דאָרט יידן דאווענען אָנגעפּעלצטע און דאַווענענדיק פלעגט פון זייער מויל שלאָגן א פּאַרע.

די אַלטע שול איז ביי מיר געווען דאָס גרעסטע היילקטום און האָט געררייצט כסדר מיין נייגעריקייט. איך האָב ליב געהאַט די דאָזיקע שול, ווייל זי האָט אויף זיך געטראָגן עפּעס א גרייז־גרויע, לאַנג־דורות־דיקע חשיבות און זי איז געווען עפּעס אַ געביידע נישט פון דער אַלטעג־לעכער וועלט.

אונדזער אַלטע שול איז געווען א קונסט־מוזיי.

ראשית די ארכיטעקטור פון דער שול: זי איז געווען אביסל ענלעך אויף אַ כינעזישער פּאַגאָדע, זי האָט געהאַט דריי דעכער. איין דאַך איבער עזרת־נשים פוןביידע זייטן. פון דעם דאַך האָט זיך אויפגעהויבן די שול מיט אירע גאָטישע פענצטער מיט פּאַרביקע שויבן. איבער די שויבן דער ווייטער דאַך, ווייטער איז די געביידע פארשמעלערט געוואָרן. קליינע קיילעכדיקע פענצטערלעך זענען געווען אָנגעפּיקעוועט ארום דער גאַנצער געביידע און איבער זיי אַ דריטער דאַך.

דער אריינגאַנג איז געווען דער פּאָליש פון שול. ברייט אָבער טונקל איז געווען דער פּאָליש. ביי בײדע זייטן פון פּאָליש זענען געווען

„שטיבלעך״ פאַר מנינים און די תלמוד־תורה. און פוןביידע זייטן אין דער לענג האָט זיך געטוליעט די ווייבערישע שול.

אזוי ארום איז די שול געווען ארומגעגאַרטלט מיט א גאַרטל פון געביידעס פון איין שטאָק. פון דעם גאַרטל האָט זיך אויפגעהויבן די שול געביידע מיט א פרומער און באשיידענער עלעגאַנץ.

די גאַנצע ארכיטעקטור איז געווען אַ זייער פשוטע, אָן פּשטלעך און דריידלעך, דערפאַר אָבער אַן אמת פיינע און א זייער האַרמאָנישע.

דער פראָנט, וואָס האָט געהאַט דער איינשטאָקיקער פּאָליש און די צוויי שטיבלעך אין די ווינקלען, איז געווען זייער עלעגאַנט און זייער חנעוודיק קאָנסטרואירט. דער פּאָליש האָט געהאַט א דעכל און די שטיבלעך זענען געווען געבויט ווי צוויי טורעמלעך, שטילע, עניוותדיקע טורעמלעך.

איבער זיי איז די שול ארויסגעוואַקסן העכער, אזוי נאַטירלעך און אזוי איינפאַך־שיין, אַז איר האָט זיך נישט געקענט גענוג אָנקוקן

דער פראָנט פון שול איבער דעם פּאָליש און איבער די שטיבלעך האָט געהאַט זייער פיינע געשניצטע קאַרניזן, פיינע זיילן און ביים שפּיץ איז געווען איין גרויס קיילעכדיק פענצטער מיט פאַרביקע שויבן.

בלויז איין וואַנט — די מזרח־וואַנט — איז געווען א טויבע, זי האָט נישט געהאַט קיין פענצטער און קיין ארכיטעקטאָרישע באַפּוצונגען פון דרויסן.

די גאַנצע געביידע איז געווען אַ הילצערנע, אָבער דאָס האָלץ איז געווען פון בעסטן סאָרט. מען האָט די גרעסטע ביימער אויסגעהאַקט פאַר דער געביידע, און די גרויסע קלעצער זענען געווען אזוי פיין צוזאַמע־לאָזן איינע צו די אַנדערע, אזוי אַריינגעאַרבעט איינע אין די אַנדערע, אז די שול האָט אויסגעזען ווי אויסגעשניצט פון איין גרויס שטיק האָלץ.

וועגן דעם געהילץ פון שול זענען ארומגעגאַנגען לעגענדעס: מען האָט דערציילט, אַז איינער אַ גרויסער און רייכער פּריץ האָט געלאָזט פון זיין גרויסן וואַלד אויסהאַקן די גרעסטע און די פיינסטע ביימער און אַכט פערד, די בעסטע פון זיין שטאַל, האָבן געפירט מיט מאַטערניש 1 קלאָץ. דער פּריץ פלעגט אַליין קומען אין וואַלד און אויסקלייבן די

ביימער, און ווען ער האָט געזען די שול אַ פּאַרטיקע, האָט ער זיך צעוויינט פון פרייד.

וועגן דער טשעסלישער־ארבעט האָט מען אויך דערציילט פאַרשי־דענע מעשיות: געווען ביי אונדז אַמאָל, גאָר אַמאָל, אַ ייד, וואָס איז געווען אַ פּשוטער טשעסלער, האָט אים אַ פריץ געדרונגען צו אויפבויען אים אַ הויז, האָט ער געבויט, געבויט און האָט נישט געוווסט, וואָס ער בויט. אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער דערזען מיט שרעק, אַז ער האָט אויסגעבויט אַ וואונדערלעך שיינע קירך. האָט ער זיך צעוויינט און מהיום והלאה האָט ער גענומען אויף זיך צו בויען נאָר שולן און בתי־מדרשים.

ער פלעגט גיין פון שטאָט צו שטאָט און פלעגט זיך אָנבאָטן צו בויען בתי־מדרשים און שולן אומזיסט.

אָט דער דאָזיקער טשעסלער בעל־תשובה, האָט געבויט די דאָזיקע שול.

דאָס איז בנוגע דער ארכיטעקטור פון דער אַלטער שול.

אינעווייניק איז די אַלטע שול געווען ממש אַ מוזיי פון עכט יידי־שער פאָלקסטימלעכער מאָלעריי און האָלץ־שניצעריי.

אַלע פיר גרויסע ווענט און די גרויסע געוועלבטע סטעליע איז געווען באַמאָלט און באַשריבן מיט פסוקים, גאַנצע קאַפּיטלעך תהילים און תפילות.

יעדער פסוק און יעדער קאַפּיטל תהילים האָט געהאַט ארום זיך אַ וויניעטע, אַ געדריידלטע און אַ געצאַצקעטע. מייסטנס זענען עס געווען געפלאָכטענע צווייגן מיט מילגרוימען, דינע בלעטער און אתרוגים. אין דער נעץ פון צווייגן און בלעטער זענען געווען אריינגעמאָלט טויבן, פרומע, גאָטספאָרכטיקע לייבן און האָפערדיקע הירשן.

און געבונדן אין איין קאָמפּאָזיציע זענען געווען די אַלע שטיקלעך און ברעקלעך מאָלערייען אויף דער וואַנט.

וויפל צייט, געדולד און רעליגיעזן עקסטאַז האָט באַדאַרפט האָבן דער פאָלקס־מאָלער צו באַמאָלן אַזעלכע גרויסע ווענט!

די סטעליע, אַ געוועלבטע, איז געווען באַדעקט מיט מאָלערייען, ווייטער פסוקים, קאַפּיטלעך תהילים אריינגעפּאַסט אין קונציקע וויניע־טעס, און די אַלע געמעלן האָבן זיך געצויגן צום צענטער פון דער

סטעליע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעצירקלט א גרויסער פאַר־שידנפאַרביקער עיגול, און אין עיגול איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרויסער צוויי־קעפּיקער אָדלער וואָס האָט געהאַלטן אין די פינגער פון איין פוס אַן אתרוג און אין די פינגער פון דעם אַנדערן פוס א לולב.

אין עיגול ארום דעם אָדלער איז געווען אויסגעכתיבהט מיט שאַרפע גאָלדענע אותיות דער פּסוק: „ואשא אותך על כנפי נשרים" אאַ"וו.

אָבער דער גאַנצער רעליגיעזער עקסטאַז און ברען האָבן די פאָלקס־קינסטלער פארוועדנט אויף דער מזרח־וואַנט, דערהויפּט אויף דעם ארון־קודש.

דער ארון־קודש איז געווען דריי־שטאָק הויך און ער איז געווען אינגאַנצן געשניצט. אין דער ברייט האָט ער פארנומען אַ גוטע האַלבע וואַנט, און אזוי ארום איז דער ארון־קודש געווען א קאָלאָסאַלע סקולפּטאָ־רישע־שניצערישע קאָמפּאָזיציע, אויף וועלכע מען האָט מסתמא געאַרבעט יאָרן. דער ארון־קודש גופא, דאָס הייסט דער חלל, וווּ עס זענען געשטאַ־נען די ספרי־ תורהס, איז געווען לערך נישט זייער גרויס.

צוויי טירן פון פיינע שניצעריי: צוויי הירשן מיט פארצווייגטע הערנער און מיט אויפגעהויבענע פאָדערשטע פיס אַנטקעגן דער אַנדערן. די טירן זענען געווען אויסגעשניצט פון איין שטיק גוטן דעמב און זייער פעסט עמאַלירט מיט גאָלד.

צוויי כרובים האָבן געפליגלט די טירן פון ארון־קודש און ווען מען פלעגט עפענען די טירן, פלעגן די כרובים אָפּגיין לאַנגזאַם און מיט חרדת־קודש אויף ביידע זייטן, אזוי ווי זיי האָבן געמאַכט א וואַרע פאַר די ספרי־תורהס, וואָס גייען ארויס פון ארון־קודש.

העכער, איבער די טירן, איז געווען אַ גרויסער געשניצטער עיגול מיט די ווערטער: שויתי ה' לנגד עיני תמיד, וואָס זענען געהאַנגען אין דער לופט. איבערן עיגול א גרויסער געשניצטער אָדלער, וואָס האָט מיט זיינע צוויי קעפּ דערגרייכט די סטעליע, אין זיינע פיסלעך האָט ער אויך געהאַלטן אַן אתרוג מיט אַ לולב.

איבערן קאָפּ פון אָדלער איז געקומען א מין באַלדאַכין, אַ חופה, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ בלויען הימל מיט פינקלענדיקע שטערן.

די פיינסטע קונסט־אַרבעט זענען געווען די זייטיקע פליגלען פון אַרון־קודש, וואָס יעדע האָט פאַרנומען אַ שטיק פון דער מזרח־וואַנט.

די פליגלען זענען געווען פון אַ זייער דינער כמעט פיליגראַנישער אַרבעט. דער מאָטיוו איז געווען אַ גרויסער לייב מיטן כתר־תורה אויפן קאָפּ און מיט לוחות, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע פיס.

ארום די צוויי לייבן האָבן פלפולדיק געשניצטע וויניעטן דורכגע־פלאָכטן מיט הענגענדיקע מילגרוימען און שווערע בלעטער. אין די בלעטער אַ מאַסע ריינינקע און שיינינקע טייבעלעך און אַנדערע פייגע־לעך מיט אָפענע מיילעכלעך, וואָס זינגען שירה.

איבער דעם האָבן זיך פון ביידע זייטן אויפגעהויבן צוויי גרויסע געשניצטע ביימער וואָס האָבן מיט זייערע שפּיצן דערגרייכט ביז דער סטעליע. די ביימער האָבן געהאַט זייער קאַפּריז־געפלאָכטענע צווייגן און אויף די צווייגן זענען געהאַנגען אויסגעשניצטע פסוקים ווי „עץ חיים היא למחזיקים בה אא״וו.

די דאָזיקע קאָלאָסאַלע שניצעריי איז געווען באַדעקט מיט עמאַלירטן גאָלד, מיט הימל־בלוי און מיט שטאַרק רויטער עמאַליע. דער עיקרשט איז געווען גאָלד־עמאַליע.

די שול מיט אירע שניצערייען און מאָלערייען איז געווען מיין קונסט־מוזיי ביז 13—14 יאָר. איך האָב געוווסט יעדעם קווייטעלע, יעדן געשניצטן חנדל, יעדן שטריך און יעדע ליניע. איך האָב עס איינגע־זאַפּט אין מיר מיט אַזאַ נייגעריקייט, אַז ווען איך פלעג מאָלן (פאַרשטייט זיך פאַר זיך אַליין), פלעג איך זיך כסדר אָנשטויסן אויף די מאָלערישע און שניצערישע מאָטיוון פון דער אַלטער, ליבער שול אונדזערער.

די שול האָט געהאַט נאָך אוצרות: ספרי־תורהס מיט וווּנדערלעך געשניצטע עץ־חיימס, קרוינען פון ספרי־תורהס, ידן (טייטלען), בשמים־קעסטלעך, זילבערנע טאַוולעך, וואָס זענען געהאַנגען אויף די ספרי־תורהס, וווּנדערלעכע פּרוכתן, מאַנטעלעך, הענג־לייכטער, לייכטער, כוסות צום קידוש און הונדערטער אַנדערע זאַכן.

שפּעטער פלעג איך אָפּגעבן צו באַטראַכטן, צו באַוווּנדערן און צו געניסן די שיינקייט פון די דאָזיקע חפצים.

ד״ר א. מוקדוני

אין שול איז געשטאַנען א כסא של אליהו, אויף וועלכן מען פלעגט פּראַווען דעם ברית־מילה. איך וועל זאָגן אָן גוזמא, אז יעדער מוזיי וואָלט אָפּגעגעבן דאָס שענסטע אָרט פאַר אַזא קונסט־ווערק.

פון האַרטן דעמב איז געווען דער שטול און ער האָט געהאַט א תהום פון וואונדערלעכער שניצעריי. ווייטער לייבן, ווייטער טויבן און ווייטער פּסוקים.

ער איז געווען הויך און גרויס: מיט דריי טרעפּלעך פלעגט מען דאַרפן ארויף כדי צו זעצן זיך אויף אים.

און איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט און קען זיך היינט נישט דערגרונטעווען צו דעם מקור פון אזא בליענדיקער קונסט אין אזא פאַרוואָרפן קליין שטעטל.

וועגן דעם מייסטער פון ארון־קודש איז ארומגעגאַנגען ביי אונדז אזא לעגענדע:

רבי חיים האָט ער געהייסן. ער איז געווען א יונגערמאַן א מוסמך, אַן איידעם פון א רייכן ייד. ער פלעגט לערנען יום ולילה, נאָר איין שעה אין טאָג פלעגט ער שפּילן; ער פלעגט זיך פאַרשפּאַרן ביי זיך אין חדרל און שניצן, שניצן.

איינמאָל איז דער שווער אריין אין זיין צימער און ער האָט דערזען פאַר זיך א וואונדערלעכן ארון־קודשל. ער האָט זיך פאַרוואונדערט און האָט געבראַכט דעם רב א קוק טון אויפן ארון־קודשל. דער רב, א גרויסער צדיק, האָט געמאַכט א ברכה אויף דעם מייסטערווערק און האָט גע־בענטשט רבי חיימען, אז ער זאָל זוכה זיין בויען דעם בית־המקדש. מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו חירומען (צו וועלכן שלמה המלך איז אָנגעקומען).

אז מען האָט אָנגעהויבן בויען די אַלטע שול, האָט דער רב גערופן צו זיך רבי חיימען און האָט אים געהייסן שניצן דעם ארון־קודש. רבי חיים האָט געזאָגט, אז ער דאַרף האָבן געצייג, פאַרשידענע דלאָטעס, מעסערלעך און זעגעלעך.

האָט דער רב באַפוילן, אז דער שווער זאָל מיט אים פאָרן אין כרך אריין און איינקויפן, וואָס מען דאַרף אויפן חשבון פון קהל.

געקומען אין כרך, איז רבי חיים פאַרפאַלן געוואָרן אויף דריי

מעת־לעת. איז געװאָרן אַ מהומה, מען האָט אים אָנגעהױבן זוכן און מען האָט אים געפֿונען אין אַן אַלטן קלױסטער. ער איז דאָרט געזעסן און געקוקט אױף די סקולפּטור־אַרבעט און אױף די שניצערײען.

ער האָט די צװײ מעת־לעת נישט געגעסן און ער איז געװען כּמעט אַ פֿאַרחלשטער. אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט, אַז די אַרבעט אין קלױסטער איז פֿון אַ ייִד, ער האָט עס דערקענט.

רבי חיים האָט צען יאָר געאַרבעט אױפֿן ארון־קודש.

דעם ערשטן שבת, װאָס מען האָט געדאַװנט אין שול, האָט מען אים געגעבן שלישי: זאָגנדיק די ברכה האָט ער זײַנע בליקן צוגעשמידט צו זײַן ארון־קודש און ער איז פּלוצלינג געפֿאַלן אין חלשות.

אַז מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט באַמערקט אַ גרײַז אין אַן אױסגעשניצטן פּסוק, אַ שלעכטן גרײַז, װאָס איז נאָר מעשׂה־שׂטן. זונטיק איז ער דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אױף אַ לײטער און פֿאַרריכט דעם גרײַז און מאָנטיק איז ער געשטאָרבן.

װאָס איז געװען דער גרײַז, האָב איך בײַ אונדזערע זקנים נישט דערגאַנגען, נאָר מען פֿלעגט אָנװײַזן אַן אָרט אין ארון־קודש, װאָס האָט באמת אױסגעזען װי פֿאַרריכט: דאָס איז געװען אַ שמאָלער פּאַס מיטן פּסוק „שׂאו שערים ראשיכם והנשׂאו פּתחי עולם"...

⁂

אין שטעטל איז געװען אַ זיכערע מסורה, אַז די אַלטע שול װעט קײנמאָל נישט ברענען: רבי אהרעלע, דער באַװוסטער לעבעװיטשער צדיק, האָט עס געלאָזט װיסן אײנמאָל אין אַ שׂמחת־תּורה, װען ער האָט געטאַנצט מיט זײַנע חסידים אױפֿן גרױסן שול־פּלאַץ, װאָס איז געװען פֿאַר דער שול.

ער האָט זיך אַװעקגעזעצט אױפֿן גרױסן שטײן װאָס ליגט אַנטקעגן דער שול און האָט געזאָגט:

— דער דאָזיקער מקום קדוש װעט קײנמאָל נישט אָפּברענען.

ייִדן זענען געװען אַזױ זיכער, אַז די שול װעט נישט ברענען, אַז װען עס פֿלעגט אױסברעכן אַ שׂרפֿה, פֿלעגט מען זיך ראַטעװען מיט די בעבעכעס אַרום שול.

און באמת, אפשר הונדערט יאָר האָט די שול נישט געברענט.

פארשטייט זיך, אז קיין נס איז אין דעם נישט געשען. די שול איז געשטאַנען אויף אַ גרויסן, פרייען פּלאַץ און האָט נאָענט ארום זיך קיין שום געביידעס נישט געהאַט. פון אַלע זייטן האָט זי געהאַט פרייען פּלאַץ אַ סך הונדערטער פוס. אַ וווּנדער איז, וואָס דאָס פייער איז דער־גאַנגען צו איר אין יאָר 1926 און זי איז אָפּגעברענט געוואָרן און פון דעם קונסט־אוצר איז קיין זכר נישט געבליבן.

אז די שול קען נישט ברענען, זענען אַלע געווען זיכער און מען פלעגט זיך שפּילן פריי מיט פייער ארום שול, דאָס וואָס איז געווען אַ שרעק צו טון אויף אַנדערע פּלעצער פון שטאָט. ווארום פאר פייער האָט אונדזער שטעטל געציטערט. פלעגט מען דערזען אַ צו גרויסן רויך פון א קוימען, פלעגט מען זיך באַלד צונויפלויפן דערשראָקענע און מען פלעגט די באַלעבאָסטע זידלען און שעלטן. אָבער אַנטקעגן דער שול האָט מען געמעגט פונאַנדערלייגן דעם גרעסטן פייער און קיינער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט:

איז געווען אַ מנהג ביי אונדז אין שטעטל צו פארברענען דעם סכך פון די סוכות דעם לעצטן טאָג סוכות און דעם גאַנצן שמחת־תורה.

יינגלעך פלעגן אראָפּשלעפּן דעם סכך פון די סוכות, ברענגען אים אויפן שול־פּלאַץ און פארברענען אים מיט געזאַנג און מיט טענץ. אַ געדיכטער, ווייסער רויך און דערנאָך אַ שיטערער רויך פלעגט שטיין אין שטעטל צוויי טעג נאָכאַנאַנד.

ווייסע חברהניקעס פלעגן זיך נישט קענען דערוואַרטן ביזן לעצטן טאָג סוכות און פלעגן אָנהויבן אראָפּנעמען דעם סכך מיט אַ טאָג פריער. פלעגן זיין הריגות אין שטעטל, באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט בלייבן אָן א סוכה, און ווייסע חברהניקעס האָבן געברענט פון אומגעדולד צו מאַכן אַ פייער.

פלעגט מען זיי אָפּטרייבן פון דער סוכה, האָבן זיי שוין געהאַט אַן אויג אויף אַזאַ באַלעבאָס און ביינאַכט פלעגט מען צונעמען ביי אים זיין אָפּטריט און פארברענען אים.

אין דעם גרויסן אַזאַרט פלעגט מען ברענען נישט בלויז סכך, אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט ברענען איז אָפּגעראַמט געוואָרן פון שטאָט און

פארברענט געװאָרן אויפן שול־פּלאַץ: קאַסטנס, אַלטע בענק, דעבער פון חורבות, געהילץ און אַמאָל אַפּטריטן.

און אזא װיכטיקן ברען־מאַטעריאַל פלעגט מען טראָגן מיט פאַראַד איבערן שטעטל. א פּאָר צענדליק ײנגלעך פלעגן שלעפּן צעהיצטע א גרויסן קאַסטן און א צענדליק ײנגלעך פלעגן קלאַפּן מיט שטעקנס און שרייען:

— א קאַסטן, א קאַסטן, א קאַסטן...

די פּאָליציי האָט אײביק געפירט א קאַמף מיט דעם שפּיל מיט פייער אינמיטן שטאָט. פּאָליציי איז אפנים נישט געװען זיכער, אז די שול װעט נישט ברענען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט אַמאָל געשיקט פון גובערניע אַן עקסטרא טשינאָװניק מיט עקסטרא פּאָליציי צו מבטל מאַכן דעם מנהג. זיי האָבן אָבער גאָרנישט אויסגעפירט.

פלעגט מען בײטאָג נישט לאָזן, פלעגט אין סאמע מיטן נאַכט ברענען דער סכך.

דער מנהג איז געבליבן ביז די סאַמע לעצטע יאָרן.

***

ארום דער אַלטער שול האָט זיך געװעבט פאַרשידענע אבערגלױבישע לעגענדעס: אַלע, למשל, האָבן געװוּסט, אז אין דער אַלטער שול קומען מתים בײנאַכט דאַװענען און צװעלף אזײגער בײנאַכט האָט קיין בן־אדם נישט געװאַגט צו פאַרבײגײן די אַלטע שול.

מען האָט דערציילט, אז שרה־גיטל די זאָגערין, װאָס פלעגט אױפשטיין צום דאַװענען פאַרטאָג, איז אַמאָל, נישט װיסנדיק, אױפגעשטאַנען אינמיטן נאַכט און איז אַװעק אין שול. זי איז אריין אין דער װײבערישער שול און האָט געזען, אז אין שול איז ליכטיק, און א ייד שטייט בײם עמוד אײנגעװיקלט אין א טלית, אָבער אין דער װײבערישער שול איז געװען פינצטער װי אין אן אױװן.

— ר׳ ייד, זײט אזױ גוט און גיט מיר א ליכט, האָט שרה־גיטל געשריען צום ייד פון דער פינצטערער װײבערישער שול.

האָט זיך אױסגעצױגן א האַנט פון עמוד גלײך דורכן פענצטערל

פון דער ווייבערישער שול. באַלד איז געוואָרן פינצטער אין שול, עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון סטענדערס און אין אַ רגע ארום איז געוואָרן מאוימדיק שטיל און מוראדיק פינצטער.

שרה־גיטל איז ארויסגעלאָפן אַ האַלב־טויטע און האָט אָנגעהויבן שרייען.

יידן האָבן זיך אויפגעכאַפּט, מען איז ארייננגעפאַלן אין שול און מען האָט גאָרנישט און קיינעם נישט געפונען.

און נאָך אזעלכע מעשיות האָב איך געהערט וועגן דער שול, אָבער פונקט די זעלביקע מעשיות האָב איך געהערט אין אַנדערע שטעטלעך וועגן זייערע שולן.

ווי די מעשה איז, די שול איז געווען אַ גרויס שטיק פאָלקס־קונסט און צו איר האָט זיך צוגעטוליעט אויך די ליטעראַרישע קונסט — די קונסט צו וועבן ארום איר מעשיות.

XI

שפרהטשקע

איך האָב אין מיין לעבן נישט באגעגנט נאָך אזא פּארמאנסבילטע יידענע ווי שפרהטשקע, די פיש־ און עופות־הענדלערין אין מיין שטעטל.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ מאנסביל, הויך, מיט אַ ברייט מענעריש געזיכט, מענערישע טריט פלעגט זי שטעלן און רעדן האָט זי גערעדט הארט און גראָגערנדיק.

זי האָט אַלעמען געזאָגט „דו" אויסער דעם רב, פארשטייט זיך.

לצים האָבן געזאָגט, אז שפרהטשקע איז געבוירן געוואָרן אַן אלמנה, ווייל קיינער האָט נישט געדענקט, ווען איר מאן איז געשטאָרבן. אין דעם טומל, וואָס שפרהטשקע פלעגט מאכן אַרום זיך, האָט מען נישט באמערקט איר מאן, אפילו ווען ער האָט געלעבט, און מען האָט נישט באמערקט, ווען ער איז געשטאָרבן.

שפרהטשקע איז געווען אַ מאמע פון קינדער, אָבער קיינער האָט נישט געהערט פון זיי, שטילע, דערשלאָגענע פלעגן זיי ליגן אין שפרה־טשקעס הויז. ווען זיי זענען עלטער געוואָרן, האָבן זיי חתונה געהאַט און זענען געבליבן עפּעס שטילע און באהאַלטענע.

געזאָגט האָט מען, אז שפרהטשקע היט אָפּ אירע קינדער ווי דאָס אייג אין קאָפּ.

אָבער די גרויסע יידענע האָט אזוי פיל געטומלט, אז מען האָט קיינמאָל אירע קינדער נישט געהערט.

ווען שפרהטשקע האָט אויסגעגעבן די לעצטע טאָכטער, האָט מען

די טאָכטער נישט געזען; שפּרהטשקע האָט געטאַנצט אין גאַס, האָט געכאַפּט מאַנסבילן און געטאַנצט מיט זיי. פירנדיק איר טאָכטער פון דער חופה, אויף חתונה־מאָלצייטן האָט זי אַלעמען געווינטשעוועט, אַלע־מען געשטופּט גאַנצע טעלער פיש. פאַר איר האָבן כלי־זמר געשפּילט און זי האָט געטאַנצט, אַז מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט פון וואַנען נעמען זיך ביי איר כוחות.

און אין ווינקל איז געזעסן איר טאָכטער, די כלה, אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע און אַ טרויעריקע.

שפּרהטשקע פלעגט קלאַפּן מאַנסבילן איבער דער פּלייצע ווילעריש אין פלעגט שרייען:

— עה, מאַנסביל מיינער, מאַך אַ טראָט, שלעפּ נישט פיס ווי קישקעס, בעל־פּרנסה, גיב זיך אַ ריר און ברענג אַ גוטן פונטל פיש דיין צעקראָכענער ייִדענע.

ווייבער האָבן מורא געהאַט פאַר איר. פלעגט אַ פרוי וואַגן צו גע־פינען אַ חסרון אויף אַ הון, אָדער אַ פיש, וואָס שפּרהטשקע האָט איר פאַרגעלייגט צו קויפן, איז חיות נישט זיכער געווען:

— מאַגנאַטקע מיינע, די וויפלטסטע הון קויפסטו אין דיין לעבן? פון וואַנען ביסטו עס אזא מבינטע אויף הינער?

פלעגט איר אַ פרוי זאָגן, אַז די פיש, וואָס זי האָט געקויפט פון איר זענען געווען שלעכטע, פלעגט שפּרהטשקע זיך אָנצינדן און צע־דרשנען זיך:

— אַ גוי זוכט זיין פּיפּיק אויף דער פּלייצע און דו זוכסט אין פיש אַ לונג און לעבער. דו קענסט דען קאָכן פיש? דיין מאַמע די שלימזל־ניצע. די נענזע, די שמאַגעגע האָט דיך געלערנט קאָכן פיש, קען די פיש האָבן אַ טעם?

שפּרהטשקע איז געווען אַ בריה צו האַנדלען מיט גויים.

זי האָט אַלע גויים פון דעם געגנט געקענט ביים נאָמען. זי האָט געוווּסט ווי מען רופט זייערע פרויען, זייערע קינדער, ביי וועלכער שיקסע איז באַלד „כאַשלעראָ״ (חתונה) און וועלכער שגץ דאַרף שטיין צום פּריזיוו.

איידער זי פלעגט אנהייבן האנדלען מיטן פויער, פלעגט זי פריער באגעגענען אים מיט א ברייטן שלום עליכם:

— הארצעלע מיינס, אויג פון מיין קאפ, דו דימענט אין מיין קרוין, וואס מאכסטו, וואס מאכט אוודאטיע? וואס מאכט דער קאראפוזיק אי־וואנקע? וואס מאכט דיין קראסאוויצע כוועדאסיע? קיין בייז אויג זאל איר נישט שאדטן, וואס מאכט דיין ראבע קו? זאל זי זיך מעלקן און מעלקן און שא, וואס מאכט דיין אדלערל (דאס פערדל)? — קוקט זיך שפרה ארום און הייבט אן גרייזלען די גריווע פון פערדל, לעבן זאל ער ביי דיר און קינדלען זאל ער ביי דיר, א. א. וו.

דער גוי פלעגט פון אזא ווארעמער אויפנאמע ווערן פוטערדיק און דאן האט שפרהטשקע אנגעהויבן טאפן ביי אים אין וואגן און זען, וואס ער האט צו פארקויפן. און אלץ וואס דער גוי האט געהאט, איז פאר איר געווען א סחורה.

פלעגט שפרהטשקע שטיין ביי א וואגן, פלעגט שוין קיינער פון די הענדלער נישט צוגיין צום וואגן, עס איז געווען איר וואגן און איר גוי.

פלעגט אמאל איינער פארגעסן און צוגיין פרעגן דעם גוי, צי האט ער עפעס צו פארקויפן, פלעגט שפרהטשקע עפענען דאס מויל:

— מכות, שטעכעניש, ברעכעניש, קלעמעניש, ברענעניש, דרייעניש און ווייעניש, האט ער פאר דיר! דו פערדאילא, דו אקס, אנגעמאלטער גולם, ווו האסטו דיינע אויגן? אין די פיאטעם האסטו זיי, דו זעסט דען נישט, אז איך מוליר דעם ערל?

און אז יענער האט זיך פארעקשנט און האט אנגעהויבן טענהן מיט שפרהטשקען, פלעגט זי נישט זיין פויל און מכבד זיין אים מיט קלינ־געגדיקע פעטש און דערביי פלעגט זי זיך צעשרייען:

— דאס ביסן ברויט וויל אט דער רוצח ביי אן אלמנה פון מויל ארויסרייסן, ער וויל מיינע קינדער אויסהונגערן, א מערדער, א וואלד־גזלן איז ער, נישט קיין ייד!

זי האט פארמאגט אזא כוח הדבור, אזא טאלאנט צו זיין שטארק און גראב און פלוצלינג פארוואנדלען זיך אין אזא אומגליקלעכער און שלימזלדיקער אלמנה, אז אלע פלעגן גערירט ווערן.

שפרהטשקען פלעגט מען הערן איבערן גאנצן מארק אין א מארק־

טאָג און אפילו אין א יאריד. זי האָט זיך געטראָגן איבערן מארק ווי א טייוול, פלעגט רעדן, האנדלען מיט א מוראדיקן עקסטאז, די באקן האָבן איר געפלאַמט, אין די ווינקלען פון מויל איז איר געלעגן שוים און די אויגן האָבן ממש געפלאַקערט.

זי פלעגט שטיין נעבן איין וואָגן, דאכט זיך, איז אן אַנדערער צו־געקומען צו אן אנדער וואָגן, פלעגט זי אים שרייען פון וויטן:

— עה דו, קלאָגעדיקער קופיעץ (סוחר) מיינער, רוק נישט דיין נארישע נאָז אין יענעמס וואָגן, עס איז מיין גוי, און באלד פלעגט זי זיך ווענדן צו יענעם גוי:

— טייבל מיינער, חיות מיינער, מיר האנדלען דאָך שוין זינט יעזוס איז געבוירן געוואָרן, נישט אמת? זאָג, זאָלן מענטשן הערן, זאָלן מענטשן וויסן, ווי שפרהטשקע איז נישט קיין ליגנערין, שפרהטשקע איז א פינצטערע אלמנה...

און זי האָט נישט אויפגעהערט צו מאָלן מיט קללות, מיט ווערטער בייזע און וויינענדיקע, ביז יענער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

נאָכן מארק פלעגט זי זיך לאָזן אַהיים מיט גאנצע קערב סחורה טריאומפירנדיק ווי א זיגרייכער גענעראל פון שלאכטפעלד.

דעמאָלט איז זי געווען לייטזעליק צו אלעמען, ווען זי פלעגט באַ־געגענען, האָט זי געהאַט פאַר אים א גוט וואָרט:

— דאָס האָב איך פאַר דיר א ווייך שמאלציק הינדעלע איינגע־האנדלט, איך קלער נאָר וועגן דיר, איך האָב שוין לאנג געזען, אז דו זעסט אוים נישט גוט, נו, זאָג איך, מען דאַרף פאַר דיר עפּעס איינ־האנדלען א רעכט הינדל.

— אוצר מיינער, פאַר דיר האָב איך עס אַ פעטן שלייענדל (פיש) ביי כווערדען ממש פון די הענט ארויסגעריסן. דיין שמואל־משה איז אזא זיידענער, אזא פיינער ייד און ער דאַרף האָבן א גוט שטיקל פיש.

און אזוי איז זי מיט יעדן וועלכע זי באגעגנט.

די גאנצע וואָך פלעגט זי פארקויפן דאָס, וואָס זי האָט זונטיק איינגעהאנדלט. פלעגט זי עס פארקויפן אויפן געוועלבן אופן איז גוט, אויב נישט פלעגט זי דאָנערשטיק צוגיין צו א שטוב, אריינוואַרפן א הון, אָדער א האָן און אוועקגייענדיק שנעל פלעגט זי פון וויטן שרייען:

— עס געזונטערהייט, נישקשה, איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט, דו וועסט מיר אָפּצאָלן, זאָל איך עס פאַרמאָגן, וואָס איך וועל דיר נע־טרויען, עס געזונטערהייט, דו ביסט ביי מיר א בטוח, דו ביסט דאָך מיר קיינמאָל א גראָשן נישט געבליבן שולדיק.

די באַלעבאָסטע פלעגט אַרויסלויפן און בעטן זיך:

— שפּרהטשקע, איך דאַרף נישט קיין האָן, איך האָב היינט ערשט געקוילעט א האָן.

עס איז געווען פאַרפאַלן: שפּרהטשקע פלעגט שוין זיין ווייט און האָט נישט געהערט די טענות.

שפּרהטשקע האָט נישט געהאַנדלט ערלעך מיט גויים. דאָס האָבן אַלע געוווּסט, אָבער מען האָט זיך נישט געקענט העלפן. האָט שפּרהטשקע געוואָלט עפּעס קויפן, האָט מען איר געמוזט פאַרקויפן, האָט זי באַ־דאַרפט עפּעס פאַרקויפן, האָט מען געמוזט קויפן.

פלעגט א גוי זיך אַרומזען, אַז שפּרהטשקע האָט אים אָפּגענאַרט און פלעגט זי אָפּזוכן און אָנהייבן בעטן צוריק זיין סחורה מיט סטראַ־שונקעס, פלעגט זי זיך מישב זיין און שלעפּן דעם גוי צום רב.

— ווייסט גאָר וואָס, אידיאָם דאָ ראַבעניו (לאָמיר גיין צום רב).

אַן אַנדער גוי פלעגט זיך לאָזן גיין מיט איר צום רב, אָבער אויפן וועג פלעגט זי מיט אים אַזוי קלוג און אַזוי בריהדיק איינטענהן, אַז דער גוי פלעגט זי אָפּלאָזן, ווארום פאַרן רב פלעגט שפּרהטשקע אַליין מורא האָבן.

אַמאָל האָט זיך אַ פאַרעקשנטער פּויער נישט געלאָזט איבעררעדן און איז געקומען מיט איר צום רב.

דאָ האָט שפּרהטשקע פאַרלוירן דאָס לשון, זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם רב און האָט זיך צעוויינט:

— רבי, איך בין אומגערעכט, זייט מוחל, רבי.

און זי איז מיטן גוי באַלד דורכגעקומען.

*****

פלעגט קומען דער חודש אלול און דערנאָך די ימים־נוראים, פלעגט שפּרהטשקע ווערן אינגאַנצן אַן אַנדערע: א גאָטספאַרכטיקייט האָט זיך

אויסגעגאַסן אויף אירביינערדיק, מענעריש געזיכט. זי האָט אָנגערוקט דאָס טיכל פרום איבערן שטערן, פלעגט רעדן מיט מענטשן שטיל, ווייך און ערלעך.

זי פלעגט זאָגן:

רעד נישט מיט מיר אזוי, מען בלאָזט דאָך שופר, איך וויל נישט פארזינדיקן מיין נשמה צוליב אַ פּאָר גראָשן.

זי פלעגט אפילו מיט די פּויערים האנדלען ערלעך, זי פלעגט זיי דערקלערן:

— סמוטני דני (פּאַרכטיקע טעג) איז ביי אונדז, מען בלאָזט שופר און אויפריכטיק מיטן גאנצן הארצן איז זי געווען פרום.

איינגאנצן א דערשראָקענע איז זי געוואָרן אין די ימים־נוראים זי האָט נישט געקענט קיין עברי, אָבער זי פלעגט אָפּזיצן די גאנצע טעג אין דער ווייבערישער שול און וויינען מיט הייסע טרערן.

ראש־השנה און יום־כפור איז זי ארומגעגאנגען מיט רויטע אויגן און מיט אזא פרומען פנים, אז אלע ווייבער האָבן פאר איר דרך־ארץ געהאט.

ערב יום־כפור פלעגט זי ביי אלעמען בעטן מחילה:

— זייט מיר מוחל, מען איז דאָך א מענטש, אפשר א שלעכט וואָרט אייך געזאָגט, אפשר אן איבעריקע קאָפּיקע גענומען אויף א פונט פיש, זייט מוחל, אז גאָט איז אלעמען מוחל, פארוואָס זאָלן מענטשן נישט מוחל זיין איינע די אנדערע?

די עשרת ימי תשובה פלעגט שפּרהטשקע ווערן א גבאיטע. זי פלעגט ארומגיין מיט א טיכל און בעטן נדבות פאר אָרימע, פאר יתומים, מען פלעגט איר טראָגן די נדבה אנטקעגן, אלע האָבן געוווסט, אז דאָס געלט וועט אָנקומען ביזן לעצטן גראָשן צו די נויטבאַדערפטיקע.

יום כפור פארנאכט גייענדיק אין שול פלעגט זי זיי טיילן צדקה מיט א ברייטער האנט און פלעגט בענטשן סיי די אָרימע לייט, וואָס בעטלען פאר זיך אליין און סיי די, וואָס בעטן פאר אנדערע.

— טייערינקע, זאָל אייך דער אלמעכטיקער געבן א גוט און געזונט יאָר, זאָלט איר רייך ווערן, געזונט זיין און האָבן נחת פון אייערע קינדערלעך.

נאָך אַ ייִנגל, פֿלעג איך נאָכקוקן שפּרהטשקען די ימים־נוראים־טעג מיט גרויס חידוש.

און ווען עס פֿלעגט צו „ונתנה תוקף" ווערן אַ געוויין אין דער ווייבערישער שול, פֿלעג איך הערן שפּרהטשקעס געוויין צווישן דעם גרויסן געוויין פֿון הונדערטער ווייבער און דאָס האַרץ פֿלעגט מיר פֿאַרקלעמען פֿאַר דער זינדיקער פֿרוי, וואָס דאַרף אַזוי נייטיק סליחה און כּפּרה...

באַלד נאָך די ימים־נוראים — די זעלביקע שפּרהטשקע ווי פֿריער: זי לויפֿט, זי שרייט, זי שעלט, זי טענהט און קריגט זיך.

איך האָב אַמאָל געהערט ווי שפּרהטשקע האָט זיך באַרימט, אַז זי איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען; זי איז געגאַנגען שווער צו קינד נאָר מיטן 'ערשטן קינד, שווער:

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי, איר ווייסט, אַן ערשטלינג, פּיעשצעט מען זיך, האָב איך געמאַכט אַביסל ווייבערישע תּנועות. נאָכן ערשטן קינד האָב איך די שטיק אוועקגעוואָרפֿן, געקומען אַהיים, געהאַט דאָס קינד און אויף מאָרגן אַראָפּ פֿון בעט — וואָס הייסט איך וועל לאָזן מיינע באַלעבאָסטעס אָן אַ הון אויף שבת אָדער אָן פֿיש?

שפּרהטשקע האָט גערעדט יידיש וווּנדערלעך. זי פֿלעגט שאַפֿן שפּיל־ווערטער, זידל־ווערטער און קללות־ווערטער.

און אַזוי גוט האָט זי גערעדט דעם פּויערישן ווייס־רוסישן לשון פֿון אונדזער געגנט. יונגע באַלעבעסלעך, וואָס פֿלעגן אַרויס נאָך דער חתונה האַנדלען אין מאַרק, פֿלעגן זיך כּסדר ווענדן צו שפּרהטשקען ווי מען רופֿט די פֿאַרשידענע סחורות אויף דעם אָרטיקן דיאַלעקט. און זי פֿלעגט אָנהייבן שיטן מיט נעמען ווי פֿון אַ ווערטער־בוך.

***

אין שפּרהטשקעס לעבן האָט זיך אַריינגעריסן עפּעס אומדערוואַרטס: אירער אַן אייניקל האָט באַקומען אַ שם פֿאַר אַ וואויל־לערנער. עפּעס פֿון צופֿיל גליק, וואָס איז איר געקומען אומדערוואַרט, האָט זי זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן.

דאָס אייניקל אירס איז באמת געווען אַ געראָטענער, אַ שיינער,

ליבער בחורל מיט גוטע פעאיקייטן און מיט התמדה און אלע האבן אים ליב געהאט.

ווי עס איז דערגאנגען צו איר דער ערשטער שבח וועגן איר אייניקל, איז זי צעמישט געווארן, האט זיך צעוויינט און האט געזאגט מיט שרעק:

— זאל איך אים נאר נישט פארזינדיקן, גרויסער גאט!

שבתים און ימים־טובים פלעגט זי דעם ייִנגל ממש נישט לאזן לעבן מיט איר גוטסקייט און געטרייקייט.

אין מיטן טאג פלעגט זי אריינלויפן אין בית־המדרש מיט אירע קאשיקעס (קערב) אנגעפאקט מיט הינער און פיש און ברענגען דעם אייניקל אן עפל, א קיכל און אן אנדער נאשעריי. דאס ייִנגל פלעגט זיך פארשעמען און פלעגט זיך בעטן:

— באבע, אין בית־המדרש מיט עופות, מען טאר נישט, איך וויל גארנישט, מען דארף נישט, באבע...

אבער זי פלעגט אים נישט אפלאזן:

— נישקשה, איך האב א גוטן גאט, ער האט מיר געשענקט אזא אוצרל ווי דו, איז א סימן, אז ער שעמט זיך נישט מיט דיין באבען, נעם עס קינד מיינס, עס, הארץ מיינס, פארשעם נישט די באבען, דו קענסט דאך לערנען, דו ווייסט דאך, אז מען טאר נישט פארשעמען קיינעם, בפרט א באבען...

דאס ייִנגל פלעגט פארשעמט צונעמען די נאשערייען.

אמאל פלעגט מען אפט זען שפרהטשקען שטייענדיק און קוקן דורכן פענצטער ווי איר אייניקל שאקלט זיך אזוי עלעגאנט און אזוי ריטמיש איבער דער גמרא.

פלעגט אימיצער צוגיין צו איר און א פרעג טון:

— וואס קוקט איר, שפרה?

פלעגט זי ענטפערן שטיל:

— מיין נחת קוק איך אן, גוואלד מענטשן, גיט מיר קיין עין־הרע נישט, ווערט ער, חלילה, קראנק, איז אן עק צו מיין לעבן.

דאס אייניקל איז געווארן איר שוואכקייט.

אין סאמע ברען פון איר האנדל האט מען זי געקענט אפרייסן, ווען מען האט איר דערמאנט דעם אייניקל.

חושך איז געווען, ווען דאָס אייניקל האָט זיך געקליבן צו אַוועקפאָרן אין אַ ישיבה. שפּרהטשקע איז געווען זיכער, אַז דאָ האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט, ער וויל אַוועקנעמען איר אייניקל ערגעץ ווייט אין פרעמדע לענדער און דאָרט מאַכן אים קראַנק, אָדער, חלילה, נאָך ערגער.

זי איז געלאָפן צום רב, געבעטן ביי אים רחמים, אַז ער זאָל נישט לאָזן פאָרן איר אייניקל:

— לערנט איר מיט אים, רבי, נישטאָ דאָך אויף דער וועלט קיין גרעסערער לערנער פון אייך. איך וועל צאָלן וויפל מען דאַרף, דעם לעצטן גראָשן וועל איך אָפּגעבן.

און נאָר דער רב האָט זי געקענט באַרואיקן און איבערצייגן זי, אַז איר אייניקל דאַרף פאָרן אין דער ישיבה.

דאָס אייניקל איז געווען איר גליק און איר אומגליק. זי איז פון גרויס גליק עפּעס צעווייכט געוואָרן און צערודערט געוואָרן.

זי פלעגט דעם פּאָסט־טרעגער נישט לאָזן לעבן, זי פלעגט אים נאָכגיין און מאָנען כסדר בריוו פון איר אייניקל. פלעגט אַ בריוו פאַר־שפּעטיקן, איז שייע־בער געווען דער רשע, דער רוצח און דאָס שטיינערנע האַרץ, וואָס ברענגט נישט קיין בריוו, זי פלעגט צערייצט ווערן ווי אַ חיה און פלעגט קיינעם נישט שאַנעווען אין איר צאָרן.

און אַמאָל פלעגט זי זיך צעוויינען ווי אַ באַליידיקט קינד:

— וואָס איז די שמחה מיינע, אָט וועט ער (דאָס אייניקל) נעמען ערגעץ אַ רייכע כלה און וועט זיך שעמען צו בעטן זיין באָבען אויף דער חתונה. ווי קומט שפּרהטשקע צו לומדים, שפּרהטשקע דאַרף האָבן אייניק־לעך שוסטער, שניידער און פּשוטע מענטשן ווי אַלע פון מיין משפּחה.

***

איך האָב פאַרלאָזט מיין שטעטל.

ווען איך בין אַמאָל געקומען צו באַזוך, איז שוין שפּרהטשקע געווען טויט.

און וועגן איר אייניקל האָט קיינער נישט געהאַט צו דערציילן עט־וואָס אומגעוועגלעכס. איינער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז פון אים איז קיין וווּנדער־מענטש נישט אַרויס: ער איז אַ קרעמער, אָדער אַ מלמד ערגעץ אין אַ שטעטל.

XII.

דער משומד

געווען ביי אונדז אין שטעטל אן ארימע, א פארוואָרפענע און א דערשלאָגענע פאמיליע פון שוסטער פארטאטשעס, וואָס פלעגן שוסטערן טײַטיוול בלויז פאַר פויערים. פון דורות לאַנג זענען זיי געווען שוסטער, זייער פאמיליע־נאָמען אפילו איז געווען שוסטער.

א גרויסע פאמיליע, אָבער מען האָט זי נישט געפילט, נישט באַמערקט, ווייל מוראדיק אָרים איז זי געווען, אין אן עק פון שטעטל האָבן זיי געהאַט זייערע קליינע, צעקרימטע פון אלטקייט הייזלעך און אין איטלעכם הייזל האָבן געוווינט א פאַר מנינים מענטשן, קינדער, איידעמס, אייניקלעך, אלע אָפּגעריסענע, אלע הונגעריקע און פארפינצטערטע.

בלויז מיט אריכת־ימים איז געווען געבענטשט די פאמיליע. פריער פון הונדערט יאָר האָט קיינער נישט געוואָלט אוועקגיין פון זייער אָרימען, הונגעריקן און דחקותדיקן לעבן.

דער זיידע פון דער דאָזיקער פאמיליע איז געווען אזא זקן, אז אלע זקנים פון שטעטל פלעגן זאָגן, אז זיי געדענקען אים פון קינדערווייז אָן פאַר א זקן.

א קליינינקער, א צעקנייטשטער, פלעגט ער גיין שנעל, ארבעטן און ארומדרייען זיך אין א מארק־טאָג באַלאָדן מיט עטלעכע צענדליק פאַר גרויסע פויערישע שטיוול.

פראָסט און פארגרעבט איז געווען די דאָזיקע פאמיליע, עם־הארצות איז געווען די פאמיליע־טראדיציע, קיין איין רעכטער בעל־עברי, קיין

איין רעבעטער קדיש־זאָגער האָט די דאָזיקע פאַמיליע נישט געהאַט.

האָט מען א מאָל, ווען מען האָט געכאַפּט קליינע יידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן, צוגעכאַפּט אַ קינד פון דער דאָזיקער פאַמיליע.

די פאַמיליע האָט נישט געוווסט, ווו דאָס געביין פון קינד איז אַהינגעקומען. קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט, אז עס איז פאַראַן אַזא זאַך ווי א בריוו.

זענען יאָרן אוועק און מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין דעם קינד.

אין אַ צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו אין שטעטל פאַר דער דאָזיקער פאַמיליע. האָט דאָס שטעטל געלייענט דעם בריוו, ד״ה דער רוסישער לערער האָט געלייענט און אלע האָבן געהערט און אלע האָבן אים איבערגעזעצט אויף יידיש.

דער בריוו איז געווען פון דעם קינד, וואָס מען האָט אַמאָל געכאַפּט פאַר א סאָלדאַט. דאָס קינד איז איצט אַלט געווען קרוב צו 60 יאָר, און דאָס קינד שרייבט, אַז עס קלייבט זיך קומען אין זיין שטעטל.

אין בריוו איז גאָרנישט געווען, נאָר אַלע האָבן דערשפּירט, אַז דער שרייבער איז א גוי, אַ געשמדטער.

אַן אימה איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן. די גרויסע צאָל קרובים, דער אַלטער פאָטער, די ברידער, שוועסטער, איידעמס און אייניקלעך האָבן זיך צעשריען און צעוויינט.

אַן אומגליק האָט אונדז געטראָפן, א שטראָף פון גאָט, פאַרשווארצן אונדזער פּנים קומט ער...

און שטיל איז געוואָרן, שטיל און טרויעריק אַרום זיי.

די לצים אונדזערע האָבן איינגעהאַלטן די צינגער, די וויצלער האָבן פאַרשטיקט זייערע וויצן.

און מען האָט אָנגעהויבן וואַרטן עפּעס ווי אויף אַ צרה, וואָס רוקט זיך אויפן שטעטל.

אויף אונדז קינדער איז אָנגעפאַלן א מיסטישער און אַבערגלויבי־שער פּחד. מיר האָבן זיך אָנגעהערט אזוי פיל מעשיות וועגן משומדים, וועגן גוטע משומדים, וואָס היטן אָפּ יידישקייט בסתר און זענען גרויסע שרים אין קעניגלעכע הייף און שטעלן זיך איין פאַר יידן ווען עס קומען גזירות, פּורעניותן און בלבולים אויף יידן, אָבער מער האָבן מיר זיך

אַנגעהערט ווענן בייזע, רשעותדיקע משומדים, וואָס אַלדאָס בייז אויף ייִדן קומט פון זיי.

מיר זענען געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער משומד איז פון די סאַמע בייזע און פון די סאַמע מומר־להכעיסדיקע.

אויף אונדז האָט די הויט געציטערט: אונדזער קינדישע פאַנטאַזיע האָט געמאָלט אַ שרעקלעכן מענטש, וואָס קומט צו אונדז, אין אונדזער ליב און טייער שטעטל צו אויסטראַכטן בלוט־בלבולים אויף אַלע ייִדן.

ייִדישע מאַמעס האָבן גענומען דערציילן זויסטע מעשיות וועגן משומדים, ייִדישע טאַטעס זענען געוואָרן עפּעס ערנסט און פאַרקלערט:

אַ פרעמדער אויג קומט און וועט אַריינקוקן אין דעם אָפענעם לעבן.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך צעטראָגן אין שטעטל די ידיעה, אַז ער איז געקומען. מען האָט שוין אים געזען, מען האָט שוין אים געהערט רעדנדיק.

אַ משומד, קען קיין וואָרט ייִדיש נישט, מיט אַ גויע אַ ווייב איז ער געקומען, האָט מיטגעבראַכט צוויי גרויסע פעק, און גאַנצע קאַסטנס מיט חפצים ליגן אויף דער סטאַנציע פאַר אים.

און אויף מאָרגן איז געוואָרן אַ געלאַף אין שטעטל. דער משומד האָט זיך געלאָזט גיין איבערן שטעטל צו זיינע קרובים. מיר ייִנגלעך, דערשראָקענע און ציטערדיקע, זענען געווען די ערשטע אין דעם געלאַף.

איך האָב געזען דעם משומד, ער זעט אויס ריכטיק ווי איך האָב אים פאַרגעשטעלט אין מיין פאַנטאַזיע:

אַ הויכער, אַלטער גוי, מיט אַ געגאָלטער מאָרדע און מיט שווערע, דיקע וואָנצעס וואָס הענגען אַראָפּ איבער זיין מויל ווי אַ משא. אַ גוי מיט שלעכטע אויגן, וואָס קענען נישט קוקן גלייך אין פנים אַריין, אַ גוי מיט אַ רויטער נאָז און מיט שווערע, וואַקלענדיקע טריט.

ווען דער באַגעגעניש פון משומד מיט זיינע קרובים האָט מען לאַנג גערעדט אין שטעטל: אַלע קרובים זענען זיך צעלאָפן פון זייערע הייזלעך, באַגעגנט האָט אים דער זקן, דער טאַטע, און עטלעכע עלטערע ברידער.

רעדן האָט ער נישט געקענט מיט זיי, ווייל זיי האָבן קיין רוסיש נישט פאַרשטאַנען און ער האָט קיין ייִדיש נישט געקענט. האָט מען געקוקט איינע אויף די אַנדערע, עפּעס געמורמלט, ביז די גויע, דאָס

ווייב, האָט געגומען דעם משומד אונטערן האנט און האָבן זיך צוריק געלאָזט גיין.

מען האָט גערעדט וועגן געלט און מתנות, וואָס ער האָט געבראַכט. אָבער די ברידער און דער אַלטער טאַטע האָבן געשווירן, אַז זיי האָבן גאָרנישט גענומען און ער האָט זיי גאָרנישט געגעבן.

אייניקע יידן, דער ווינקל־אַדוואָקאַט און דער רוסישער לערער, האָבן אָנגעהויבן פּאַרעדן אַרום דעם משומד און אַ טאָפּ טון אין וואָגן — וואָס איז ער געקומען, וואָס וויל ער און בכלל — וואָס פֿאַר אַ כונות ער האָט.

די מרגלים זענען געווען קליינע מענטשן־קענער: זיי האָבן נישט דערטאַפּט, אַז פֿאַר זיי שטייט אַ פּשוטער גוי, אַן אָרימער טייוול, אַן עלנטער מענטש, וואָס זוכט אַן אָרט צו אָפּלעבן זיינע לעצטע עטלעכע יאָר, וועלכע זענען אים געבליבן צו לעבן.

זיינע קאָרגע ווערטער, זיין נישט באַרעדעוודיקייט, זיין קליינע אינ־טעליגענץ האָבן זיי אָנגענומען פֿאַר מאַסקעס, אונטער וועלכע עס באַהאַלט זיך אַ געפֿערלעכער מענטש.

אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער משומד איז אַ שלים־מזלדי־קער מענטש, ער איז געווען אַ קליינינקער טשינאָווניקל אין אַ פּאַרוואָרפֿן רוסיש שטעטל, ער האָט אַ קליינינקע פּענסיע פֿון דער רעגירונג, פֿון וועלכער ער קען אפילו אין אונדזער שטעטל נישט לעבן.

באַלד האָט מען געזען, אַז ער איז אַ זייער פֿרומער קריסט, ער איז דער ערשטער אין קירך און איז אַ גאַנצער בן־בית ביים גלח.

אויף טריט און שריט צלמט ער זיך און פֿרעפּלט.

ער האָט געדונגען אַן אָרים פּויעריש שטיבל הינטער דער שטאָט און האָט זיך באַזעצט דאָרט און האָט אָנגעהויבן פֿירן אַן עלנט און אָרים לעבן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אָדער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פּאָר יידישע ווערטער און פּלעגט זיך דורך זיי צוזאַמענרעדן מיט זיינע קרובים.

די קרובים, פּשוטע מענטשן, האָבן זיך באַלד באַרואיקט און זיי האָבן אָנגעהויבן אָנקוועלן, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט זיי יידיש.

אין אַ יאָר אַרום איז דאָס שטעטל פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון אַ

גזירה, וואָס איז אָנגעקומען פון דעם אויעזד (קרייז). פון אויעזד איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, אַז מען זאָל ווײַלן דעם משומד פאַר אַ סטאַראָסטע.

די מעשה איז געווען אַזאַ: אין רוסלאַנד איז די באַפעלקערונג געווען איינגעטיילט אין שטאַנדן. עס איז געווען דער אַדל־שטאַנד, דער בירגער־שטאַנד (מיעשטשאַני) און דער פּויערים שטאַנד.

יעדער שטאַנד האָט געהאַט זײַנע אָפּגעזונדערטע כּלומרשטע פאַר־וואַלטונגען. דער אַדל־שטאַנד האָט זיך נישט געמישט מיט די אַנדערע. די מיעשטשאַנעס האָבן געהאַט זייער פאַרוואַלטונג, וואָס פלעגט ארויס־געבן פּאַספּאָרטן און באַזאָרגן אַנדערע בירגערלעכע רעכט און פונקציעס.

אידן האָבן געהערט צו דער שטאַנד פון מיעשטשאַנעס.

האָבן יידן געהאַט זייערע „מיעשטשאַנסקאַיע אופּראַוולעניע" אין יעדער שטאָט, ווו יידן זענען געווען די איינציקע מיעשטשאַנעס. ביי אונדז אין שטעטל זענען נישט געווען קיין גויים פון דעם מיעשטשאַני־שטאַנד, האָט מען געמוזט ווײַלן אַ סטאַראָסטע (אַ מין מעיאָר) פון יידן.

איצט האָט אונדזער שטעטל אין דער פּערזאָן פון משומד באַקומען אַ מיעשטשאַנין אַ קריסט, און לויטן געזעץ מוז אויסגעוויילט ווערן אַ קריסט פאַר אַ סטאַראָסטע, אויב עס איז דאָ אַ קריסט אַ מיעשטשאַנין.

דאָס שטעטל איז צערודערט געוואָרן. פון קדמונים זענען געווען יידן די סטאַראָסטעס און אין דער פאַרוואַלטונג זענען אָפּגעטון געוואָרן פאַרשידענע נישט אינגאַנצן כּשרע מעשים, אומשולדיקע געזעץ־אומגיי־אונגען ,וואָס זענען שוין געוואָרן מנהגים, דערהויפּט ביי פּריזיוון (ביים רעקרוטירן סאָלדאַטן), מען האָט אַמאָל נישט אינגאַנצן כּשר געמאַכט איינעם אַ ליגאָטע (אַ פּריווילעגיע, וואָס באַפרייט פון מיליטער־דינסט). מען האָט אַמאָל געשניטן איינעם די יאָרן און אַמאָל אַ יונגנמאַן געמאַכט פאַר אַ 40־ציקער און זיין מיליטער־פליכט איז עברה זמנה.

עס זענען ביי אונדז געווען „נעלמים", ד״ה מענטשן, וואָס זענען נישט געווען צוגעשריבן, און אַזאַ אין ערגעץ נישט קיין פאַרשריבענעם האָט מען נישט גערופן צום מיליטער־דינסט. די דאָזיקע „נעלמים" זענען געווען די אומגליקלעכסטע מענטשן, זיי האָבן קיינמאָל קיין פּאַספּאָרט נישט געקענט באַקומען, זיי האָבן קיינמאָל קיין זאַך נישט געקענט קויפן

אויף זייער נאָמען. הכלל זיי זענען געווען מענטשן, וואָס זענען אָפּיציעל נישטאָ אויף דער וועלט.

געוועהנלעך פלעגט אזאַ „נעלם" אָפּלעבן אין צרות ביז 40 יאָר. צו פערציק יאָר פלעגט מען אים ווי עס איז פאַרשרייבן און ער איז געוואָרן אוים נעלם.

עס זענען געווען נאָך פאַרשידענע קונצן. אונדזער שטעטל האָט געהאַט ביי זיך בירגער, וועלכע זענען גאָרנישט געבוירן געוואָרן ביי אונדז און זענען קיינמאָל ביי אונדז נישט געווען.

ווען דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ גוטן פּריזיוו, דאָס הייסט, ווען די צאָל פון יונגעלייט איז געווען זייער גרויס און האָט געקענט אויספּילן די נויטיקע קוואָטע מיט אַ גרויסן עולם, און מען איז געווען זיכער, אז צו די „ליגאָטניקעס" וועט נישט דערגיין, פלעגן קומען יידן פון מרחקים און פאַרשרייבן זייערע קינדער אלס ליגאָטניקעס ביי אונדז. דאָס פלעגט געמאַכט ווערן, פאַרשטייט זיך, פאַר געלט, און דאָס געלט פלעגט אריינפאַלן צום סטאראָסטע, צום שרייבער (וואָס איז מייסטן א קריסט) און צו די דעפּוטאַטן (יידן, וועלכע ווערן געוויילט אלס מיט־העלפער צום סטאראָסטע).

און דאָ קומט א משומד, א פרעמדער און וויל אין דעם אלעם אריינקוקן.

אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן — מען האָט דעם משומד אויסגעוויילט פאַרן מיעשטשאַנסקען סטאראָסטאַ.

און עס איז גאָרנישט געשען: דער משומד איז געווען טעמפּ און אלט און לא די, וואָס ער האָט נישט געזוכט צו אויפדעקן אלט־געבאַקענע חטאים, נאָר פאַרקערט: מען האָט מיט אים געקענט מאַכן אלע „קונצן" נאָך פרייער און זיכערער. ער האָט זיך זייער שלעכט אָריענטירט אין די אַלע פאַרדרייטע און שאַרפע איינפאַלן, ער האָט זיך ממש פאַרלוירן אין דעם תהום פון פאַרשידענע דריידלעך און פּלאָנטערנישן, וואָס האָט זיך ביי דער יידישער רעכטלאָזיקייט אין רוסלאַנד אויסגעאַרבעט פאַר יאָרן.

אויף דעם משומדס פּלייצעס זענען געפאָרן רייטנדיק פריערדיקע

מאכערס און דער פארטעמפּטער משומד איז געווען צופרידן פון די יידישע עצות און נאָך מער פון די פּאָר רובל, וואָס פלעגן אים אריינפאלן.

אונטער דער ממשלה פון דעם משומד זענען אָפּגעטון געוואָרן א סך דרייסטערע עבירות ווי פריער.

און אין א שיינעם פרימאָרגן האָט מען דעם משומד ארעסטירט און אוועקגעפירט אין אויעזד. חדשים לאנג זענען יידן געווען אין איין שרעק — א קשיא אויף א משומד, ער קען אלץ ארויפוואַרפן אויף די יידן.

אָבער די שרעק איז געווען אן אומזיסטע: אין א פּאָר חדשים ארום איז ער געקומען צוריק א דערשלאָגענער און א צעבראָכענער, אָבער נאָך אלץ סטאראָסטע.

אין שטעטל איז מען געווען זיכער, אז דער משומד איז אן עושר, מען האָט דערציילט מעשיות, אז ער האָט אין טיף רוסלאנד גרויסע מאַ־יאָנטקעס און אין מאָסקווער בענק ליגן מיליאָנען זיינע.

מען האָט אויך דערציילט, אז ער האָט קינדער גענעראלן, וואָס זענען מקורבים למלכות: קיינעם האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אז א משומד קען זיין אן אביון. א ייד איז געווען זיכער, אז יעדן משומד באשיט מען מיט גאָלד; אלע גויאישע קינדערלאָזע אדירים זיצן און ווארטן, אז א ייד זאָל זיך שמדן, זיי זאָלן ווערן די טויף־טאטעס פון יידן און מאכן זיי פאר יורשים.

וועגן זיינע קינדער די גענעראלן האָבן אונדזערע יידן געהאט א געלעגנהייט צו אנטוישן זיך ביטער: אין א שיינעם פרימאָרגן איז גע־קומען צום משומד א זונדל זיינס.

ער איז געווען א רויט־האָריקער קאצאפּ מיט א זילבערנעם אויערינגל אין אויער און מיט א הייזעריקער שטים.

אין שטעטל האָט מען זיך באלד דערוווסט, אז דער טאטע מיטן בענאָק האָבן זיך צעשלאָגן באלד אין דעם ערשטן טאָג. דער בענאָק איז געקומען בעטן געלט און דער טאטע האָט אים געטריבן פון הויז ווי א הונט.

זונטיק האָט זיך דער יונגער קאצאפּ פון גרוים צאָרן פארטשעפּעט

מיט יידן, ער האָט געקריגן געבראָכן די ביינער און אין א פּאָר טעג ארום איז ער נעלם געוואָרן.

אָרים און עלנט האָט געלעבט דער משומד אין אונדזער שטעטל. זיין גרויס ווייב האָט אים אוועקגעוואָרפן, זי איז נעלם געוואָרן פון דעם יידישן שטעטל. ער איז אוועק לעבן מיט נאסטיע די וועשערין, א שכור־טע און אויסגעלאסענע גויע, פלעגט זי שלאָגן דעם אלטן משומד, ווען זי פלעגט זיך אָנשכורן.

דער משומד איז געוואָרן וואָכעדיק אין שטעטל, ער איז געוואָרן אוים לעגענדע און אונדזערע לצים און ווילצלער האָבן זיך גענומען צו אים.

פלעגט ער אַרויסגיין אין מארק, פלעגט אים איינער באגעגענען מיט אן אויסגעשריי:

— אנקת מסלדיך!

פלעגט ער פרעגן וואָס דאָס הייסט, פלעגט אן אנדערער אים דער־קלערן:

— ויתן לך. וויים דער פּריץ נישט וואָס איז ויתן לך?

אמאָל פלעגט ער ווערן רעדעוודיק און פלעגט וויינענדיק ווי א קינד אויסלאָדן זיין ביטער הארץ: א גאנץ לעבן זיך געפּייניקט, געלעבט אין דחקות און אויף דער עלטער דארף ער זיין ביי נאסטיע דער וועשערין א משרת... נאסטיע שלעפּט צו זיך אלע נאכט שכורע כלאָפּצעס (בחורים), מען טוט אלע חזירייען פאר אים אין די אויגן און מען חוזקט נאָך פון אים, אמאָל ווארפט מען אים ארויס פון הויז אינמיטן נאכט...

און יידן פלעגן קוועטשן מיט די פּלייצעס און וווּנדערן זיך:

— כדאי צו זיין א משומד.

פון צרות און אלטקייט איז דער משומד קראנק געוואָרן. לאנג איז ער געווען קראנק.

אין דער צייט איז זיין אלטער 90־יעריקער טאטע קראנק געוואָרן. ליגנדיק אין בעט האָט ער נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין דאָקטאָר און קיין רופא: ער האָט געטענהט, אז מען זאָל אים לאָזן שטארבן, ער וויל נישט זען די גויאישע לויה פון זיין זון, ער וויל נישט זען זיין זון אויף די „מאהילקי" (קריסטלעכער בית־עלמין).

ער איז געשטאָרבן און אין א פּאָר חדשים ארום איז געשטאָרבן דער משומד. ער האָט געהאַט א פּראַוואָסלאַוונע לויה. דער גלח האָט געמאַכט די לויה פייערלעך און מיט גרוים פּאַראַד. קריסטן זענען צוזאַמענגעקו־מען פון די ארומיקע דערפער און אויף יידן איז אָנגעלאָפן אן אימה.

מען איז איבערגעקומען די לויה און ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן פאַרשידענע ווילדע מעשיות.

עס איז געווען ווינטער. פינסטערע נעכט און זאַווערוכעס האָבן זיך אָנגעהויבן. יעדן טאָג פלעגט אַריינפאַלן פון גאַס אין שטוב אריין א מיידל אָדער א ווייבל מיט טויט־שרעק און מיט היסטערישע קולות, אַז זי האָט געזען דעם געשטאָרבענעם משומד.

טאָג־טעגלעך זענען פאָרגעקומען אַזעלכע משונהדיקע און ווילדע סצענעס. מען האָט דערציילט מיט דער גרעסטער גענויאיקייט, ווו מען האָט אים געזען, ווי ער זעט אויס און ווי ער איז געגאַנגען.

און די מורא האָט זיך געקנוילט.

פאַרנאַכט פלעגט מען שוין מורא האָבן אַרויסצוגיין אין גאַס. פלעגט איינער זיך פאַרגעסן און וועלן אַרויסגיין, פלעגט מען אים נאָר זאָגן דאָס וואָרט „משומד" און ער פלעגט שוין בלייבן א צוגעשמידטער צו זיין אָרט.

קינדער האָבן מורא געהאַט צו גיין פון חדר אין אָוונט, די רביים פלעגט מען זען גיין מיט די קינדער און איטלעכעס קינד ברענגען אין זיין היים אריין.

דער רב האָט שבת געהאַלטן א דרשה און האָט געזוכט צו באַ־רואיקן דעם עולם. צו זאָגן, אַז די גאַנצע מעשה איז א ליגן, האָט ער, מסתמא, נישט געוואָגט, ווייל יעדער האָט דערציילט און געשווירן מיט כלערליי שבועות, אַז ער האָט געזען דעם משומד.

אונדזער שכנם א מיידל איז איינמאָל אין אָוונט צוגעגאַנגען צום פענצטער. זי האָט פלוצלינג א געשריי געטון און געפאַלן אין חלשות. ווען מען האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט זי מיט שרעק דערציילט, אַז זי האָט געזען דעם משומד.

צוויי וואָכן איז דאָס מיידל געווען קראַנק. מען האָט גערופן אָפּ־

שפּרעכערס, און צום סוף דעם פּוילישן דאָקטאָר און ער האָט מסכים געווען, אז די קראַנקהייט איז איר געקומען פון שרעק.

איז געווען נאָך א ראיה, אז דער משומד שטייט אויף פון קבר, אין וועלכן ער האָט קיין רו נישט, און בלאָנדזשעט ארום אין די גאַסן.

א גאַנצן ווינטער האָט זיך געצויגן די שרעק פאַרן טויטן משומד.

עס איז געקומען דער ליכטיקער זומער: דאָס שטעטל איז אַרויס פון די פאַרריגלטע און פאַרמויערטע הייזלעך אויף דער גאַס און דער משומד איז שוין מער פון זיין קבר נישט אַרויס.

נאָר איינמאָל אין א ליכטיקער לבנה־נאַכט האָט אים נאָכע דער בעל־עגלה געזען בלאָנדזשענדיק ביים פּאַרקאַן פון יידישן בית־עולם. ער האָט אָנגעהויבן האַסטיק שמייסן זיין פערדל און איז אַנטלאָפן. געקומען אין שטאָט אָן אַן אָטעם, האָט ער דערציילט די מעשה און יידן האָבן אים אויסגעהערט ערנסט:

— א מערכה פון א משומד, אפילו נאָכן טויט וואַרפט אים די ערד אַרויס.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער משומד מער נישט באַוויזן און מען האָט אים פאַרגעסן.

XIII.

חיים עזריאלקע

געווען אַ היפּש ביסל ווילע יונגען אין מיין שטעטל. אַט רייסן זיך אַרויס פון דעם שטרענג־פרומען שטייגער פון לעבן עטלעכע יינגלעך, וואָס לערנען אין חדר מיט אַלע יינגלעך גלייך, אַט אַנטלויפן זיי פון חדר, הייבן אָן אַרומלויפן אין די גאַסן, אַט ווערן זיי מיט אַמאָל חבר מיט אַנדערע גאַסן־יונגען און אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווערט דאָס שטעטל באַרייכערט מיט עטלעכע נייע בויאַנעס.

מיט בויאַנעס, שלעגער און ווילע יונגען איז אונטער שטעטל געווען גאַנץ רייך.

אָבער מייסטנס זענען זיי בלויז צייטווייליק ווילע יונגען; דאָס יונגע, הייסע בלוט פלעגט זיי אַראָפּשלאָגן פון דרך־הישר. ווי די בויאַנעס ווערן עלטער און האָבן חתונה, ווערן זיי מייסטנס פאַרבאַלעבעסלט און זיי ווערן שטילע, רואיקע האַרעפּאַשניקעס, דער שטורעם אין בלוט שטילט זיך איין און דאָס שווערע לעבן בייגט דעם קאַרק מיט זאָרגן און פּלאָגן.

אַנדערע ווערן אייגאַנצן שטיל נאָך דער חתונה, בלויז פון צייט צו צייט, אין אַ מהומה, אין אַ געשלעג, שווימען זיי ווידער אויף.

געווען ביי אונדז בויאַנעס באַלעבאַטישע, דאָס הייסט, זיי האָבן חתונה געהאַט, גענומען זיך צו אַ באַשעפטיקונג און געלעבט פיין און ערלעך, נאָר ווי עפּעס אַ מהומה זענען זיי אַרויסגעשווומען אויפן אויבערפלאַך. האָט אַ גוי אַנגערירט אַ ייד, זענען זיי דאָ און צעממיתן דעם

גוי; האָט אַ באַלעבאָס עפּעס זיך פֿאַרפּלאָנטערט און באַנקראָטירט, זענען זיי די ערשטע, וואָס קומען מאָנען דאָס אַלמנהשע און יתומימשע געלט, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿרעסן. אין אַזאַ פֿאַל ווערן שויבן געבראָכן און קולאַקעס פּאָכען.

טיף אין האַרצן האָט מען ליב געהאַט די דאָזיקע בויאַנעס. דאָס שטעטל האָט זיך געפֿילט זיכער מיט זיי.

אין מײַן גאָר פֿריער יוגנט האָט מען געבויט נישט ווײַט פֿון אונדזער שטעטל אַן אײַזנבאַן. פֿלעגט זונטיק דאָס שטעטל פֿאַרפֿלייצט ווערן פֿון קאַצאַפּישע אַרבעטער, כּסדר גויים פֿון וויאַטקער, וואָלאָגדער גובערניעס, מיט בלאָנדע בערד און רויטע העלדזער, געווען צווישן זיי אַ סך באָסיאַקעס און אַלע מינים לומפּן־פּראָלעטאַריער.

דאָס שטעטל האָט זיך געבאָדן אין שפֿע, נישט געווען קיין ייִד אין שטעטל, וואָס איז נישט געוואָרן אַ שטיקל פּאַדריאַדטשיק; נישט געווען קיין ייִד, וואָס האָט נישט געמאַכט קיין פּרנסה פֿון די טויזנטער אַרבעטער, אינזשענירן און אַנדערע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבן געהאַט צו טון מיט דער אײַזנבאַן.

די שענקער זענען „נתעשר״ געוואָרן, די קרעמער האָבן זיך נישט געקענט אָנגרייטן מיט סחורה, מען האָט געכאַפּט פֿון די הענט. און אַלץ איז געגאַנגען שטיל און אָרטיק.

אָבער איינמאָל, אין אַ זונטיק־טאָג, האָבן זיך די קאַצאַפּעס צעהוליעט און האָבן אָנגעהויבן שלאָגן ייִדן.

אין איין מינוט ממש זענען אַלע איצטיקע, געוועזענע בויאַנעס געווען אויף די פֿיס, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הריגה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ האַלבן טאָג.

דער סוף איז געווען, אַז די צעבושעוועטע קאַצאַפּעס האָבן אָנגעהויבן לויפֿן פֿון שטעטל און געלאָזן הינטער זיך עטלעכע הברים צעממיתטע, וואָס האָבן שוין נישט געקענט לויפֿן.

און פֿון דעמאָלט אָן — שאַ, שטיל.

מען קומט אין שטעטל ווי סטאַטקעס, רואיק, שטיל, מען קלאַפּט

יידן איבער די פּלייצעס גוט־ברודעריש און מען היט זיך פאַר אַ געשלעג ווי פאַר אַ פייער.

דעם דאָזיקן נס האָט מען כסדר דערציילט ביי אונדז. דאָס שטעטל איז געווען יאָרן־לאַנג שטאָלץ אויף זיינע שלעגער און איז שטענדיק געווען זיכער, אַז ביי יעדן אומגליק וועט מען געבן „רעשט״.

און באמת, אונדזער שטעטל האָט קיינמאָל קיין מורא נישט געהאַט פאַר פּאָגראָמען. אונדזער שטעטל האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ שטעטל מיט גוטע שלעגער און גויים זענען געווען צופרידן, אַז מען טשעפּעט זיי נישט.

דער טיפּישסטער ווילער יונג אין שטעטל איז געווען חיים עזריאלקע. ער איז געווען דער שענסטער, געזונטסטער און בעסט־געקליידטער ווילער יונג אין אונדזער שטעטל.

זיין שיינקייט איז נישט געווען עפּעס קיין יידישע, זי איז געווען עפּעס אַ קאַצאַפּיש־ציגיינערישע.

ער איז געווען הויך געוואַקסן, געזונט און האָט זיך געהאַלטן עפּעס שקציש־ארויספאָדעריש. ער האָט געהאַט פעך־שוואַרצע, געדיכטע און האַרטע האָר, געשאָרן האָט ער זיך קאַצאַפּיש־ציגיינעריש, פון אונטערן היטל מיטן גלאַנצנדיקן דאַשעק, וואָס ער האָט געטראָגן אויף אַ זייט, פלעגט ארויסשטאַרטשען אַ „טשוב״ פון פעך־שוואַרצע האַרטע, געקראַכמאַליעטע האָר אויפן שטייגער פון די קאָזאַקן.

דער האַלדז איז געווען אויסגעגאָלט און איז געווען שטאַרק בלוי פון די שוואַרצע וואָרצלען פון די האָר.

ער האָט געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע, לויפנדיקע אויגן, אַ פּאָר פליישיקע רויטע ליפּן און געזונטע פּערדישע ציין.

געקליידט האָט זיך חיים עזריאלקע ווי קיינער ביי אונדז אין שטעטל; ער פלעגט טראָגן רויטע און אויסגענייטע העמדלעך, לאַקירטע, געפלעשלטע שטיוול און ברייטע הויזן.

די קייט פון זיין זייגער איז געווען אַ לאַנגע און געקייטלט פון האַלבע זילבערנע רובלס.

אויף די פינגער האָט ער געטראָגן שווערע זילבערנע רינגען מיט ביליקע, פאַרביקע שטיינער.

פון וואנען ער האָט גענומען אזא געשמאַק אין קליידן זיך, איז שווער צו זאָגן. ביי אונדז אין שטעטל האָט מען נישט געזען מענטשן אין אַזאַ הלבשה.

חיים עזריאלקע איז געווען אַ קינד אין אַ משפחה פון פערד־הענדלער. עס איז געווען אַ גרויסע משפחה מיטן גרויסן בארושאַק, דעם טאַטן, בראש.

דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער, הויכער ייד מיט אַ גרויסער באָרד, און וועגן דעם דאָזיקן ייד פלעגט מען דערציילן משונהדיקע מעשיות, דערהויפּט וועגן זיין גבורה.

בלויז איין האַנט האָט דער דאָזיקער ייד געהאַט, די אַנדערע איז אים אַראָפּגעהאַקט אַ געליימטע ווי אַ שמאַטע, איז ווען ער פלעגט אַראָפּלאָזן מיט זיין געזונטער האַנט איבערן ווייכן טייל פון אַ פערד, פלעגט דאָס פערד אונטערבויגן זיינע הינטערשטע פיס.

אַ שטים האָט דער ייד געהאַט פון אַן אָקס, און דעם „ריש" פלעגט ער אַרויסזאָגן מיט אַזאַ גרילע און שאַרפקייט, אַז קיין פּאַניע האָט אים אין דעם פּרט נישט געקענט איבערשטייגן.

דער דאָזיקער ייד האָט געהאַט זין און טעכטער, איז מיט די זין האָט ער גאָרנישט געקענט מאַכן, זיי זענען געוואָרן פערד־הענדלער, און פערד־הענדלער זענען געווען אָדער האַלבע, אָדער גאַנצע פערד־גנבים.

דערפאַר האָט ער פאַר זיינע טעכטער גענומען שיינע אייִדימס, האַלבע לערנערס, וואָס פלעגן ווערן מלמדים. די טעכטער זענען געווען שטילע ווי טויבן און זענען נאָך דער חתונה געווען שטילע און פרומע יידישע טעכטער.

די טעכטער זענען געווען שיינע, אמתע יפת־תוארס און זייער שיינקייט איז דווקא געווען עפּעס אַ פרום־יידישלעכע.

זיינע זין זענען געווען געראָטן אין אים אויסערלעך, אָבער בנוגע יידישן שטאַט זענען זיי געווען גאָר אַנדערע. ער איז אין עצם געווען אַן ערלעכער, געזונטער פאָלקס־מענטש, ער איז געווען עם־הארצותדיק פרום און האָט אַרויפגעקוקט אויף לערנער מיט פאַרגעטערונג.

אָט דער ייד האָט געהאַט אַן אייניקל מיט אַ שאַרף קעפּל צום לערנען. דאָס אייניקל איז געווען מיינער אַ חבר. איינמאָל זענען מיר

ביידע געזעסן און געלערנט שפעט אין דער נאכט. פלוצלינג זעען מיר ווי אין פענצטער קוקט אריין דער אלטער בארושאק און ער כליפעט, וויינט...

מיר זענען ארויסגעלאפן אין גאס. עטלעכע יידן, פארשפעטיקטע, האבן זיך אויך אפגעשטעלט און געפרעגט:

— ר׳ ברוך, וואס איז מיט אייך? איז עפעס געשען?

— עס איז גארנישט געשען, יידן, עס איז מיר גוט, גיט מיר נישט קיין עין־הרע, איך בין געשטאנען און געקוקט און געהערט ווי מיין אייניקל לערנט, האט עס מיך אזוי צענומען, יידן, עס איז מיר גוט... גיט מיר נישט קיין עין־הרע...

און ער איז שנעל אוועק מיט זיינע שווערע טריט אין דער נאכט אריין.

***

איינער פון זיינע זין איז געווען חיים עזריאלקע.

וועגן חיים עזריאלקען האט מען דערציילט שרעקלעכע מעשיות, דא האט ער ביי א ציגיינער אונטער דער נאז אוועקגעפירט א פערד, דא האט ער פארקויפט ציגיינער פערד, וואס זענען געפאלן אין עטלעכע טעג ארום, און דא האט ער אויסגעליידיקט א פערד־שטאל ביי א פריץ.

דאס זיינען געווען מעשיות, וואס חיים עזריאלקע פלעגט אפשר אפטון בסתר, אין שטעטל האט ער קיינעם קיין בייז נישט געטון, על כל פנים האט זיך קיינער נישט געקלאגט אויף אים.

שבת און יום־טוב פלעגט ער גיין, ווי אלע יידן, אין שול, און ווען מען האט פארפעלט צו געבן אים אן עליה, אויפצורופן אים צו דער תורה, איז געווען חושך.

פלוצלינג צעטראגט זיך איינמאל אין שטעטל ווי א פייער די נייעס, אז א באלעבאטיש מיידל האט זיך פארליבט שטערבלעך אין חיים עזריאלקען און ער אין איר, און זיי גייען חתונה האבן.

דאס שטעטל האט געקאכט ווי וואסער אין א קעסל.

שידוכים מיט זיינע בחורים און מיידלעך האט דאס שטעטל געטון.

און דאָס שטעטל האָט שטרענג אָפּגעהיט די קלאַסן־טײלונג און די גרופּן־דיפערענצירונג. יעדער קלאַס און יעדע גרופּע האָט זיך מתחתן געווען מיט זײַן גלײַכן.

יחוס איז געווען אַ גאָר גרויסער ענין אין שטעטל.

באַלעבאַטים האָבן זיך געהאַלטן גרויס און נישט צוגעלאָזט נאָענט צו זיך אַ שוסטער, אָדער אַ שנײַדער.

און דער באַלעבאָס, אין וועמענס מײדל חיים עזריאַלקע האָט זיך פאַרליבט, איז געווען אַ ייִד אַן אביון, ער אָבער האָט געקענט אַביסל לערנען און ער האָט פאַרמאָגט אַ הײזל „דלת־על־דלת", ער איז געווען אַ גוטער בעל־תפילה, און נישט סתם אַ בעל־תפילה, נאָר אַ בעל־תפילה, וואָס פלעגט דאַוונען מוסף אין די ימים־נוראים, און דווקא אין גרויסן בית־המדרש, ווו אַלע באַלעבאַטים דאַוונען.

ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ בעל־תפילה, וואָס איז אַ גרויסער בעל־בכי, ווען ער פלעגט זיך צעוויינען אין „ונתנה תוקף", איז נישט געווען קײן שטײנערנער ייִד, וואָס זאָל נישט אָנהײבן פינטלען מיט די אויגן און לאָזן פאַלן אַ טרער.

אָבער דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס דער דאָזיקער ייִד איז נישט געווען קײן בעל מלאכה, דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ ייִד אַ באַלע־באָס.

שטעטל האָט נישט געוואָלט דעם שידוך, דאָס הײסט, די באַלע־באַטים האָבן נישט געוואָלט דעם שידוך.

אַן אויסנאָם איז געווען שײַע דער חסיד, ער האָט געטענהט: נישטאָ בײַ ייִדן קײן יחסנים, אַלע ייִדן האָבן אײן טאַטן אין הימל, אַלע זענען ברידער און אַלע גאָטס קינדער.

„עמך" איז געווען דווקא פאַרן שידוך, „עמך" האָט אײַנגעלײגט ממש וועלטן.

האָט זיך דאָס שטילע שטעטל צעטײלט אין צוויי פײַנטלעכע לאַ־גערן.

און דער סוף איז געווען:

חיים עזריאַלקע האָט אויסגעפירט, ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שטילער, בלאַסער באַלעבאַטישער ווײַבס־פאַרשוין.

אָבער דאָס שטעטל בכלל האָט נישט אָנערקענט דעם שידוך.

דאָס שטעטל האָט אַ ווייטן קוק און נעמלעך: דאָ ווערט אַוועקגענומען די מחיצה, באַלעבאַטים און המון מישן זיך אויס.

און באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן האַלטן אַז אויג אויף זייערע טעכטער.

און לאַנג האָט עס געדויערט ביז דאָס שטעטל האָט זיך בארואיקט.

דאָ בין איך אַוועק פון מיין שטעטל. שפּעטער האָב איך פּרובירט אויסגעפינען ביי לאַנדסלייט וועגן דאָס ווייטערדיקע לעבן פון חיים עזריאלקע און זיין פרוי.

און אַט וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט פון די פאַרשידענע וואַריאַציעס, אָבער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם בין איך נישט:

דער שידוך האָט טאַקע נישט עולה־יפה געווען, דאָס האָבן שפּעטער ביידע צדדים געמוזט צוגעבן.

חיים־עזריאלקע איז נישט געוואָרן פרימער, באַלעבאַטישער נאָך דער חתונה. ער איז געבליבן דער האַלבער ציגיינער, דער גאַנצער פערד־הענדלער און דער האַלבער פערד־גנב.

דאָס בלאַסע מיידל איז נאָך דער חתונה געוואָרן בלאַסער און עפּעס נאָך שטילער.

מען האָט נישט געהערט, נישט איר שטים און נישט אירע טריט, בלויז צוויי אויגן האָט מען געזען, און די דאָזיקע אויגן זענען געווען אַזוי פול מיט טרויער, אַז זיי האָבן גערירט מענטשן ווי דאָס דאַווענען פון איר טאַטן ראש־השנה און יום־כיפור.

און וואָס ווייטער איז זי אַלץ בלאַסער און שטילער געוואָרן.

און חיים־עזריאלקע האָט זיך אויף אַ האָר נישט געענדערט, ער איז בלויז שאַרפער געוואָרן און פלעגט לאַכן פון די יאַלדן, פון די באַלעבאַטים און די לערנער העכער און עזותדיקער.

און ווייבער פלעגן זיך שושקען:

— זייד און הזיר־האָר איז נישט קיין פּאָר.

— ער פאַרמאַטערט זי, אַט דער אָגער...

— מען האָט שוין אים געזען ביי אַ גויע, דאָרט הינטערן שטעטל...

אוןביים ערשטן קימפּעט איז דאָס שטילע, בלאַסע באַלעבאַטישע מיידל געשטאָרבן. זי איז געשטאָרבן שטיל, האָט צוגעמאַכט שטיל די אויגן און האָט זיי מער נישט געעפנט...

אַזוי האָבן דערציילט ווייבער, שכנות און קרובות.

און חיים־עזריאלקע איז געבליבן ווי ער איז געווען.

מיר, די יינגלעך־לערנער, די בלייכע, ערנסטע און שרעקנדיקע, פלעגן פאַר אים מורא האָבן אימת־מות.

איך געדענק נישט, אַז ער זאָל האָבן עמיצן פון אונדז געטון שלעכטס, אָבער מיר האָבן פאַר אים מורא געהאַט.

חיים־עזריאלקע האָט שטענדיק געהאַט ארום זיך אַ חברה ווילע יונגען. די חברה איז נישט געווען קיין שטענדיקע, אַט חברן זיך מיט אים עטלעכע אויסגעגליטשטע בחורים און אַט האָבן זיי חתונה און ווערן סאָליד, פרום, באַוואַקסן מיט גרויסע בערד און רירן שוין נישט אָן אפילו אַ פליג אויפן וואַנט. עס קומען אַנדערע און אין אַ קורצער צייט אַרום גייען זיי אויך אַוועק פון אים. ער איז דער איינציקער, וואָס בייט נישט דעם שטייגער פון זיין לעבן, ער ווערט נישט קיין בעל־תשובה.

און בעלי־תשובהס פון די ווילע יונגען זענען געווען ביי אונדז זייער פיל. אַט בויאַנעווען זיי און מיט אַמאָל ווערן זיי סטאַטעטשנע יידן, זיי ווערן פרום, לויפן צום דאַווענען אַלע טאָג, שטעלן אָן די אויערן צו הערן מגידים, חזנים און שבת טראָגן זיי דעם „גוט שבת" אַלעמען אַנטקעגן.

***

אַזוי האָט פּאַסירט אפילו מיט איינעם פון חיים־עזריאלקעס ברי־דער, וועלוועלע האָט ער געהייסן. דער דאָזיקער וועלוועלע איז געווען קליגער און געשייטער פון אים. ער פלעגט אָפּטון כל דבר אסור מיט אַ זעלטענער פלינקייט און קלוגקייט. ער איז געווען געפערלעכער פאַר זיין אָפן־־צעבושעוועטן ברודער, ווייל ער איז געווען קליגער און אויסגערעכנ־טער. חיים־עזריאלקע איז געווען אַ הייס־בלוטיקער יונג, אַ הפקר־יונג אָן

חשבון און אָן אַ תכלית, וועלוועלע איז געווען אַ ביטערער יונג, אַ גנב מיט אַ תכלית און מיט אַ חשבון...

און אַט פאַרליבט זיך אין וועלוועלען, דעם געשטופּלטן און העס־לעכן, א בלייך, שטיל מיידל. א מלמדס א טאָכטער. קומט ער צום מלמד און זאָגט אים צו, אז ער וועט זיין אַן ערלעכער ייד און וועט האַלטן זיין טאָכטער ווי א בת־מלכה.

און כך הוה:

וועלוול האָט חתונה און ווערט אַ סטאַטעק. ער הויבט אָן האַנדלען מיט פערד, מאַכט אַ שיינע פּרנסה און ווערט א גאַנצער גבאי.

ער דערקאַנט נישט זיינע אַמאָליקע חברים, ער הויבט זיך אָן חברן מיט פרומע יידן. ער הערט מיט אָנגעשטעלטע אויערן מגידים און א נדבה געבן איז ער דער ערשטער.

ביי וועלוועלען אַ ברית, מוזן אַלע אָרימע, פרומע יידן זיין אויפן ברית און עס איז ששון ושמחה.

דאָס בלאַסע, שוואַכע ווייבל ווערט ממש זיין משוגעת, ווערט זי עפּעס נישט געזונט, פאַלט אויף אים אָן אַ שרעק; ער לויפט צו דאָקטוי־רים, ער הייסט זאָגן תהילים, הכלל, ער לייגט איין א וועלט. א ייִנגעלע האָט ער, פירט ער עס מיט גדולה אַלע טאָג אין בית־המדרש און אז זיין ייִנגעלע הויבט אָן צו גיין אין חדר, איז אַ האַלב שטעטל שכור פון דער משקה, וואָס מען טרינקט אוים לכבוד דער גרויסער געשעעניש.

גערעדט האָט מען אפילו, אז וועלוול פירט „בלאַטע" געשעפטן, אָבער ערגעץ ווייט פון אונדזער שטעטל, ווייט, און קיינער ווייסט נישט ווו און ווען.

איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט, אז עס איז געקומען פּאָליציי פון ערגעץ און האָבן ביינאַכט צוגענומען וועלוועלען.

גערעדט האָט מען, אז וועלוועלע האָט פון א רייכן פּריצס שטאַל אַרויסגעפירט א גאַנצן „טאַבון" טייערע פערד. גערעדט האָט מען ווייַ־טער, אז וועלוועלע איז דער „רבי" פון אַ גרויסער באַנדע פערד־גנבים אין א ווייטער געגנט. מען האָט גערעדט און נישט געגלויבט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז וועלוול געקומען צוריק. ער איז געוואָרן נאָך פרומער, נאָך שטילער און נאָך גאָטספאָרכטיקער.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט מען דערזען, אז װעלװעלע טראָגט לאַנגע פּאות, ער האָט גענומען א רבין און האָט אָנגעהויבן לערנען משניות און עין־יעקב.

אַלץ גוט און שיין, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען װעלװעלע האָט געלט, פון וואַנען ער מאַכט א לעבן.

דאָס שטעטל האָט געבראָכן דעם קאָפּ, געמאַכט פאַרשידענע השערות, אָבער מען האָט גאָרנישט געקענט דערגיין.

פלעגט אמאָל א ייִד קומען פון א ווייטן יאַריד, פלעגט ער שטיל דערציילן, אז ער האָט דאָרט געזען װעלװעלען ארומדרייען זיך מיט „חברה".

פלעגט קומען אמאָל א בעל־עגלה פון א ווייטער רייזע, פלעגט ער מיט שרעק דערציילן, אז ער האָט אין א וואַלד זיך אָנגעשטויסן אויף װעלװעלען און „חברה", וואָס האָבן געפירט א גרויסן „טאַבון" פערד.

צווישן אונדז ייִנגלעך פלעגן ארומגיין שרעקלעכע מעשיות וועגן װעלװעלעס גנבישע גבורות: װעלװעלע קען אין מיטן טאָג ארויספירן א טאַבון פערד פון א פּריצס שטאַל און קיינער זאָל עס נישט באַמערקן.

אָבער אפנים, אז דאָס גרויע, וואָכעדיקע לעבן האָט געשאַפן אָט די מעשיות, לעגענדעס, דאָס פאָלק האָט אויף אזא אופן אויסגענוצט זיין שעפערישע ענערגיע.

ייִדן פלעגן אָפט נעמען „גמילות חסדים" ביי װעלװעלען, האָט מען גערעדט, אז א גרויסע סומע געלט זיינע גייט ארום אין גמילות חסדים.

זיין שוואָך, בלאַס ווייבל האָט געטראָגן א פּאַרוק ווי א רביצין און האָט געפירט א שטאַט פון א ברייטער, פרומער באַלעבאָסטע.

חיים עזריאלקע האָט זיך אמאָל צעקריגט מיט זיין ברודער, דעם פרומאַק, און האָט אָנגעהויבן אויספּלאַפּלען ווילדע מעשיות פאַר א רעדל ייִדן אין מאַרק. איז מיט אמאָל אויסגעוואַקסן װעלװעלע נעבן אים און האָט אים צעשלאָגן, צעממיתט. דער גרויסער חיים עזריאלקע האָט זיך נישט געקענט ווערן, אזוי שטאַרק און אזוי בייז איז געווען דער „פרומער" װעלװעלע.

און פון דענסטמאָל אָן האָט חיים עזריאלקע געהאַלטן ס'מויל. מען האָט געזאָגט, אַז וועלוועלע איז דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, פאַר וועמען חיים עזריאלקע האָט מורא.

ביי וועלוועלען האָט מען קיינמאָל קיין איבעריק וואָרט נישט גע־קענט אַרויסקריגן. אפילו פורים, שמחת־תורה און ביי אַנדערע רעליגיע־זע שמחות, אויף וועלכע ער פלעגט זיך אָנשכורן, האָט ער „געהאַלטן קאָפּ" און פלעגט קיין איבעריק וואָרט נישט אַרויסזאָגן.

נאָר איין מענטש אויף דער וועלט איז געווען שטאַרקער פאַר אים, און דאָס איז געווען זיין שוואַך און בלאַס ווייבל.

זי האָט געהערשט און געקיניגט איבער אים און די דמים פלעגן אים איינפאַלן, ווען זי פלעגט זיך צעבייזערן אויף אים.

און האָט עמיצער געוואָלט עפּעס פון וועלוועלען, האָט ער עס געפּועלט ביי זיין ווייבל. ווען זי האָט צוגעזאָגט, האָט מען שוין פאַר־שפּאָרט צו רעדן מיט וועלוועלען.

XIV.

נישע דער קלעזמער

דאָס אָפּגעזונדערט קליין שטעטל, מיין שטעטל, וואָס האָט גע־לעבט ווי אויף אן אינדזל, אָן פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער גרויסער וועלט, האָט אויסגעהאָדעוועט זיינע „קינסטלער", מיט וועלכע ער האָט זיך געגרויסט, און האָט געהאַט איר פאָלקס־קונסט, וואָס איז געווען יידיש דורכאויס אי לויט דער פאָרם און לויטן געמיט.

נישע דער קלעזמער איז געווען דער אנערקענטער קינסטלער אין אונדזער שטעטל. די אַנדערע מיטגלידער פון זיין קאַפּעלע זענען גע־ווען אמאטאָרן־קינסטלער, אָדער דילעטאנטן. יעדער האָט געהאַט אַן אנדער הויפּט־באַשעפטיקונג און קלעזמעריי איז געווען אַ נעבן־באַשעפ־טיקונג. איינער איז געווען אַ פאַרבער, איינער איז געווען אַ שוסטער, איינער איז געווען אַ שלאָסער, א. א. וו. בלויז נישע (ניסן) איז געווען בלויז אַ קלעזמער, בלויז אַ פידל־שפּילער.

נישע איז געווען דער בעסט־געקליידעטער מאַן אין שטעטל, שטענ־דיק אין אַ פיינעם סורדוט, שטענדיק מיט אַ ווייס האַרט העמד, שטענ־דיק אין אַ קאַפּריז־אויסגעבונדענעם קראַוואַט און שטענדיק אין בליש־טשענדיקע קאַמאַשן.

ציכטיק, עלעגאַנט און פּעדאַנטיש־פּראַנטיש איז געווען נישע דער קלעזמער.

ער האָט געטראָגן פיינע רינגען אויף די פינגער, ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פיינע פאַרביקע זשילעטן און צו קראַוואַטן־שפּילקעס.

שטענדיק פיין צוגעקעמט און שטענדיק יום־טובדיק אין זיין גאנ־צער אויסערלעכקייט.

ער איז שוין געווען א מענטש אין די יאָרן, ווען איך בין געווען א קינד. ער האָט שוין געהאט דערוואקסענע קינדער אָבער קיין שפּור פון זאָרג, פון עלטער און פון קליינשטעטלדיקער אָפּגעלאָזנקייט איז נישט געווען צו זען אויף אים.

נישע איז געווען דער ערשטער לעבעדיקער קינסטלער, וואָס האָט זיך באוויזן אין מיין לעבן.

א יינגל, זייער א סטאטעטשנער, א יינגל, וואָס איז געווען אַן אלטער ייד לויט זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער, פלעג איך באהאלטענער־הייט הערן מיט א פארכאפּטן אָטעם, ווי נישע דער קלעזמער שפּילט אויף רייכע חתונות, וואָרום אויף אָרימע חתונות פלעגט מען זיך באַגיין אָן דעם „יחסן״ נישע.

איך האָב געוווסט, אז נישע איז אַן עם־הארץ, אז ער איז א בור אין תורה, אז ער איז נישט פרום און אז ער איז בכלל א מענטש פון א גאָר אנדערער וועלט. אָבער איך האָב זיך נישט געקענט העלפן, ער האָט מיך פארכשופט מיט זיין שפּילן.

איך פלעג אמאָל טראכטן, אז מיין שטארקע, קרענקלעכע ליידנ־שאפט צו נישעס שפּילן איז א פּגימה אין מיין „איך״. האָב איך גע־האלטן מיין שוואכקייט צו נישעס שפּילן בסוד. איך האָב וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט און האָב עס קיינעם נישט פארטרויט.

נישע איז געווען א פרעמדער אין שטעטל לויט זיין גאנצן מהות. ער האָט זיך געחברט מיט פּחות־ערכדיקע מענטשן. ער האָט זיך נישט באַגעגנט מיט די שיינע יידן און מיט די לומדים.

אָבער אויף א חתונה פלעגן די שיינע יידן און אפילו די לומדים נישט אָפּלאָזן נישען. ער האָט געמוזט שפּילן און שפּילן פאר זיי אָן אַן אויפהער. אלע האָבן געוווסט זיין גאנצן רעפּערטואַר, אָבער מיר דוכט, אז איך האָב בעסער פון אלעמען געוווסט נישעס רעפּערטואַר.

עס איז געווען מיין שענסטער און טיפסטער געַנוס פון מוזיק אין מיין יוגנט.

יאָ, יידן, פּשוטע יידן, יידן לומדים און יידן פרומע האָבן געקענט

אַפּשאצן קונסט און קינסטלער אפשר בעסער פון אונדזערע הייַנטיקע יידן.

זיי האָבן עפּעס מורא געהאט פאר נישע דעם קינסטלער. ער איז געווען א מענטש פון גאָר אן אנדער וועלט, אָבער ווען ער פלעגט שפּילן, איז ער געוואָרן אן אייגענער, א נאָענטער.

און ווען ער פלעגט שפּילן עפּעס רירנדיקס יידישס, פלעגן יידן אריינפאלן ממש אין התלהבות.

מיין פריינט, דער קאלטער פילאָזאָף און באהאלטענער משכיל, משה מרדכי דער מלמד, האָט מיך אמאָל דערטאפּט, ווי איך שטיי הינטער א פענצטער און הער נישען.

ער האָט מיך באלד באַרואיקט. — ער טוט עס אויך. ער האָט אויך ליב הערן נישען.

ער איז נישט גורם זיין הלבשה און זיין פרעמדקייט און ווייטקייט פון גייסטיקייט...

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז מיר האָבןביידע געכאפּט איינער דעם אנדערן עפּעס ביי אן עבירה.

אָבער פון דענסטמאָל אָן האָבן מיר זיך מער נישט באהאלטן איינער פאר דעם אנדערן.

נישע איז געוואָרן אונדזער ביידנס סוד.

איך קען נישט זאָגן איצט, צי נישע איז געווען א ווירטואָז צי נישט, נאָר אין מיינע קינדער־יאָרן וואָלט איך אים אָנגעטון די קרוין פון א סאראסאטע, פון א קובעליק און פון א יאשא חפץ.

מיין גאָט, נאָך הייַנט גייט דורך אַ ציטער איבער מיין לייב, ווען איך דערמאָן זיך, וואָס א מין פארשכורדיקן גענוס איך האָב געהאט פון זיין שפּילן אויפן פידל.

נישע האָט געהאט אַ שם אין דער גאנצער געגנט און מען פלעגט אים אָפּט ארויסרופן אויף רייכע חתונות אין די ארומיקע שטעטלעך.

איך האָב ליב געהאט צו הערן נישען שפּילן סאָלאָ. די אנדערע קלעזמער, ווען זיי פלעגן אים אונטערהעלפן, האָב איך פיינט געהאט מיט שנאת־מות. איך בין געווען זיכער, אז זיי פארשוועכן נישעס שפּילן.

נישע איז געווען א גרויסער בריה אויף שפּילן שטילע, אומעטיקע

און זייער רירנדיקע קאָמפּאָזיציעס. מעלאַנכאָלישע טענער פלעגן זיך שטיל אַרויסרייסן פון זיין פידל און פלעגן אַריינדרינגען אין מיין יונג האַרץ און דאָרט אָנרירן אַזעלכע דינע, באַהאַלטענע סטרונעס, אַז טרערן פלעגן זיך מיר שטעלן אין די אויגן.

און איצט, ווען איך הער אָדער האָב געהערט דעם וווּנדערלעכן הוי־בעליק, סאַראַסאַטע, יאשא חפץ, קרייזלער און אַנדערע, פלעגט נישע אויפלעבן פאַר מיר.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם ווירטואָז פידל־שפּילער סאַראַסאַטע, האָב איך זיך ממש דערשראָקן פון איבעררראַשונג. — ממש נישע, אָט ווי זיין בילד איז געבליבן אין מיין זכרון, איז דערשטוינענדיק ענלעך אויף סאַראַסאַטען.

נישע איז געווען אינגאַנצן ביז די נעגל קלעזמעריש און סאַראַסאַטע, דער שפּאַנישער ווירטואָז, איז אויך געווען אַזוי.

פידל־שפּילער האָבן געהאַט אַ באַזונדערן אויסזען, באַזונדערע מאַ־ניערן, באַזונדערע באַוועגונגען און אַ באַזונדערע שפּיציקייט און שאַרפ־קייט אין זייער גאַנצן מהות.

מיר דוכט זיך, אַז איך וועל דערקענען אַ פידל־שפּילער צווישן טויזנטער מענטשן. עפּעס האַלטן זיי זיך פידלעריש, עפּעס באַנעמען זיי זיך קאָקעטיש ווי דאָס צעפּיעשטשעטע פידעלע.

קיין מוזיקאַלישער אינסטרומענט האָט נישט אַזאַ ווירקונג אויף דער אויסערלעכקייט פון זיין ווירטואָז ווי די פידל. פּאַדערעווסקי קען אָנגענומען ווערן פאַר אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע, פאַר אַ פּריץ, פאַר אַ באַנקיר און פאַר אַ מעצענאַט פון קונסט. דאָס נעמלעכע איז מיט אַנדערע מוזיק־ווירטואָזן. אַ פידל־שפּילער האָט זיין אויסזען.

אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם האָב איך געפונען ביי אונדזער גע־ניאַלן שוישפּילער רודאָלף שילדקרויט.

מיט אַ צייט צוריק איז ער אויפגעטרעטן אין י. ל. פּרצס אַ שטיק, וואָס הייסט „וואָס אין פידעלע שטעקט״. האָט ער אין דער ערשטער סצענע געגעבן דעם פּאָרטרעט פון דעם קלעזמער דעם פידל־שפּילער, דעם העלד פון פּרצס דראַמע...

איז עס נאָך מיין מיינונג דער גרעניאַלסטער פּאָרטרעט פון אַ פידל־שפּילער, פון אַ קלעזמער.

ווי ר. שילדקרויט האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, בין איך ממש דערשטוינט געוואָרן: איך האָב דערזען סאַראַסאַטען און פיל אַנדערע פידל־ווירטואָזן.

איבערגעבן אַלע שטריכן, אַלע איינצלהייטן אין קליידונג, אין גרים און האַלטונג איז אוממעגלעך.

נאָר אויף אַ קליינער איינצלהייט וויל איך זיך אָפּשטעלן: שילדקרויטס קלעזמער האָט געטראָגן מאָדנע קאַמאַשן, עפּעס האַלב־ווייבערדישע און האַלב־מענערישע שיך זענען עס געווען: די אָפּצאַסן הויכע, די נעזער מאָדנע עלעגאַנטע...

איך האָב דערנאָך עטלעכע מאָל גערעדט מיט שילדקרויטן וועגן דעם פּריוואַט. איך האָב געוואָלט וויסן, וווּ האָט ער אויסגעזוכט פאַר זיין קלעזמער דעם זשילעט, די שפּילקעס, זאַפּאַנקעס און אַנדערע טיפּיש קלעזמערישע פּוץ־אַרטיקלען. דער עיקרשט האָב איך ביי אים געוואָלט אויסגעפינען, ווי אַזוי איז ער געקומען צום געדאַנק צו אָנטון זיין קלעזמער אַזאַ פּאָר שיך! וווּ האָט ער די דאָזיקע קאַמאַשן גענומען, ווי אַזוי האָט ער דעם שוסטער דערקלערט וואָס פאַר אַ שוך ער וויל.

איך האָב ביים אַלטן מייסטער גאָרנישט געקענט דערגיין. דער אַלטער מייסטער האָט קינדיש געשמייכלט און געזאָגט:

— איך ווייס נישט, גלויבט מיר, איך ווייס נישט. עפּעס האָב איך אַמאָל דערזען ערגעץ אַזאַ פּאָר שיך און מיר איז איינגעפאַלן צו קויפן זיי. פאַרוואָס, פאַרוועז, געדענק איך נישט... האָבן זיך די שיך געוואַלגערט ביי מיר יאָרן לאַנג. איצט ווען איך האָב באַדאַרפט שפּילן דעם קלעזמער, בין איך צוגעגאַנגען און גענומען די דאָזיקע שיך עפּעס ווי איך וואָלט זיי לכתחילה געקויפט פאַר דעם צוועק... און אַזוי איז מיטן קראַוואַט, מיט דער זשילעט און מיט די אַלע אַנדערע זאַכן.

⁂

וועגן נישע קלעזמער זענען ביי אונדז אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע מעשיות. מ'האָט דערציילט, אַז אַ פּריצטע האָט זיך פאַרליבט אין אים

און אין זיין שפּילן און ער איז שיעור נישט נכשל געוואָרן. מען האָט דערציילט, אַז די ווונדערלעכע פידל זיינע האָט אים אַ פּריץ געשענקט.

בכלל איז נישע געווען איינער פון די מערקווירדיקייטן אין מיין אָרים שטעטל.

צווישן יינגלעך איז אַרומגעגאַנגען אַ מעשה, אַז נישע שפּילט נישט ווי ער קען און ווי ער וויל. עפּעס איז געשען מיט אים. בלויז איינמאָל ווען עס איז געווען ביי אברהם יעקב דעם גביר אַ חתונה און עס זענען אָנגעקומען גבירים פון גרויסע שטעט, רבנים, לומדים און גלאַט שיינע יידן, האָט נישע געשפּילט פאַר זיי עפּעס אַזוינס, פון וואָס אַלע זענען נשתומם געוואָרן.

די גבירים האָבן אים געוואָלט אַריבערנעמען צו זיך, אין זייער גרויסער שטאָט. אָבער עס איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. עס איז עפּעס אַ סוד דערביי...

אַרום אַלץ און אַלעמען, וואָס זענען נישט געווען היימיש, וועגן אַלץ און אַלעמען, וואָס איז געווען פרעמד און אויסטערליש, פלעגט די פאָלקס־פאַנטאַזיע צוטראַכטן מעשהלעך. אָפט נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע, אָבער שיינע, מיסטעריעזע, ניסימדיקע און אַוואַנטור־ריסטישע.

עפּעס האָט מען געפילט, אַז דאָס זענען אַנדערע מענטשן; מענטשן מיט וועמען עס מוז פּאַסירן עפּעס נישט־געוועגלעכס.

באַקאַנט איז געווען נישעס „באַזעצן די כלה". דאָס אמתע באַזע־צעניש פלעגט ער שפּילן אויף גאָר רייכע חתונות, אויף באַלעבאַטישע חתונות פלעגט ער פאַרקירצן און מאַכן עס אונטער דער האַנט.

גאָר באַקאַנט איז אויך געווען זיין קאָמפּאָזיציע „חתן־מאָל", אָבער דאָס דאָזיקע מוזיקאַלישע ווערק האָט מען נאָך זעלטענער געהערט פון אים.

***

צו נישעס קאַפּעליע האָט אויך געהערט יענקל דער בדחן. ער איז געווען דער פּייקלער אין דער קאַפּעליע.

דער בדחן אונדזערער איז געווען אַ שטילער וויצלינג און אַ מאַדימ־

שער גראמען־פלעכטער. ער פלעגט זיך מיט דעם וואָרט נישט צערעמאָ־ניען. ער פלעגט דאָס וואָרט שוין באַארבעטן אַזוי, אַז עס זאָל זיך גראמען מיט אַן אַנדער וואָרט. האָט ער באַדאַרפט, למשל, האָבן אַ גראַם צו „פוז" (אַ גרויסער בויך) איז ביי אים „הויז" געוואָרן „הוז".

פון דעם דאַזיקן ייד האָב איך זיך דערוווּסט אין מיין קינדהייט פון אַ זאַך, וואָס הייסט פּאָעזיע.

ביי אים האָב איך געגומען דאָס ערשטע ביכל יידישע לידער, וואָס איך האָב געלייענט אין מיין לעבן.

עס איז געווען אַ משונהדיק ביכל: דאָרט זענען געווען לידער פון פאַרשידענע מחברים, צונויפגעקליבן און צוזאַמענגעקלעפּט און איינ־געבונדן מיט די אייגענע הענט פון בדחן. קיין נעמען פון די מחברים איז אויף די לידער נישט געווען. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די מייסטע לידער האָבן געהערט צו דער פעדער פון מיכל גאָרדין און פון באַוווּסטע בדחנים.

דער אָרימער בדחן האָט מיך אָפּגענאַרט. ער האָט אַלע לידער אַרויסגעגעבן פאַר זיינע. ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט אויף חתונות. אויף חתונות פלעגט ער האָבן אַ טוץ סקאַרבאָווע לידער, וועלכע זענען מער אָדער ווייניקער אָנגענומען פון אַלע בדחנים.

באַזעצן אַ כלה פלעגט ער מיט געוויין און מיט טרויער ווי אַלע בדחנים, אויפנעמען דעם חתן און מתוחנים פלעגט ער אויך מיט געוויין און טרויער.

נאָר ביים טיש, ביי דער „וועטשערע" אויף אַ רייכער חתונה, האָט ער געהאַט „אָריגינעלע" שטיק.

ער האָט געהאַט אַ ליד מיט אַ מלך, וואָס האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן. אַלע כלות פון דער וועלט האָט מען אים געבראַכט. מען האָט אים געבראַכט ר' שלמה־חיים דעם גבירס טאָכטער שפּרינצע, האָט ער געזאָגט, אַז שלמה־חיים זאָגט צו אַ סך נדן און שטעלט אויס באַלד נאָך דער חופה אַ פייג. האָט מען אים געבראַכט רבי נחום דעם למדנס טאָכטער, האָט ער געזאָגט, אַז רבי נחום וועט אים געבן דרשות אָנ־שטאָט קעסט. האָט מען אים געבראַכט יענקל דעם רופאס טאָכטער, האָט ער געזאָגט: די דאָזיקע פּריצטע וועט וועלן פאַר אירע קינדער

ניאַנקעס און דער טאַטע וועט מיר שטעלן באַנקעס. האָט מען אים גע־בראַכט ר׳ נח דעם דינס טאָכטער, האָט דער מלך געזאָגט, אַ דינס אַ טאָכטער איז בייז און שלעכט און וועט זיין שטענדיק ב״י איר פאָטער געראכט...

אַזוי האָט יענקל אויפגעזוכט אַלע באַלעבאַטישע מיידלעך פון שטעטל און דערנאָך האָט ער זיך גענומען די מיידלעך די נייטערקעס, די זאָקן־מאַכערקעס און האָט זיי געבראַכט פאַרן מלך.

און געענדיקט האָט זיך דאָס ליד מיט דעם, אַז צום סוף איז גע־קומען דער שדכן מרדכי הצדיק און האָט פאַרשלייערט דעם מלך זיין גרינע פלימעניצע אסתר:

די מערכה פון קעניג איז באַקאַנט —
ער שלאָגט זיך דריי מאָל אַ טאָג קאָפּ אָן וואַנט.
דאָס דאָזיקע ליד האָט געשמט ביי אונדז אין שטעטל.

און נאָך אַ ליד, שוין גאָר אַ ליד, שוין גאָר אַ יום־טובדיקס, האָט ער געהאַט. אין דעם ווערט דערציילט פון איינעם אַ בחור שלמהקע, וואָס איז געווען קלוג און שיין ווי די וועלט און ער האָט געזוכט אַ רעכטע פרוי.

זלאַטע און סאָניע זענען געקומען.
האָט ער זיי פאַר ווייבער גענומען.
אויף מאָרגן האָט ער דערזען זיינע צרות און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַנדערע ווייבער:

זענען געקומען חיהקע און האָדל און פעשע.
ברײַנדל, יענטל, באַשע, כאַסיע און גנעשע. האָט ער זיי אויך פאַר ווייבער גענומען.

און אַזוי האָט דער קלוגער און שיינער בחור שלמהקע אָנגעקליבן טויזנט ווייבער:

אַלע בייזע און שלעכטע
און איינע נישט קיין רעכטע.
און דאָ גייט אַ שילדערונג ווי די טויזנט ווייבער באַפאַלן שלמהקען:

סאָפיע שרייט, אַז ביי איר קינד רינט פון נעזל,

דוואָסיע שרײַט, אַז איר קינד װיל אַ טרוקן קעזל.
האָדל יאָמערט און װײנט — זי װיל אַ קלײד מיט אַ שלעפּע,
ברײַנדל איז שטענדיק ברוגז — גיב זי נישט קײן טשעפּע.
איז דער קלוגער און שײנער שלמה גרױ און אַלט געװאָרן.
ער האָט זיך אָװעקגעזעצט װי אַן אבל,
און געזאָגט הבל הבלים הכל הבל.
פון דעם דאַזיקן ליד פּלעגט דער עולם ממש לעקן די פינגער.

די דאָזיקע לידער פּלעגט נישע אַלײן באַגלײטן מיט זײַן פידל. ער פּלעגט זיצן און אימפּראָװיזירן שטיל אױפן פידל. אַמאָל איבערטריבן טרױעריק און אַמאָל איבערטריבן פרײלעך.

יענקל דער בדחן איז געװען אױפן זיבעטן הימל, װען נישע פּלעגט זײַן אין שטימונג און פּלעגט מיט זײַן פידל אַרײַנפּאַלן ריכטיק װי מען דאַרף.

נישע און יענקל האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקע שאַפונג: דאָס איז געװען אַ ליד פון „װײנער", די װערטער זענען געװען יענקלס און די מעלאָדיע נישעס און װען בײדע פּלעגן אַרױס מיט דעם דאָזיקן קונסט־װערק, האָבן זײ געמאַכט דעם גרעסטן רושם.

„דער װײנער" איז געװען אַ מעשה מיט מענטשן, װאָס קומט אױף דער װעלט מיט געװײן, װײנט דאָס גאַנצע לעבן און שטאַרבט מיט אַ געװײן.

אָט זענען אַ פּאָר פערזן, װאָס זענען מיר געבליבן אין זכרון:
טאַטע־מאַמע פירן משהלען מיט שמחה אין חדר,
אָבער משהלע רײַבט די אױגן און װײנט כסדר.
מיט דער שײנער כלה טוט משהלע צו דער חופּה גײן,
שטײט ער אַ באַטריבטער און האַלט זיך אײן פון געװײן.
ערב פּסח, עס איז שײן, ליכטיק און רײן,
װײנט פּאָרט משהלע, װײל ער רײַבט כרײן.

אין נישעס קאַפּעליע איז געװען די צװײטע פידל איטשע דער פאַרבער, אָדער ריכטיקער — דער קאַלכער. דער ייד פּלעגט זיך פאַר־נעמען מיט זײַן מלאכה בלױז אַ פּאָר טעג פאַר פּסח, װען ער פּלעגט

קאַלכן די הייזער. אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען אַ קלעזמער.

זייער פּאָפּולער איז איטשע געווען ביי די גויים אַרום אונדזער שטעטל. און איטשע דער פאַרבער פלעגט אַרומפאָרן פון דאָרף צו דאָרף שפּילן אויף גויאישע חתונות.

אין נישעם קאַפּעליע פלעגט איטשע ווי עס איז אונטערבאַמקען, אָבער אַליין האָט ער געקענט שפּילן אין גאַנצע דריי־פיר נגונים. יאָרן לאַנג האָט ער די זעלביקע נגונים געשפּילט אויף גויאישע חתונות. אַלע גויים האָבן שוין געקענט די נגונים.

האָט מען דערציילט, אַז די גויים האָבן זיך אַמאָל צעבונטעוועט און האָבן געמאָנט ביי איטשען, אַז ער זאָל שפּילן עפּעס אַ נייע זאַך, אַן אַנדער ניגון.

איטשע האָט זיך נישט פאַרלאָרן. ער האָט פּראָבירט איבערדרייען זיינע אַלטע נגונים. די גויים האָבן עס אָבער דערקענט און זענען געוואָרן בייז, אָבער איטשע האָט זיין הומאָר נישט פאַרלאָרן, ער האָט זיך געווענדט צו די גויים:

— ווייסט איר גאָר וואָס, נאָט אייך די פידל און קלייבט זיך אויס וואָס פאַר אַ ניגון איר ווילט.

דאָס זענען געווען די פאַרטרעטער פון די צוויי מוזעס, פון מוזיק און פּאָעזיע אין אונדזער שטעטל.

XV.

טעאַטער

אין מיין שטעטל האָט מען נישט געוווסט פון טעאַטער. נישט נאָר מען האָט קיין טעאַטער נישט געזען, מען האָט אפילו נישט געוווסט, אַז אַזאַ זאַך איז בנמצא.

אָבער וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע רעליגיעזע ספּעקטאַקלען עס האָבן דאָס טיפע רעליגיעזע געפיל און דאָס טיפע גלויבן געשאַפן.

די שטימונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין שטעטל יום־כפור פאַר־נאַכט און האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן, וועט קיין טעאַטער נישט זיין בכוח צו שאַפן.

אַ פייערלעך־פּחדיקע שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט איבערן גאַנצן שטעטל, אויף אַלע פּנימער איז געלעגן אַ חרדת־קודש. אַ ליבשאַפט צו אַלע און צו אַלעמען האָט זיך באַזעצט אין די הערצער אין דעם ערב יום־כפורדיקן טאָג.

און צו כל־נדרי — איך ווייס נישט, צי וועט דער גרעסטער רעזשיסאָר קענען נעמען אַ גאַנץ שטעטל געווענלעכע, פּשוטע מענטשן און זיי אָרגאַניזירן אין אַזאַ ווונדערלעכן ספּעקטאַקל.

אַ גרויסער רעליגיעזער ריטם, אַ ווונדערלעכע האַרמאָניע, איז גע־ווען אין דעם גוואַלדיקן מאַסן־ספּעקטאַקל. וואָס דאָס רעליגיעזע געפיל האָט שטרענג אָרגאַניזירט. יום־כפור אָוונט, צו כל־נדרי זענען אַלע באַהערשט געוואָרן פון איין גרויסער איבערלעבונג און פון איין גראַנ־דיעזן רעליגיעזן שפּיל.

איך האָב אין מיין לעבן דורכגעבלאָנדזשעט אַלע טעאַטערס אין דער וועלט. איך האָב געזען די גרעסטע און שענסטע ספּעקטאַקלען, אָבער ווען איך פּלעג עס פאַרגלייכן מיט דעם כל־נדרי ספּעקטאַקל, פּלעגן די גרעסטע קינסטלערישע ספּעקטאַקלען בלייך ווערן.

נאָך אַלס קינד פּלעגט מיך דער כל־נדרי־ספּעקטאַקל אַזוי פאַרכאַפּן, אַז איך פּלעג נאָכדעם וואָכן־לאַנג ארומגיין א צערודערטער, א טיף־גערירטער און א ציטערנדיקער.

נאָך כל־נדרי איז דער סדר־ספּעקטאַקל איינער פון די וואונדערלעכ־סטע, וואָס יידן האָבן געשאַפן.

מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ ייד אַ מתנגד, אַזוי צו זאָגן, אַ פּרינציפּיעלער מתנגד, אַ רעאַליסט דורך־און־דורך, נישט קיין מיסטיקער, אָבער מיט וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן טאַלאַנט ער האָט גע־פּראַוועט דעם סדר.

ער האָט געקענט אונדז אַלעמען אַרויסרייסן פון טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט און אַריבערטראָגן אונדז אין דעם לעגענדאַרישן מצרים, שפּאַלטן פאַר אונדז דעם ים, באַגעגענען אליהו הנביאן.

און וויפל טענער, פאַרבן און סצענישע איינפאַלן ער האָט פאַר־מאָגט, פּראַווענדיק דעם סדר. דאָ פּלעגט ער זיך צעגיסן אין אומעט, דאָ פּלעגט ער אויפפלאַמען מיט בטחון, דאָ פּלעגט ער צאָרנען און דאָ האַלדזן די וועלט, דאָ פּלעגט ער ארויספּלאַצן מיט ליכטיקער חדוה און דאָ פּלעגט ער אָנפילן די שטוב מיט טיפן יאוש.

דער איבערגאַנג פון, למשל, הלל צו אחד מי יודע, פון ברכת המזון צו חד גדיא, צו שיר־השירים איז געווען מייסטעריש.

היינט זיין האַלטן זיך אין דעם הסבה־בעט. זיין אָנלענען זיך דאָ אויף איין האַנט און אַריינפאַלן אין די קישנס, זיין זינגען, זיין באַטעמען דאָס וואָרט, זיין אריינלעבן זיך אין יעדן שטיקל הגדה, איז געווען גע־לייטערטער שוישפּיל.

היינט דער זעלביקער טאַטע מיינער שמחת־תורה, אַ ייד, נישט צו דערקענען אים, אַ פריילעכער, אַ יונגער, אַ רירעוודיקער און אַ שמייכ־לענדיקער.

ער האָט זיך אַמאָל צעשטיפט און גענומען דאַווענען שמחת־תורה

מנחה ביים עמוד — וואָס ער האָט צעקונדסט אין דער דאָזיקער מנחה, אַ שטיקל שמונה־עשרה זאָגט ער מיטן ניגון פון איכה, אַ שטיקל ניגון פון אקדמות, אַ שטיקל גאָר מיטן ניגון פון כל־נדרי און מיט אַמאָל, פון העלער הויט פלעגט ער זיך צעזינגען מיט אַ פריילעכער האָפּקע.

ער האָט פון דעם גאַנצן רעליגיעזן רעפּערטואַר געמאַכט אַ מין פּאָרפּורי.

געווען ביי אונדז אַ שוואַכער, קליינגעוויקסיקער מלמד, פלעגט ער דעם שמחת־תורהדיקן טאָג אויסטרינקען אַ תהום משקה און איז קיינמאָל נישט שיכור געווען אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל פאַרלירן דעם גוטן ליכטיקן הומאָר, ער פלעגט זיך בלויז ווערטלען און זינגען.

ווו האָט זיך דאָס גענומען ביי דעם דאָזיקן שטילן און ערנסטן ייד אַזוי פיל שאַרפע ווערטלעך? ער פלעגט, כלומרשט שכורערהייט, יעדן אָפּ־מי־שברכן אַזוי, אַז נאָך זיין מי־שברך האָט מען פון יעדן געהאַט די שניידנדיקסטע און די קלאָרסטע כאַראַקטעריסטיק.

געווען איינער זיינער אַ חבר אין חברה ש״ס, אַ רייכער ייד, אָבער זייער טעמפּלעך אויף דער גמרא. פלעגט ער אים באַגעגענען מיט אַזאַ „מי שברך״.

מי שברך את יהודה דעם נגיד, וואָס האָט אַ קעשענע אַ פולע און אַ קאָפּ אַ פּוסטע, וואָס איז אַ וועלער אַ גרויסער און אַ קענער אַ קליינער, וואָס איז אַ בעל־דעה אין שטאָט און האָט קיין דעה אין גמרא, א. אַ. וו.

שמחת־תורה און פּורים זענען געווען די טעג פון קאָמעדיע אין אונדזער שטעטל.

עס שטייען נאָך פאַר מיינע אויגן וווּנדערלעכע גראָטעסקן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין די דאָזיקע טעג.

פּורים פלעגן ביי אונדז אַרומגיין פון שטוב צו שטוב פּורים־שפּילער.

דער פירער פון די פּורים־שפּילער איז געווען העשל גוליע; העשל איז געווען אַ דרדקי־מלמד און גוליע האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסן אויסוווקס איבער איין אויג, אַ גוליע, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ קינדישער קולאַק. דער דאָזיקער העשל האָט געהאַט

די משונהדיקסטע בערדל. זי איז געווען אזא שמאַלינקע און אזא שפּי־צינקע פון דער נאַטור, אַז קיין שערער אין דער וועלט וואָלט נישט געקענט מאַכן אַזאַ בערדל. דער שפּיץ פון בערדל איז געווען שאַרף און זיך פאַרענדיקט אין איין לאַנגער האָר.

העשל איז געווען אַ פריילעכער, רירעוודיקער ייד. ער האָט געהאַט אַזאַ דראָבנע קולעכל, אַז ווי נאָר מען האָט עס דערהערט, האָט מען געמוזט לאַכן.

פּורים פלעגט ער צונויפנעמען עטלעכע בעלי־מלאכות, איינעם פלעגט ער אָנטאָן אין אַן איבערגעקערטן פּעלץ און ער פלעגט הייסן ביי אים רבי בער, איינעם האָט ער אָנגעטאָן אַ יוניש היטל און ער פלעגט ביי אים הייסן רעב קאָזאַק, איינעם האָט ער אָנגעטאָן עפּעס אַן אַלטן צילינדער און ער האָט געהייסן ביי אים דער פּראַנט און דריי יינגלעך מיט אָפּגעפאַרבטע פּנימער האָבן געהייסן צאַן קדשים.

אין מיין גאָר פריער קינדהייט, געדענק איך, האָט העשל געהאַט צוויי קאָזאַקן אויף פערד, פריער פלעגט ער דורכשפּאַצירן מיט זיין טרופּע איבער דער שטאָט און די קאָזאַקן זענען געזעסן אויף אמתע פערד, שפּעטער פלעגן זיי אַריינרייטן אין שטוב אויף אַ שטעקן, וואָס פלעגט סימבאַליזירן אַ פערד.

פון דער פּראָצעסיע מיט אמתע פערד האָט זיך העשל די לעצטע יאָרן אָפּגעזאָגט, ווייל די רייטער (צוויי געוועזענע סאָלדאַטן) זענען גע־וואָרן באַלעבעסלעך און זיי האָט שוין נישט געפּאַסט צו מאַכן זיך נאַ־ריש און קיין אַנדערע רייטער האָט ער נישט געקריגן.

העשל פלעגט זיך אַריינרייסן אין אַ הויז מיט געפּויקעריי און אַ זינגעריי.

מיט זיין דראָבנעם קולכל פלעגט ער אָפּגעבן אַ ברייטן גוט יום־טוב און פלעגט אָנהויבן פּלאַנטערן אַ מעשה, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

דערנאָך פלעגט דער בער טאַנצן, די קאָזאַקן ברומען און די צאַן קדשים מעקען.

ענדיקן פלעגט עס זיך מיט אַ „מי שברך" מיט כוסה און מיט עטלעכע גראָשנס.

איין ארים לידל האָט העשל געהאַט:
איך וואָלט געוואָלט אז פורים זאָל זיין,
זיין, זיין, און זיין
אַלע טאָג פון יאָר,
טוט ער זיין, זיין, זיין
איינמאָל אין חודש אדר
היינט איז פורים און מאָרגן אויס
גיט מיך א קאָפּיקע און טרייבט מיך אַרויס.
ענדיקן פלעגט ער:
גיכער, גיכער, איך האָב נישט קיין צייט,
ווייל צאַלע מיאַסטאָ נאַ מאיא גלאווא (די גאַנצע שטאָט
איז אויף מיין קאָפּ).

⁂

מיר יינגלעך, ישיבה־יינגלעך, האָבן אַמאָל אויפגעפירט צוויי „שטיק״ „שלמה און דער אשמדאי״ און „דוד און בת־שבע״, אָבער מען האָט אונדז אַן עין הרע געגעבן און אונדזערע טעאַטער־שפּילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

די מעשה איז געווען אַזוי:

צו אונדז, אין ישיבה, איז אָנגעקומען א ישובישער יינגל, וואָס האָט פריער געלערנט אין אַנדערע ישיבות און האָט אונדז געבראַכט עפּעס א שפּיל, וואָס האָט געהייסן „שלמה און דער אשמדאי״. דער דאָזיקער יינגל האָט געקענט דאָס גאַנצע שפּיל אויסנווייניק. קיין ביכל האָט ער נישט געהאַט.

האָבן מיר געבעטן ביים שטרענגן ראש הישיבה, מאיר לייבקעס, אז ער זאָל אונדז דערלויבן סוף־הזמן שפּילן „שלמה און דער אשמדאי״. מאיר לייבקעס האָט פון אָנהויב נישט געוואָלט הערן פון דעם, אָבער, אז דאָס יינגל האָט אים דערציילט, אז אין אַלע ישיבות שפּילט מען עס, האָט ער מסכים געווען.

איך האָב זיך פאַרקאָכט אין דעם יינגל, וואָס האָט געבראַכט דאָס

שפּיל, און איך בין געוואָרן זיין נאָענטסטער חבר. ער איז בכלל געווען א זייער גראָטן יינגל, געזונט, מיט רויטע באַקן און א לעבעדיקער, ממש א מחיה, כסדר ער לאַכט, ווען ער ווייסט נישט דעם שיעור און דער ראש הישיבה קוקט אויף אים בייז, לאַכט ער אויך.

מאיר לייבקעס האָט אים אמאָל אין כעס אָנגערופן „עשו״.

האָבן מיר אים גערופן מיט ליבע עשול, ווייל מיר אלע האָבן אים ליב געהאַט, ווארום צו אלע מעלות איז ער געווען זייער א גוטער, מען האָט געקענט ביי אים ארויסנאַרן אלץ וואָס ער האָט געהאַט. חוץ דעם איז ער געווען א זינגער און ימים־נוראים איז ער געווען א משורר ביים חזן, אָן געצאָלט, פארשטייט זיך, ווייל זיין פאָטער איז געווען א רייכער ייד. דער חזן האָט אָנגעקוואָלן פון אים. דער חזן פלעגט זאָגן, אַז אַזא שמיעה און אַזא תפיסה צו נגינה ווי ער, שמואליק, האָט, האָט קיין בן־אָדם נישט.

הכלל — שמואליק און איך האָבן זיך גענומען צוצוגרייטן די אויפפירונג. שמואליק האָט גענומען די ראָליע פון אשמדאי און איך די ראָליע פון שלמה המלך. שמואליק איז געווען אזוי צו זאָגן דער רעזשיסאָר און איך דער דעקאָראַטאָר, דער קאָסטיומען־מאַכער, דער גרימירער און דער גאַנצער ממונה אויף דער טעכנישער זייט ווי מען רופט עס היינט.

ביי אונדז אויפן בוידעם זענען פאָרגעקומען די רעפּעטיציעס. מען האָט געאַרבעט מיט ברען און חשק. איך, האָט זיך ארויסגעשטעלט, בין געווען גאָר א גרויסער אומן־יד צו מאַכן פּאַפּירענע קרוינען, הילצערנע שווערדן און צונויפקלעפּן פון פּאַפּיר עפּעס משונהדיקע מונדירן.

ביי די ערשטע רעפּעטיציעס האָט אונדז שמואליק איבערראַשט מיט זיין „טאַלאַנט״ צו שפּילן דעם אשמדאי.

דער אשמדאי איז געווען אין קייטן און ווען ער פלעגט זיך רייסן פון די קייטן, פלעגט ער קוויטשען.

שמואליקס קוויטש איז געווען מאַדימדיק, ער פלעגט ממש צערייסן די אויערן, אין צען גאַסן ארום פלעגט מען הערן זיין קוויטש פון אונדזער בוידעם.

שמואליק האָט געזאָגט כסדר, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט, ערשט ביים אמתן שפּיל וועט ער באַווייזן, וואָס ער קען.

מיר האָבן קוים דערצויגן ביזן טאָג פון דער פאָרשטעלונג.

אויף דער פאָרשטעלונג איז געווען דאָס גאַנצע שטעטל.

און שמואליקס קוויטש האָט טאַקע אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. מענטשן האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן, וואָרום ווי אַ שפּילקע האָט דער קוויטש געשטאָכן אין די אויערן.

מיין דערפאָלג איז אינגאַנצן פאַרטונקלט געוואָרן פון שמואליקס קוויטש.

אַכט טאָג צייט נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען כסדר גערעדט פון שמואליקן.

דערזען אַזאַ דערפאָלג, האָט שמואליק געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ שפּיל. ער האָט טאַקע דאָס ביכל אַליין „דוד און בת־שבע".

עס איז שוין געווען סוף־הזמן, ביים ראש הישיבה האָבן מיר קיין דערלויבעניש נישט באַדאַרפט בעטן און מיר האָבן זיך גענומען איינ־שטודירן דאָס נייע שפּיל.

אין פיר טעג זענען מיר געווען פאַרטיק, כאָטש דעם גרעסטן טייל פון דער פּראָזע האָט מען געדאַרפט זינגען און שמואליק האָט געקענט אַלע נגונים.

איך האָב געשפּילט די שיינע בת־שבע: סטראָפן זענען מיר געבליבן אין זכרון פון מיין ראָליע אַלס בת־שבע: איך קום אַריין און זינג:

פון וויינגאָרטן טו איך ציען
אַלע וויינגערטנער טוען בליען.

איך אין מיין מוטערס אַ קליידל האָב, פאַרשטייט זיך, נישט גע־געבן אפילו אַן אָנצוהערעניש אויף אַ ווייבס־פאַרשוין, אין וועלכער אַ קעניג ווי דוד המלך, וואָס האָט געפּירט אַ ליבע מיט מיכל די טאָכטער פון שאול, קען זיך פאַרליבן.

און פון וויינגאָרטן האָב איך זיכער נישט געטון ציען.

אָבער איך האָב אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן, ווי אַ טעאַטער־

קריטיקער, אויסגעפונען, אז אַלע מלכות אויף דער בינע זענען אזוי ווייט פון מלכות ווי איך בין געווען ווייט פון בת־שבע.

שפּילן איז אן איינרעדעניש, פריער רעדט מען זיך אַליין איין און דערנאָך איז לייכט איינצורעדן אַנדערע.

איך האָב זיך איינגערעדט, אַז איך בין בת־שבע, און מיין מאַמעס קליידל איז געווען אין מיינע אויגן דער גרעסטער ווייבערישער פּוץ.

און דער עולם האָט אָנגענומען מיין איינרעדעניש פאַר גוט געלט...

דאָס איז טעאַטער...

שמואליק האָט געשפּילט דודן, און אויך דאָ האָט ער זיך אויסגעקלוגט צו באַנוצן זיין באַוווּסטן קוויטש.

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג, דאָ האָט מען מיך אויך שוין באַמערקט, אָבער שמואליקס דערפאָלג איז געווען גאָר אומבאַשרייבלעך.

אָבער אויף מאָרגן נאָכן ספּעקטאַקל איז שמואליק קראַנק געוואָרן מיט אַ מסוכנדיקער היץ־קראַנקהייט און אין דריי טעג ארום איז דאָס געזונט, שיין און לעבעדיק יינגל געשטאָרבן.

אין שטעטל איז געווען חושך.

מען האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז שמואליק איז געשטאָרבן פון אַ בייז אויג, מען האָט אים אַן עין הרע געגעבן.

מען האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס איז אויך אַ שטראָף, וואָס יינגלעך נעמען זיך איבערקרימען דעם אשמדאי, שלמה המלך, דוד המלך, בניהו בן יהוידע און בת־שבע!

אויף דער לויה איז געקומען שמואליקס פאָטער דער ישובניק. דער ייד האָט צעבראָכן אַלעמענס הערצער מיט זיין געוויין און מיט זיין פאַרצווייפלונג.

דער ייד איז צוגעלאָפן צום רב, וואָס איז געווען צו דער לויה, און האָט געשריען מיט די לעצטע קולות:

—רבי, פאַרוואָס, רבי, פאַרוואָס האָט גאָט צוגענומען מיין קינד, מיין טייער, געראָטן קינד. רבי, איך האָב נישט געזינדיקט, רבי, איך האָב אים געגעבן לערנען, ער איז געווען אַ כשר קינד און איך בין אַ פּראָסטער, אָבער ערלעכער ייד, רבי פאַרוואָס?!!

***

עס איז אַריבער א יאָר,מיר האָבן פאַרגעסן אָן שמואליקן און איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן א נייער אויפפירונג.

מיין מוטער האָט עס דערהערט, האָט זי זיך צעוויינט:

— ווילסט, חלילה, ברענגען אויף זיך עפּעס אַן אומגליק...

און באַלד זענען געקומען יידן און בייז מיר געזאָגט, אַז איך זאָל עס נישט וואַגן צו טון.

אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניק.

איינמאָל איז דער שטרענגער מאיר ליבקעס אויפגעשטאַנען אין מיטן שיעור און האָט געזאָגט בזה הלשון:

— איך הער, אַז מען וויל דאָ ווייטער מחלל זיין דעם נאָמען פון אונדזערע הייליקע, די גרויסע שטראָף און צארן פון רבונו־של־עולם איז שוין פאַרגעסן געוואָרן. בין איך מתרה ומודיע, אַז איך וועל עס נישט דערלאָזן, און אויב מען וועט מיך נישט פאָלגן און מען וועט עפּעס פּרובירן מאַכן בין־הזמנים, ווען איך האָב קיין דעה נישט, וועל איך אויספּועלן ביים רב אַ חרם.

אַ שרעק איז אויף מיר אָנגעפאַלן. איך האָב זיך צעוויינט און צו־געזאָגט דעם ראש־הישיבה, אַז איך וועל עס נישט טון.

אזוי האָט זיך געענדיקט מיין טעאַטער־טעטיקייט אין מיינע יונגע יאָרן, ווען איך בין אַלט געווען עלף־צוועלף יאָר.

***

אין אונדזער שטעטל פלעגן אמאָל אַראָפּקומען פּאַקוסניקעס, שטריק־גייער און אקראַבאַטן, וואָס פלעגן אויפן מאַרק אָפּהאַלטן זייערע פאָרשטעלונגען.

איינמאָל איז געקומען אין שטעטל אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אקראַבאַטן. די קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון איין פאַמיליע, פון א פאָטער א שוואַרצן הויכן ייד, פון א מוטער א שוואַרצע און א דיקע און פון פיר קינדער, דריי מיידלעך און א קליין ייִנגל.

אַלע אינאיינעם פלעגן זיי ווייזן קונצן אינמיטן מאַרק און נאָך די

קונצן פֿלעגט די גראַבע, שווארצע מוטער ארומגיין מיט א טעלער און קלייבן קופּערנע מטבעות ביי די צושויערס.

איך ווייס נישט ווי אזוי און פאַרוואָס, נאָר פּלוצלינג האָט זיך צעטראָגן א קלאַנג איבערן שטעטל, אז דאָס יינגל איז א געגנבעט.

דאָס יינגל איז טאַקע געווען א שיינס, א ליבס און איז געווען עפּעס זייער באַטריבט. עס האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט, קיינמאָל נישט גערעדט און טאַטע־מאַמע פלעגן אים ווארפן אין דער לופטן ווי א פּילקע, אז ביי אַלע ווייבער פלעגט זיך דאָס האַרץ אָפּרייסן.

— א מאַמע איז עס, פלעגן ווייבער זאָגן מיט כעס.

— א שיינע מאַמע.

און איינמאָל האָט אונדזער באַוווּסטע שפּרהטשקע, די גרויסע עזותניצע, נישט אויסגעהאַלטן און האָט אינמיטן פאָרשטעלונג זיך צעשריען:

— הער דו, מאַמע קלאָגעדיקע, זאָג אקאָרשט, דאָס וואַרפסטו דיין אייגן קינד אזוי?

און מער האָט מען נישט באַדאַרפט: עס איז געוואָרן א טומל, א געשריי. מען האָט זיך אָנגעהויבן וואַרפן אויף די קאָמעדיאַנטן מיט קולאַקעס.

דאָס שטעטל האָט געקאָכט ווי א קעסל, צערייצטע יידן זענען געלאָפן צום אוריאַדניק און געטענהט, אז דאָס יינגעלע איז נישט זייערס, זיי האָבן עס ערגעץ געגנבעט.

דער אוריאַדניק האָט פאַרזיכערט, אז ער האָט געזען דעם פּאַספּאָרט פון פאָטער און אין פּאַספּאָרט איז דאָס יינגעלע פאַרשריבן. יידן האָבן אָבער נישט געגלויבט דעם פּאַספּאָרט. זיי האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי אָפּגעבן דאָס יינגעלע און זיי וועלן שוין אָפּזוכן טאַטע־מאַמע זיינע.

מען האָט זיך געטומלט דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען איז אוועק שלאָפן מיטן פעסטן באַשלוס, אז מאָרגן וועט מען דעם אוריאַדניק געבן א מתנת־יד און מען וועט דאָס יינגעלע ארויסראַטעווען פון די גנבימס הענט.

אויף מאָרגן באַלד נאָכן דאַווענען האָבן זיך יידן אוועקגעלאָזט צום

אוריאַדניק מיט געלט. שפּרהטשקע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געגעבן אויף אַזאַ פּדיון־שבויים אַ גאַנצן רובל.

אָבער ווען זיי זענען געקומען צום אוריאַדניק, האָט ער זיי דער־קלערט, אַז די קאָמעדיאַנטשיקעס זענען בײַנאַכט אוועקגעפאָרן.

— טעלעגראַפירן דאַרף מען איבער דער גאַנצער מדינה, האָבן יידן געשריען, אָבער דאָס איז שוין געווען גלאַט גערעדט. יידן האָבן געפילט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט און זיי קענען שוין גאָרנישט טון און באַטריבטע איז מען זיך צעגאַנגען.

XVI.

דלות האָט זיך געוויצלט און געלצעוועט

ביי אונדז אין שטעטל האָבן זיך אַלע געוויצלט און געלצעוועט און נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר איינער אויפן חשבון פון דעם אַנדערן.

יעדער האָט געהאַט זיין צונעמעניש, וואָס א לץ אָדער א וויצלער האָט אים געגעבן.

די צונעמענישן זענען געווען זייער שאַרפע און האָבן גאַנץ אָפט בייסיק כאַראַקטעריזירט דעם טרעגער פון דעם צונעמעניש אי פיזיש אי גייסטיק.

געוויצלט האָט זיך דער גרויסער באַלעבאָס, דער עושר און למדן נחמן שאול־משהס, געוויצלט האָט זיך דער דאַמסקער שניידערל פסח, געוויצלט האָבן זיך יונגעלייט, הכלל — קינד און קייט האָבן זיך געוויצלט.

אין א מיטנוואָכעדיקן טאָג, ווען אויפן ברייטן מאַרק איז שטיל און פוסט, פלעגט שטיין א רעדל יידן און לצעווען איבער איינעם, אָדער וויצלען זיך איבער איינעם. און ווי איז געווען יענעם, וואָס איז געווען דער שים־ציל פון די הלצות און די וויצן.

מען פלעגט אַריינגעמען דעם קרבן אין א רעדל און מען פלעגט אים וואַשן, וואַשן, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

אַזעלכע שאַרפע וויצלער און לצים ווי אין אונדזער שטעטל, האָב איך נאָך ערגעץ נישט באַגעגנט.

פֿלעגט מען זיך נעמען צו אײנעם, האָט מען דורכגעלופּטערט זײַן גאַנץ לעבן, מען האָט נישט געשאָנעוועט זײַן פֿרוי, זײַנע קינדער און פֿון אים אַלײן איז גאָר קײן רײד נישט.

אין אַ רעדל פֿלעגן שטײן אי שײנע באַלעבאַטים, אי בעלי מלאכות, אי לומדים, אי גלאַט פּוסטעפּאַסטניקעס און צוזאַמען זיך װיצלען און לצעװען.

איך האָב פֿיל מאָל, אַלס אַ ייִנגל, בײַגעװױנט אָט די דאָזיקע אכזריותדיקע גלומעריי איבער מענטשן. דערמאָן איך זיך מיט שוידער די שפּיכות־דמים, װאָס איך האָב בײַגעװױנט.

אַמאָל אין אַ תּשעה־באָבדיקן טאָג נאָמיטאָג, שױן נאָך קינות, נאָכן בית־עלמין, איז געשטאַנען אַ רעדל ייִדן און אינמיטן איז געשטאַנען מײנער אַ רבי, צדוק דער מלמד, און מען האָט אים באַאַרבעט.

געװען בײַ אונדז צװײ צדוקס, אײנער האָט געהײסן לאַנגער צדיק און דער אַנדערער קרומער צדיק. דער קרבן איז דאָס מאָל געװען דער קרומער צדיק.

דער קרומער צדיק האָט ער געהײסן, װײַל ער איז געװען אַ קלײַ־נינקער, פּרומינקער ייִדעלע מיט אַ קרום פּלײצקעלע.

אַ ייִד אַ באַלעבאָס גיט זיך אַ זאָג צו אַ שנײַדער:

— הער נאָר, בערל, פֿאַרװאָס נײסטו צדוקן קאַפּאָטעס מיט אַ קרומער פּלײצע?

און עס איז אװעק אַ סדרה מיט װיצן אױפֿן חשבון פֿון צדוקס קרומער פּלײצע.

און מיטאַמאָל שיסט אײנער אױס:

— הערט אַ מעשה, צדוקס װײַב האָט געװאָלט אָנשמײסן איר ייִנגל, האָט זי על פּי טעות געכאַפּט צדוקן און האָט אים געשמיסן. שרײַט ער — משוגענע, דאָס בין איך דאָך, צדוק בין איך, אָבער די גרױסע ייִדענע הערט נישט און שמײסט, שמײסט...

די מעשה װערט אױפֿגעכאַפּט און װערט צעלײגט אױף טעלערלעך: פּלאַצט אַרױס אַן אַנדערער:

— איר װײסט, אַז הײַנטיקן פֿרײַטיק אין מרחץ האָט צדוק (אַ קלײנינקער) פֿאַרביטן זיך מיט די הױזן פֿון שמשון דאָבעס (אַ ייִד אַ

משונהדיקער הויכער), האָט ער פאַרקנעפּלט שמשונס הויזן ארום האלדז, איז ער געקומען אהיים און זיך געחידושט פאַר זיין ווייב: אַ נייע מאָדע האָבן די שניידער אויסגעקלערט: הויזן זאָלן זיך פארקנעפּלען ארום האלדז...

די מעשה ווערט פארצוקערט און מען קייעט זי מיט געשמאַק לאַנג, לאַנג.

די שפיכות־דמים פון דעם אָרימען צדוק איז געווען שרעקלעך, ער איז געשטאַנען אַ פארלאָרענער, אַן אומגליקלעכער.

און אוועקגיין האָט דער קרבן נישט געקאָנט, ווייל מען פלעגט אים אויפהויבן אויף אַ „הורא״.

און די לצים און וויצלער פלעגן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיינעם. איך האָב אַמאָל געזען, ווי זיי האָבן אריינגעכאַפּט אפילו דעם גרויסן חסיד און אמתן צדיק יעקב משהן און האָבן אים אָנגעהויבן פּאַלמעסן.

יעקב משה איז געווען אַ ייד נישט פון דער וועלט. זיין ווייב האָט געהאַט אַ שניט־קראָם און געשפּייזט דעם מאַן און די פאַמיליע. יעקב משה האָט קיין וואָרט גויאיש און קיין צורת מטבע נישט געוווסט.

האָט אַ לץ זיך גענומען דערציילן: אַז אין דעם נאָר וואָס פארגאַנגענעם יאריד איז יעקב משה געקומען אויף אַ שעה העלפן זיין פרוי.

איז צוגעגאַנגען אַ דאָרפישע גויע קויפן אַ פאַטשיילע. פרעגט זי ביי יעקב משהן וויפל עס קאָסט. ווייסט ער נישט. פרעגט ער ביי דער פרוי זיינער, ענטפערט זי „פיאט זלאָטי״ (פינף גילדן). זאָגט יעקב משה איבער.

ווערט די גויע אין כעס און זאָגט:

— פיאט כוואראָבי יא טיעבע דאם (פינף קרענקען וועל איך דיר געבן).

שרייט יעקב משה צו זיין ווייב:

— גיטע, די ערלטע גיט פיאט כוואראָבעס, אָפּגעבן איר די פאַטשיילע?

יעקב משה האָט געשמייכלט מיט זיין תמימותדיקן שמייכל און האָט די לצים גוטמוטיק געמוסרט:

— בעסער וואָלט איר אַריינגעקוקט אין א ספר, געזאָגט א קאפּיטל תהילים, אַי לצים, לצים.

אָבער די תאוה פון לצנות איז געווען אזוי גרויס, אז זיין מוסר האָט אויף קיינעם נישט געווירקט.

דאָס ווילצלען זיך האָט זיך איינגעוואָרצלט אין לעבן.

דאָס איינטאָניקע לעבן פון שטעטל, אַ לעבן אָן פרייד, אָן פאַר־ווײלונג און אָן וועלכע עס איז שפּילערייען האָט געמוזט זוכן עפּעס א געלעגנהייט צו לאַכן, און דאָ איז דאָס ווילצלען זיך געווען די איינ־ציקע פאַרווײלונג.

אגב האָט מען געלעבט שטענדיק צוזאמען, מען האָט געקענט יעדן אויסנעבונדן, מיט אַלע זיינע שגעונות, מיט אלע זיינע מומים און מיט אַלע זיינע קאָמישע שטריכן.

דער וויץ איז בכלל געווען א בייזער, אָבער עס זענען אויך געווען וויצן פון שענערן און בעסערן מין.

פון אן אנדער מין זענען געווען דער דאָזיקער מין לצים: דאָס זע־נען געווען בטבע פריילעכע, רירעוודיקע יידן, וואָס האָבן ליב געהאַט צו שטיפן. דאָס לעבן האָט אָבער געגעבן ווייניק געלעגנהייטן צו שטיפן און מען איז אָפּגעקומען מיט לצנות.

איך האָב געקענט שיינע אידן, וואָס פלעגן אָפּטון בלערליי ממש אומגלויבלעכע שמד־שטיק אין בית המדרש ביים דאווגען און לאַכן גע־שמאַק און מיט הנאה.

געווען ביי אונדז אַ רייכער ייד, ער האָט געפירט גרויסע וואַלד־געשעפטן, ער האָט געהאַלטן פריצישע מאַיאָנטקעס אין ארענדע, ער איז געווען א גרויסער טרוד, ער האָט געהאט אויפן קאָפּ הונדערטער געשעפטן און פלעגט מייסטן ארומגיין א פאַרקלערטער און א צעררו־דערטער. ער פלעגט זיך אזוי פאַרקלערן, אז ער פלעגט צעבייסן, צעצופּן זיין קליין בערדל, אָבער אין סאַמע מיטן פלעגט זיך אים פאַר־וועלן צו לצוועגן און ער פלעגט פאַרגעסן אין אלע געשעפטן.

אלס יונג בחורל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף איינע פון זיינע ארענדירטע מאַיאָנטקעס.

איינמאָל אַ פאַרנאַכט הייסט ער שפּאַנען אַ פּאָר פערד און בעט

מיך מיטצופאָרן מיט אים. ער איז געפאָרן עטלעכע שעה, עס איז שוין געווען טיפע נאכט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן א הויז. מיין ייד איז אַראָפּ פון וואָגן, צוגעגאנגען צום הויז און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטארק אין פענצטער. פון שטוב האָבן זיך דערהערט אייליקע טריט און א דערשראָקענע מענער־שטים האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָ?

— לעקיש — האָט מיין ייד געענטפערט הויך, און גלייך אריין צוריק אין וואָגן און האָט געהייסן דעם קוטשער פאָרן צוריק אהיים.

און צוויי טעג האָט ער געלאַכט ווי א קינד פון זיין שטיפעריי.

***

עס זענען אָבער אויך געווען ווילדער און לצים רשעים. זייערע שטיפערייען זענען געווען בייזע און שלעכטע. זיי האָבן געצילט צו פאַר־שאַפן יענעם צער און עגמת נפש; זייערע וויצן זענען געווען שטעכיקע און גאַליקע. דאָס זענען געווען מייסטנס מגושמדיקע לשון־הרעניקעס און רכילות־טרעגער.

יעדער וויץ, סיי דער גוטמוטיקער און סיי דער בייזער, פלעגט זיך צעטראָגן איבערן שטעטל מיט דער שנעלקייט פון א בליץ. פיל פון זיי זענען געבליבן אויף דורות און שטאַמען פון דורות.

אָט די דאָזיקע וויצן זענען די טאַטעס פון די צונעמענישן, וואָס די מייסטע מענטשן פון שטעטל האָבן געטראָגן. יעדער צונעמעניש האָט געהאַט זיין פאַרגעשיכטע, א וויץ וואָס האָט דערקלערט פאַרוואָס דער, אָדער יענער, טראָגט דעם צונעמעניש.

מען קען צוזאַמענשטעלן א גאַנצן לעקסיקאָן פון צונעמענישן, איך וועל דערמאָנען בלויז עטלעכע.

געווען ביי אונדז א ייד, וואָס האָט געהייסן מרדכי הורג, אן אנ־דערער מרדכי טרייפע לאַטקע. געווען א ייד, וואָס האָט געהייסן חיים־קראַץ־זיך, א ייד מיטן נאָמען שלמה גאַנער, בערל איזגאריק (א קליין, צאַפּלדיק פישל), יידל קורץ־פרייטיק, מנשה קמץ, נחמן לאָקש, טוביה חולם־נאָז, יאָשע גראַגער, זלמן פּופּיק, ישראל גרייזשיק מנחם שבת־הגדול.

עס זענען געווען גאַנצע פֿאַמיליעס, וואָס האָבן געטראָגן פֿון דור דורות צונעמענישן. ביי אונדז איז געווען באַקאַנט אַ גרויסע פֿאַרצווייגטע פֿאַמיליע מיטן נאָמען די צימעסעס, נאָך איינע מיטן נאָמען בוראַקעס, אַ פֿאַמיליע טל־ומטרלעך, פּזרם און אַזוי ווייטער.

מענטשן מיטן נאָמען באַנדע (גראָבע פֿלעצלעך) זענען געווען עטלעכע. אַ סך צונעמענישן לויט דער האָר־פֿאַרב, דער געלער, דער רויטער, דער שוואַרצער. אַ סך צונעמענישן לויט דער פּראָפֿעסיע, דער מילער, דער מסאָנדזשליק (קופּער און מעש־אַרבעטער), דער רימער, דער שניצער, דער פֿאַרבער, דער קלעזמער, דער שניידער, דער שוסטער, דער בעדער, דער מגיד, דער טשעסלער דער זעגער, דער קאַראַביינ־ניק, דער יאַעטשניק (אייער־הענדלער) א. א. וו. די פּראָפֿעסיע פֿלעגט אָפֿט צונעמען אַנדערע, נישט קיין כּוללדיקע נעמען, ווי למשל, אַ שוסטער האָט געהייסן כאָליעווע, אַ שניידער — פֿאַסטריגע, אַ סטאָליאַר — דלאָטע.

געווען ביי אונדז אַ פֿאַמיליע, וואָס האָט געהייסן גזלן, ענדיק, גאַלעגווצקער האָן אַא״וו.

די מייסטע האָבן געטראָגן זייערע צונעמענישן אונטערטעניק, אַנדערע פֿלעגן זיך אָבער שטאַרק באַליידיקן, ווען מען פֿלעגט זיי רופֿן מיט די צונעמענישן און אָפֿט פֿלעגט אַרויסקומען געשלעגן, קריגערייען און רייסערייען.

געווען ביי אונדז אַ ייד, וואָס מען פֿלעגט אים רופֿן גלאָצער (צוליב זיינע גרויסע גלאָציקע אויגן) — דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ כעסן און ווי ער פֿלעגט דערהערן זיין צונעמעניש, פֿלעגט ער אַריינפֿאַלן אין אַזאַ רציחה, אַז ער איז געווען קאַפּאַבל צו דערהרגענען אַ מענטש.

אָבער ער איז געווען רייך און דער עולם פֿלעגט אים שאַנעווען.

אַן אַנדער ייד אין שטעטל האָט מען גערופֿן „שעסטי־פּאַליעץ״ (ער האָט געהאַט זעקס פֿינגער אויף איין האַנט). דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ גבור. אין שטעטל איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז זיין כּוח נעמט זיך פֿון זיין זעקסטן איבעריקן פֿינגער, און דאָס יידל פֿלעגט ממש ממיתן מענטשן, וועלכע האָבן אים גערופֿן שעסטי־פּאַליעץ.

ער האָט אַמאָל מעכּב־הקריאה געווען און געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אים נישט רופֿן „שעסטי־פּאַליעץ״ און האָט מתרה געווען דעם עולם,

אז ער וועט צעקיילן אויף טויט יעדן איינעם, וואָס וועט אים רופן מיט דעם צונעמעניש.

דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די בייכער לאַכנדיק ווי אין א צירק.

די מעשה גופא איז הפנים געווען א וויץ, וואָס האָט כאַראַקטע־ריזירט דעם ייד, דעם גרויסן כעסן און קליינעם חכם.

געווען א סך ציניש צונעמענישן, אָבער מען האָט זיך צוגעוווינט צו זיי און דער פרומסטער ייד און די כשרסטע יידענע פלעגט זיי אַרויס־זאָגן נישט ווערנדיק רויט.

פון וויץ איז די יידישע שפּראַך געווען אזוי שפּילעוודיק, אזוי פאַרביק, אזוי רייך, און אזוי בילדלעך, אז איך פלעג זיך וווּנדערן, ווי קומט צו אזעלכע פשוטע מענטשן אזא חוש פאַר וואָרט־שפּיל פאַר קאַלאַמבור און פאַר צווייידייטיקייט.

די ווילדע יונגען באַזונדער האָבן געהאַט א קערנדיקע שפּראַך.

איך געדענק, ווען ווילדע יונגען פלעגן זיך צעקריגן און פלעגן זיך דורכוואַרפן מיט שאַרפע ווערטער:

— איך וועל דיר אַריינוואַרפן א בינטל פינגער אין פרעסער (פּנים) אַריין, אז דו וועסט דערזען דיין טאַטן פון יענער וועלט.

אָדער:

— דו שנעק איינער, קריך נישט אין לעבער אַריין, וואָרום איך נעם א טרונק בראָנפן און פאַרביים מיט דיר.

אָדער:

—הלבן ליכטל, איך גיב א בלאָז און עס בלייבט נאָך דיר א שלעכטער ריח.

אָדער:

— דו באַקומסט א מתנת־יד, אז דיינע קוקערס (אויגן) וועלן דיר אַרויסקריכן פון פּאַטילניצע.

אָדער:

— דו קריגסט א פּאָר אַריין אין פּרצוף, אז דו וועסט קלייבן דיינע ציין.

אָדער:

— פֿאַרמאַך דאָס שפּײַ־קעסטל (דאָס מױל), אַז נישט באַקומסטו מיט דער קני אין זיצער.

אָדער:

— רוק נישט דײַן שמעקער (נאָז) װוּ מען דאַרף נישט, װאָרום מען װעט דיך צעטרײַבערן.

פֿײַנערע ײדן האָבן זיך פֿײַנער אױסגעדריקט, אָבער אױך מיט דער זעלבער שנײַדיקײט און בילדלעכקײט.

פֿאַרביק און רײַך איז געװען די שפּראַך פֿון די פֿרױען.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿלעג איך מיט באַװוּנדערונג הערן װי מײַן מוטער רעדט ײדיש. זי פֿאַרמאָגט אַ תּהום פֿון װערטער און אַזעלכע קלאָרע, אַזעלכע פּשוטע, זי בױט אַ זאַץ אַזױ פּשוט און אַזױ חנעװדיק, פֿאָלקסטימלעך, אַז איך פֿלעג זי מקנא זײַן.

װעגן װײַבערישע קללות דאַרף מען פֿיל פֿאָרשן און זאַמלען, אַ תּהום אַ גאַנצער פֿון װערטער, פֿון אײנפֿאַלן, פֿון שמות־הנרדפֿים און פֿון לשון נופֿל על לשון קען מען צונױפֿזאַמלען.

די קונסט פֿון רעדן האָט געבליט אין אונדזער געגנט. אַלע האָבן זײער ליב געהאַט צו רעדן. די גרעסטע טײל פֿון לעבן איז אַװעק אין רעדן. צײַט איז געװען גענוג און אין דער גרױסער משפּחה, אין שטעטל, איז כּסדר געװען טעמעס צו רעדן.

דער דלות איז געװען מאױמדיק, אױפֿן האַרצן איז געװען כּסדר ביטער. דער מאָרגן האָט גאָרנישט צוגעזאָגט, דאָס איז געװען דלות אָן אַ האָפֿענונג, אָן כּוח און מוט צו קעמפֿן מיט אים.

אין שטוב האָט געדריקט און געשטיקט די גרױסע זאָרג, פֿלעגט מען זיך אַרױסכאַפּן אין בית־המדרש אַרײַן און דאָ פֿלעגט מען פֿאַרטרײַבן די זאָרג און דאָס שװערע געמיט אױף אַ װײַלע.

עס איז נאָך געװען די צײַט, װען מען איז געװען צוגעשמידט צום שטעטל, פֿאַר מרחקים האָט מען מורא געהאַט אימת־מות. מען פֿלעגט אָפּט פֿאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, װוּ דער דלות איז געװען אַזױ גרױס און אַזױ גרױ װי אין דעם אײגענעם שטעטל.

איך געדענק, װי דער ערשטער ײד איז אַװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע. דאָס שטעטל האָט אים באַגלײט װי אױפֿן עולם האמת.

און די מעשה, אז אין אמעריקע גייען מענטשן מיטן קאָפּ אראָפּ איז געווען איינע פון די אָנגענומענע אמתן, אין וועלכע קיינער האָט נישט געצווייפלט.

ווען עס איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון דעם געוואגטן רייזענדער קיין אמעריקע, האָט מען באקוקט און באטראכט דעם בריוו און מען האָט געמורמלט:

— יאָ, א בריוו, פּאפּיר, טינט און מיט א פעדער געשריבן...

דאָס האָט געהייסן — די איינגעוואָרצלטע אמתן וועגן אמעריקע האָבן זיך שטארק אַ טרייסל געטון.

יאָ, פריער פאר דעם דאָזיקן געוואגטן רייזענדער איז א ייד נעלם געוואָרן. ער האָט זיך געראטעוועט קיין אמעריקע.

געווען איז ער אונדזערער א שכן, ממש אַ שטוב נעבן א שטוב. איך בין נאָך דאן געווען א קינד, האָב איך געהערט ווי מען שושקעט זיך:

— ער איז נישט געוואָרן. אנטלאָפן קיין אמעריקע.

דער דאָזיקער ייד, ווי איך האָב פארשטאנען, האָט קיין אנדער ברירה נישט געהאט. ער האָט געמוזט ראטעווען זיך. ער איז נעמלעך געווען א פערד־הענדלער, ער האָט געהאנדלט ווען עס האָט זיך געלאזט. אָבער ער און זיין שותּף אין שכנישן שטעטל פלעגט אמאָל אויסלייזן א פערד־שטאל. דאָס איז עס געווען כולו ריוח.

אין א פינצטערער נאכט האָט מען אים אָנגעקלאפּט אין פענצטער און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אז זיין שותּף איז ארעסטירט, און באלד וועט מען קומען נאָך אים...

האָט ער נישט געווארט און איז טאקע באלד, אין מיטן נאכט, נעלם געוואָרן.

און אין א פּאָר חדשים ארום האָט ער געלאָזט וויסן זיין פרוי, אז ער איז געקומען בשלום קיין אמעריקע.

איך בין אביסל אונטערגעוואקסן, זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, און איך בין געוואָרן דער לייענער פון די בריוו, וואָס דער אנטלאָפענער ייד האָט געשריבן צו זיין פרוי.

זי פלעגט קיינעם נישט געטרויען די בריוו צו לייענען: זי פלעגט זאגן, אז איך לייען די בריוו בעסער פון אלעמען.

הפנים, אז איך בין געווען נאך דאן א גאר נאאיווער לייענער און זי האט עס פארשטאנען; זי האט זיך געהיט נעבעך ארייננצופאלן אין פרעמדע מיילער...

און אזוי האב איך אין מיין סאמע פריער יוגנט געהאט די גע־לעגנהייט צו באקענען זיך מיטן אמעריקאנער יידיש.

דאס ווארט „לעטער" האט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון פון מיין גאר פריסטער יוגנט.

באלד איז די פרוי פון דעם אנטלאפענעם ייד אויך נעלם געווארן. זי האט זיך שטיל, ווי ארויסגעגנבעט פון שטעטל.

***

יא, דאס פינצטערע לעבן האט הפנים זיך געמוזט וויצלען, געמוזט לצעווען. דאס איז געווען דער בליץ־אפלייטער פון די ביטערקייטן און שמערצן, וואס האבן געדריקט און געפייניקט.

אין מיין שטעטל זענען געווען א סך פאלן פון משוגעת.

דא איז א מיידל משוגע געווארן. זי איז געלאפן איבער די גאסן און געשריגן — גיט מיר נדן, מען רעדט מיר א שידוך מיט א שיינעם חתן.

אן אנדער מיידל פלעגט גיין שפאצירן מיט אן אימאזשינערן חתן...

א בחור, וואס דער טאטע האט אים געטריבן פון הויז, ער קען אים מער נישט געבן קיין עסן, פלעגט ארומגיין איבער די גאסן און ארייננשושקען אלעמען אין אויער אריין, אז זיין טאטע איז גארנישט זיין טאטע. זיין טאטע איז גאר אין מינסק.

יא, דער דלות האט גענומען קרבנות, א סך קרבנות אין מיין שטעטל.

און אין מיטן דעם חושך פון לעבן פלעגן שטיין יידן און וויצלען זיך, פראווען לצנות און לאכן.

פריילעך איז געווען בלויז ביי די חסידים. דארט פלעגט מען טרייבן

די עצבות, די מרה־שחורה מיט ליכטיקן גלויבן און מיט דעם גרויסן בטחון אין גאָט און אין דעם צדיק.

און איך, א מתנגדיש יינגל, פלעג זיך אָפּט, גאָר אָפּט ראטעווען אין איינעם פון די צוויי חסידים־שטיבלעך, איך פלעג זיך אָנזאפּן מיט פרייד און מיט גלויבן און די גרויע זאָרג ביי אונדז אין הויז האָט אויף מיר קיין שליטה נישט געהאט.

אזוי ארום איז הינטער דעם ווינצלען זיך און הינטער די לצנות געשטאַנען אַ ביטערע און פינצטערע ווירקלעכקייט, פון וועלכער מען האָט זיך געוואָלט ראטעווען.

XVII.

ישיבות

צו דרייצן יאָר בין איך שוין אַוועק פון דער היים אין א ישיבה. לאַנג האָב איך זיך אין קיין ישיבה נישט אויפגעהאַלטן. פאַרוואָס? — ווייס איך נישט. איך פלעג קומען אין א ישיבה, אַרויפוואַרפן זיך מיט ברען צום לערנען, פלעג אָבער באַלד ווערן אָפּגעקילט און פלעג צוריק־קומען אַהיים.

נאָר אין איין ישיבה בין איך געווען א לענגערע צייט. און דאָס לעבן אין דער דאָזיקער ישיבה מיט איר גאַנצן קאָשמאַר האָט זיך ווי א טיפער שניט אַריינגעשניטן אין מיין זכרון.

דאָס איז געווען די סלאָנימער ישיבה.

ביי הונדערט יונגע בחורימלעך פון דרייצן ביז זיבעצן יאָר האָבן דאָרט געלערנט, מייסטנס זענען עס געווען קינדער פון די אָרעמיקע שטעט.

און אָט שטייט פאַר מיר אויף לעבעדיק א שרעקלעך בילד: הונ־דערט בחורימלעך אָפּגעריסענע, פאַרברודיקטע און הונגעריקע שאָקלען זיך איבער די גמרות עפּעס ווי היץ־קראַנקע.

דער גרעסטער טייל האָט געהאַט הויט־קראַנקהייטן פון דעם מורא־דיקן שמוץ און פון דער דחקות, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. קרעץ האָבן געהאַט אפשר דריי טיילן פון די ישיבה־בחורים, בלאָטערן, גע־שווירן און וווּנדן האָבן זיך אייך געוואָרפן אין די אויגן.

די ישיבה האָט אויסגעזען ווי א שפּיטאָל פון הויט־קראַנקע.

און אין דעם דאָזיקן יאָמער־טאָל, ווו יונגע יידישע קינדער זענען ממש פיזיש צעפוילט געוואָרן, זענען געווען וווּנדערלעכע ריינע יידישע קינדישע נשמות: קינדער גרויסע מתמידים, קינדער מיט שאַרפע קעפּ־לעך.

אָבער וויסטע אויפזעער, אָדער משגיחים, האָבן זיי געהאַט.

איך געדענק דעם משגיח, „די מעשענע באָרד" פלעגן אים די ישיבה־בחורים רופן. דאָס איז געווען א ייד מיט קאַלטע, שלעכטע אויגן און מיט א געלער גרויסער באָרד. א געזונטער, א זאַטער ייד, זייער ריין געקליידט און זייער אָן אַפּגעהיטער.

ער איז געווען דער דיקטאַטאָר פון דער ישיבה.

א פּעאיקער, א דורכגעטריבענער ייד איז ער געווען: מיט זיינע קאַל־טע, גזלנישע אויגן פלעגט ער דורכנעמען יעדן ישיבה־בחור. ער האָט אַלע ישיבה־בחורים געקענט. יעדן מיט זיין קענען און וויסן, יעדן באַ־זונדער מיט אַלע קלענסטע פּרטים. עס איז געווען ממש אומגלויבלעך.

ער האָט געוווּסט יעדנס פּעאיקייטן. ער האָט געוווּסט ווי ווייט עס דערגרייכט די התמדה פון יעדן, ווי פרום יעדער דאַוונט, וויפל געלט יעדער באַקומט פון דער היים, וויפל העמדער יעדער האָט.

קיין נעמען האָבן די ישיבה־בחורים נישט געהאַט. מען פלעגט זיי רופן אויף דעם נאָמען פון דער שטאָט אָדער שטעטל, פון וועלכע זיי קומען. און אויב עס זענען געווען צוויי פון איין שטאָט, פלעגט קומען א סימן אויף יעדן באַזונדער. למשל: צוויי קלעצקער — האָט איינער געהייסן דער שוואַרצער קלעצקער און דער אַנדערער — דער געלער קלעצקער.

און דער משגיח האָט געקענט אַלעמען ביי די נעמען פון זייערע שטעט און זייערע סימנים.

ער האָט קיינמאָל קיין וואַרעם וואָרט נישט געהאַט פאַר קיין ישיבה־בחור. און פון א וואַרעמער באַציאונג איז אַפּגערעדט. ער פלעגט נאָכקוקן אַלעמען. נאָכקוקן איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט: ער פלעגט נאָכשפּירן יעדן: ער פלעגט אַריינקומען אין די חדרים שטיל און פלוצ־לינג, פלעגט כלומרשט אויף קיינעם נישט קוקן, נאָר זיינע בליקן האָבן עפּעס זיך געגנבעט, פון הינטן, פון א זייט פלעגן זיי באַטאַפּן יעדן.

איז ער אַליין כאָטש געווען אַ ייד אַ למדן, אַ ייד אַ פרומער און אַ זייער קלוגער, האָט ער אָבער געהאַט אַ זונדל, וואָס איז געווען אַזוי־צו־זאָגן, דער ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטער פון דער ישיבה; איז דער דאָזיקער זונדל געווען לחלוטין נישט ענלעך אויף זיין פאָטער. ער איז געווען אַ וויסטער עם־הארץ, אַ פאַרדאַרבענער נפש און אַ האַרטער מענטש.

אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט אַ בעל־עגלהש אויסזען, פלעגט ער באַהאַנדלען די ישיבה־בחורים ווי אַרעסטאַנטן. אַ מענטש מיט אַ טריפה מויל, פלעגט ער יעדן באַגיסן מיט ציניש און מיט גראָבע ווערטער.

דער טאַטע מיטן זון זענען געווען די באַלעבאַטים, די דיקטאַטאָרן פון דער ישיבה: די ראשי־ישיבות האָבן קיין דעה נישט געהאַט, כסדר לומדים, פאַרטון אין לערנען און דאַוונען, זענען זיי געווען ווייט פון דער פּראַקטישער וועלט. אַליין גרויסע אביונים, האָט זיי די דחקות אין דער ישיבה נישט איבערראַשט. אַליין שטילע, ערלעכע מענטשן, האָבן זיי אפילו נישט געקענט חושד זיין עמעצן אין אומערלעכער באַ־האַנדלונג פון די אָרימע ישיבה־בחורים.

איז די ישיבה געווען דאָס אָרט פון פּיין און ליידן פאַר הונדערטער יידישע קינדער יאָרן לאַנג.

און וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע יידישע קינדער זענען געווען אין דער דאָזיקער ישיבה.

געווען איינער, „דער האַראַקטער מתמיד” האָט ער געהייסן, פלעגט ער לערנען צוואַנציק שעה אין טאָג. ער פלעגט לערנען מיט אַ משוגענעם ברען און מיט ווילדער דבקות. ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען, איז מיך באַפאַלן אַ פחד. אָן אַ העמד אויפן לייב איז ער אַרומגעגאַנגען, די אויגן רויט, די הענט קרעציק, די האָר צעשוי־בערט און די ליפּן טרוקן, צעשפּאָלטן.

אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער שטאָט־משוגענער.

אַלע האָבן אים ליב געהאַט, אפילו דער האַרטער משגיח און דער אויסוווּרף זיין זונדל, אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו באַזאָרגן אים מיט אַ העמד אויפן לייב און צו היילן זיינע קרעץ און אויגן.

אַן עלנטער, אַ דערשלאָגענער, האָב איך זיך צוגעטוליעט צום האַ־

ראַדאַקער מתמיד, און ער פלעגט מיט גרויס הנאה דורכגיין מיט מיר א הארבע סוגיא, א פארפלאָנטערטן תוספות, אָבער ווען איך פלעג וועלן אים אריינציען אין א שמועס וועגן אנדערע ענינים, פלעגט ער פארמאכן די אויגן און צעשאָקלען זיך און זאָגן מיט אַ גמרא־ניגון:

— דאָס זענען שוין דברים בטלים, מ׳טאָר נישט, מ׳טאָר נישט...

געוועז א בחור׳ל א קליינס און א שווארצס, פון א קליין שטעטל, האָט ער געשמט פאר אן עילוי. א לעבעדיקער, א רירעוודיקער ווי קוועק־זילבער, ער איז קיינמאָל אויף אן אָרט נישט איינגעזעסן, ער פלעגט צולויפן צו דער גמרא, א קוק טון און אָנהויבן לויפן הין און צוריק א צעטראָגענער, און אזוי לויפנדיק, פלעגט ער איין ישיבה־בחור א צי טון פארן אויער, דעם אנדערן א שנעל טון אין נאָז, און דעם דריטן א קיצל טון אונטער דער פאכווע.

און אפילו בשעתן שיעור פלעגט ער אויך נישט זיצן רואיק. ער פלעגט אלעמען פארטשעפען. עס האָט אויסגעזען, אז ער הערט גאָר דער שיעור נישט, אָבער ווען דער ראש־ישיבה פלעגט אים נעמען אויפן פארהער אין סאמע מיטן פון א קונדסעריי, פלעגן אלע דערשטוינט ווערן: ער האָט אלץ געהערט און ווייסט געגוי, וואָס דער ראש־הישיבה האָט גערעדט.

אמאָל פלעגט אויף אים אָנפאלן עפעס א בייזקייט און ער פלעגט א פינצטערער, א בייזער זיך נעמען פארשיטן דעם ראש־הישיבה מיט קשיות. מיט אַ מאָדנער רשעות פלעגט ער זיך אָנשטרענגען צו כאפן דעם ראש־הישיבה ביי א טעות; ער פלעגט זיך באגיסן מיט שוויים פון אָנשטרענגונג, ער פלעגט זיך נישט באפרידיקן מיט קיין ענטפער, יעדן ענטפער פלעגט ער פארלויפן מיש קשיות. ער פלעגט אלעמען פארמאַ־טערן: סיי דעם ראש־הישיבה, סיי אלע ישיבה־בחורים, וואָס הערן דעם שיעור. עס פלעגט פאסירן, אז דער שיעור האָט זיך נישט א ריר געטון פון אָרט, מען איז געבליבן ביי איין שטיקל תוספות, ער האָט נישט געלאָזט גיין ווייטער. מיט א משונהדיקער עקשנות האָט ער זיך אוועק־געשטעלט און נישט געלאָזט זיך א ריר טון פון אָרט.

קאלטס און ווארעמס האָט געהאט דער ראש־הישיבה פון אים, ווען עס פלעגט קומען צו א חשבון. דאָ פלעגט דער עילוי אים שטעלן כסדר

אין א פארלעגנהייט, דערהויפּט אין לוח־חשבון, דאָ פלעגט ער אלעמען פארפּלאָנטערן, ער פלעגט אלעמען איבערראשן מיט זיין פלינקייט אין חשבון.

ערנסט האָט אים אָבער קיינער נישט גענומען: עפּעס איז געווען קאָמישעס און ווייניק צוזאָגנדיקס אין זיין אויסזען. ער האָט געהאַט א זייער קליינעם קאָפּ מיט זייער גרויסע אויערן. זיין אויסזען האָט עפּעס אויסגעלאכט זיינע גרויסע פעאיקייטן.

אלע האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס בטול צו אים, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אלע האָבן מודה געווען, אז ער פארמאָגט עפּעס עילוישעס.

עס איז מיר באשערט געווען צו באגעגענען אים שפּעטער גאָר אין אן אנדער וועלט; ער האָט געוויזן עילוישע שטיק און אלע האָבן געלאכט.

דאָס איז געווען אין 1906. איך האָב דאן שטודירט אין פּאריז. זענען מיר, א גאנצע כאָפּטע סטודענטן, ארייננעפאלן אין א ביליקן קאבארעט אין דעם לאטיינישן קווארטאל. הייזעריקע מיידלעך האָבן געזונגען, אויסגעגליטשטע אקטיאָרן האָבן געמאכט משונהדיקע שטיק און איינער מיטן נאָמען ראָבערטאָ אראגא האָט באוויזן מאטעמאטישע קונצן אויף א קאָמישן שטייגער.

אויף דער סצענע האָט זיך באוויזן א מענטש מיט א קליינעם קאָפּ און מיט זייער גרויסע אויערן, האָט ביי אלעמען גענומען וויפל יעדער איז אלט און אויפן אָרט געזאָגט דעם טאָג פון יעדנס געבורט. מען האָט אים דערלאנגט גרויסע שטיקער פּאפּיר באדעקט מיט ציפערן און ער האָט מיט איין בליק אלע ציפערן געחבורט.

און דערביי האָט ער געמאַכט קלאָאונישע שטיק.

איך האָב אים באלד דערקענט — דאָס איז געווען דער אמאָליקער עילוי פון סלאָנימער ישיבה.

***

פיל געראָטענע יידישע קינדער האָבן געפוילט אין דער דאָזיקער ישיבה, אָבער עס זענען אויך געווען זייער פיל אומפעאיקע און טעמפּע

קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפּלאָגט גאַנץ אומזיסט.

די ראשי־הישיבות זענען געווען מייסטנס אַלטע יידן, שטילע, דער־שלאָגענע זקנים.

נאָר איינעם געדענק איך אין די מיטעלע יאָרן. דאָס איז געווען ר׳ מרדכי. א שווארצער ייד מיט ברענענדיקע אויגן, פלעגט ער זאָגן דעם שיעור מיט א ברען און מיט א הארציקן ניגון. ער פלעגט צעווארעמען, צעפלאַקערן די ישיבה־בחורים, ער פלעגט זיך שטארק שאָקלען און פלעגט זינגענדיק אויסשרייען:

— קלעצקער, גוואלד קלעצקער, דיין קאָפּ איז נישט ביי דער סוגיא. קלעצקער, לעבעדיקער, לעבעדיקער.

און דער קלעצקער פלעגט אויפוואכן, פלעגט זיך אויך אָנהויבן שאָקלען און נאָכזאָגן ווידער.

— אָט אזוי, אָט אזוי, דו האָסט א גוט קעפּל, אָט אזוי...

און דערנאָך פלעגט ער כאַפּן א צווייטן, א דריטן ישיבה־בחור, ביז אלע פלעגן אריינגעצויגן ווערן און עס פלעגט זיך צעפלאַקערן דער עקסטאַז ביי אלעמען און ער פלעגט ענדיקן דעם שיעור מיט א שטראַלנ־דיק פנים.

דער דאָזיקער ראש־הישיבה האָט מיך זייער מקרב געווען: ער פלעגט מיך נעמען אָפט צו זיך אהיים און איך האָב דערזען ווי מיין ליבער רבי לעבט אין שרעקלעכער דחקות; אן אביון איז ער געווען, אין א פינצטער און איינגעזונקען שטיבל האָט ער געוווינט. דאָס שטיבל איז געווען פול מיט קינדערלעך און זיין פרוי האָט געאַרבעט שווער און ביטער, זי פלעגט באַקן ברויט צום פארקויפן.

אין שטיבל איז געווען כסדר היים און דער ריח פון הייסן קאָרע־נעם ברויט האָט געקיצלט אין האלדז.

— אָט גיב איך דיר עסן. ווארט א ווײַלינקע, אָט איז וואסער צום וואשן זיך. און אז ער פלעגט אָנהויבן עסן, פלעגט זי זיך זעצן ביים טיש און קוקן מיט שטראַלנדיקע אויגן ווי איר מאַן עסט.

ווען ער פלעגט אָנהויבן בענטשן מיט זיין זיסער שטים און מיט א ליבן ניגון, איז איר גדולה געווען אָן א ברעג.

און אזוי זענען געווען די קינדערלעך: שטיל און פיין זענען זיי געוואָרן, ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב.

אין דעם דלותדיקן לעבן איז געווען אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל שיינ־קייט און גוטסקייט, אַז איך פלעג אוועקגיין פון דעם רבינס הויז אָן אָנגעוואָרעמטער און אָן אָנגעזעטיקטער מיט ליכטיקן אָפּטימיזם.

איין זמן האָב איך געלערנט ביים האָראָדישצער.

דער אייגנטלעכער ראש הישיבה איז געווען ר' יידל, אַ קליינטשי־קער אַלטער ייד, ממש אַ הויפן ביינער איינגעוויקלט אין אַן אַלטער וואַטאָווער קאַפּאָטע. אַלט איז ער געווען אָבער זייער באַוועגלעך. כּסדר פּאַרטראָגן, בּסדר אומרואיק פלעגט דער אַלטיטשקער נישט שטיין אויף אַן אָרט, נאָר די שמונה עשרה פלעגט אים צושמידן אויף אַ קורצער צייט צו אַן אָרט. אָבער שטייענדיק אויף איין אָרט, פלעגט ער זיך וואַרפן, שליידערן פון אינעווייניקסטער אומרו.

דער דאָזיקער ראש הישיבה איז געווען אַן אייליקער אויך אין רעדן, די שטים פלעגט עפּעס אַ טויבע אָן קאָליר און אָן בויגונגען אַרויסגיין פון נאָז, די ווערטער עפּעס פאַרנאָזטע פלעגן אַרויסשפּרינגען איינע נאָך די אַנדערע צעטומלטע, אייליקע און צענויפגעמישטע. עס האָט מיר גע־נומען גענוג צייט, ביז איך האָב זיך צוגעוווינט צו זיין רעדן און אָנגע־הויבן צו פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט.

אַ שאַרפן קאָפּ האָט דער אַלטיטשקער געהאַט און זיין שיעור איז געווען אַ פּלפּולדיקער, אַ פּשטלדיקער. פלעגט זיך אים איינגעבן צונויפ־צופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, פלעגט זיין גוט אַלט געזיכט עפּעס יונג ווערן און די אַלטע, גרויע אויגן פלעגן פינקלען מיט פייער.

ער איז געווען גוטמוטיק ווי אַ קינד: מען האָט קיינמאָל פון אים קיין הויך וואָרט נישט געהערט, און ווען ער פלעגט אַמאָל אַרויסרופן אַ טעמפּן בחור און יענער פלעגט אָנשטעלן אַ פּאָר דערשראָקענע, טעמפּע אויגן און אָנהויבן פּלוידערן, פלעגט ער שמייכלען גוטמוטיק פון אָנהויב און דערנאָך פלעגט ער אָפּלאָזן דעם בחור און ווייטער זיך לאָזן שווימען אין אַ צעברויזטן פּלפּול.

ער פלעגט ווייניק רעדן מיט די ישיבה־בחורים, נאָר אַמאָל פלעגט ער זיך האַסטיק אָפּשטעלן נעבן אַ ישיבה־בחור און אַ פרעג טון:

— וויפל שיקט מען דיר געלט פון דער היים?
— צוויי רובל.
— וויפל גילדן איז עס?
— דרייצן גילדן מיט א צענערל.
— א סך געלט, א סך... און ער פלעגט אוועקגיין.

איבער זיין תמימות זענען ארומגעגאנגען וויצן: מען פלעגט דער־ציילן, אז דער משגיח פלעגט אים געבן זיינע שכירות אין קליין־געלט און דער אלטער פלעגט זיך כסדר וואונדערן אויף דער מאסע געלט, וואס ער באקומט.

ער האט זיך אמאל האסטיק אפגעשטעלט נעבן מיר און האט מיך פון דער העלער הויט א פרעג געטון:

— דו ביסט געקומען אהער מיט דער באן?
— יע, מיט דער באן.
— האסט גאר קיין מורא נישט געהאט?
— ניין, א סך מענטשן פארן מיט דער באן.
— גויים מסתמא, האט ער א זאג געטון און איז אוועק פון מיר אזוי האסטיק ווי ער איז צוגעקומען צו מיר.

מען האט דערציילט, אז זיין אלטיטשקע האט געוואלט בייטן די דירה, האט זי אים עס געזאגט, האט ער זיך דערשראקן:

— איך וועל נישט טרעפן אין ישיבה, איך וועל פארבלאנדזשען.

***

איך געדענק א בייזן ווינטער אין דער ישיבה: ביטערע קעלטן און בייזע פרעסט זענען געשטאנען. די נאקעטע, הונגעריקע ישיבה־בחורים זענען ארומגעגאנגען אין די חדרים פון דער ישיבה ווי שאטנס. בלויע, ציטערנדיקע פון קעלט און אויסגעפייניקטע פון הונגער און פון הויט־קראנקהייטן זענען זיי געווען.

אין מיטן ווינטער זענען עטלעכע ישיבה־בחורים קראנק געווארן אויף טיפוס. א פחד איז באפאלן די ישיבה און אירע פירער. דער שרעק פאר די קראנקע איז אפשר נישט געווען אזוי גרויס, מען האט זיך גע־

שראַקן דערהויפּט פאר דער רעגירונג: די רעגירונג האָט געהאַט אן אויג אויף דער ישיבה, אירע פאָרשטייער, די אינספּעקטאָרן פון די שולן, האָבן כסדר געקוקט מיט גרויסן חשד אויף די שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען אין דער ישיבה, און די פיל קראַנקע אין דער ישיבה האָבן געקענט פירן צו דעם, אַז מען זאָל די ישיבה פאַרמאַכן.

האָט מען זיך באַהאַלטן: שטיל בסודי סודות פלעגט מען צונעמען די קראַנקע און אויף יעדן בלייכן ישיבה־בחור האָט מען געקוקט מיט שרעק. דער משגיח און אפילו זיין זונדל זענען געוואָרן אזוי ווייך, אזוי ליב און אזוי צערטלעך צו די ישיבה־בחורים, אַז דאָס האָט נאָך דעם שרעק געמאַכט גרעסער און געדיכטער.

און איין ישיבה־בחור נאָכן אַנדערן זענען קראַנק געוואָרן. און פּלוצ־לינג האָט זיך צעטראָגן די שרעקלעכע ידיעה, אז דער האָראָדאָקער מתמיד איז קראַנק געוואָרן. די אימה איז געוואָרן דריקנדיקער, מען האָט אויפגעהערט לערנען מיט ברען, יעדער ישיבה בחור פלעגט זיך טוליען מיט שרעק צו דעם ווארעמען אויוון. און שטיל, שטיל איז געוואָרן אין דער ישיבה ווי אויף אַ בית עלמין.

דער משגיח איז ארומגעלאָפן א צעטראָגענער איבער אַלע חדרים און פלעגט מיט בייזן און מיט גוטן בעטן, מען זאָל לערנען, מען זאָל דאַווענען און מען זאָל נישט ארומגיין ווי מתים.

אין א קאַלטן בייזן טאָג האָט מען פון אויער צו אויער איבערגעגעבן, אַז דער האָראָדאָקער מתמיד איז געשטאָרבן.

אַן אימה האָט ארומגעכאַפּט די ישיבה, אָבער מען האָט זיך גע־שטיקט, מען האָט די טרערן איינגעהאַלטן און דאָס האָט נאָך מער געפּייניקט און די שטימונג געמאַכט נאָך פינצטערער.

און אויף מאָרגן, ווען דער ראש־הישיבה ר׳ יודל האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם שיעור, האָט ער זיך אינמיטן צעוויינט און נאָך אים אַלע ישיבה־בחורים. דער משגיח איז אריינגעלאָפן א בלייכער, א צעטומלטער, ער האָט זיך געטרייסלט פון שרעק און אויפרעגונג און געשריען: שטיל זאָל זיין, איר ווילט אונדז אומגליקלעך מאַכן?!

דאָס געוויין איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און דער משגיח איז אַרויסגעלאָפן א צעטומלטער.

נאָכן שיעור האָט מען אָנגעהויבן רופן די ישיבה־בחורים צום משגיח. דאָרט האָט מען יעדן פארגעלייגט צו פאָרן אהיים, מען האָט צוגעזאָגט געבן אויף הוצאות.

איך בין אויך ארייננגערופן געוואָרן צום משגיח.

— דו ביסט זייער בלייך, לעבעוויטשער, האָט דער משגיח אָנגעהויבן, אפשר ווילסטו פאָרן אויף א פאָר חדשים אהיים. עס איז א שלעכטער ווינטער, קענסט נאָך חלילה, קראַנק ווערן.

איך בין געוועזן געזונט און האָב זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אהיים.

א גאַנצן ווינטער האָב איך זיך געהאַלטן אויף די פיס: איך האָב זיך געשטאַרקט, פיל מאָל זענען מיינע פיס געוועזן ווי געבונדן, פיל מאָל איז מיין קאָפּ אראָפּגעלאָזט געוואָרן אויף דער גמרא און אין די אויגן איז מיר פינצטער געוואָרן.

אָבער איך פלעג זיך שטאַרקן און פאר קיינעם נישט געקלאָגט.

סוף ווינטער בין איך קראַנק געוואָרן: אין דערפרי האָב איך נישט געקענט אויפשטיין פון מיין געלעגער. עס איז געוואָרן א טומל ארום מיר, אַלע ישיבה־בחורים האָבן מיך ארומגערינגלט. באַלד איז געקומען דער משגיח, ער האָט א טאָפּ געטון מיין שטערן, האָט געהייסן די ישיבה־בחורים זיך פונאַנדערגיין, און אז ער איז געבליבן מיט מיר אליין, האָט ער מיר געזאָגט אי שטרענג אי בעטנדיק: פאָר אהיים, היינט נאָך פאָר אהיים.

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ — מסכים.

און אין א פאָר שעה ארום בין איך שוין געוועזן אויפן וואקזאַל: לעבן מיר איז געשטאַנען דעם משגיחס זונדל, אזא גוטער, אזא האַרציקער.

ער האָט מיך ארייננגעזעצט אין באַן. ער האָט פאַר מיר געמאַכט אן אָרט:

— יידן, עס איז א קראַנקער ישיבה־בחור, האָט ער געזאָגט שטיל צו די יידן, א מופלג, א שאַרפער קאָפּ, נעבעך, קראַנק געוואָרן, לערנענדיק מיט גרויס התמדה, פאָרט ער אהיים, גיט אַכטונג אויף אים.

יידן האָבן מיר באַלד אויסגעבעט אויף א גאַנצער באַנק. א פרוי

האָט מיר צוגעטראָגן אײַנגעמאַכץ, אַן אַנדער ייִד האָט מיר געגעבן אַ פּאָמעראַנץ און אַן אַנדער ייִד האָט מיר צוגעטראָגן אַביסל װײַן.

איבער גאַנצן באַן האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז אַ ישיבה־בחור אַ קראַנקער פֿאָרט אין דער באַן און פֿון אַלע װאַגאָנען זענען געקומען ייִדן מיך מבקר־חולה זײַן און געגעבן עצות. עס האָט זיך אָפּגעזוכט אין באַן אַ ייִד פֿון מײַן שטעטל, װאָס קען מיך און מײַנע עלטערן און ער האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען מיך אַהיים.

אין זעקס שעה אַרום בין איך געװען אין דער היים.

אַהיים בין איך געקומען מיט אַ הױכער טעמפּעראַטור: איך געדענק נאָך דעם געשרײ פֿון מײַן מוטער, װען מען האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין שטוב. װײַטער געדענק איך גאָרנישט. ערשט אין צװײ װאָכן אַרום האָב איך געעפֿנט די אױגן און דערזען אַרום זיך מײַן מוטער, יענקל דעם רופֿא, מײַנע ברידער און שװעסטער.

צװײ חדשים בין איך געװען קראַנק. און אַז איך בין געזונט געװאָרן, איז געבליבן, אַז איך פֿאָר מער נישט אין קײן ישיבה.

XVIII.

מחברים

פון צייט צו צייט פלעגן זיך אראפּלאָזן אין אונדזער שטעטל מחברים.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן פלעגט אַ פנים־חדשות זיך שאָקלען אין דער פרי ביים דאַווענען אין בית־המדרש.

און ווען עס פלעגט נישט זיין קיין צעטל אָנגעקלעפּט אויף דער טיר פון בית־המדרש, אַז דער באַרימטער מגיד דער און דער וועט דרשנען אין אָוונט, פלעגט מען שוין וויסן, אַז אַ מחבר האָט זיך אראָפּ־געלאָזט אין שטעטל.

צום גרעסטן טייל פלעגט דער מחבר אויך האַלטן אַ דרשה.

בייטאָג פלעגט מען שוין זען ווי אַ באַלעבאָס גייט מיטן מחבר איבערן שטעטל, באַזוכט די הייזער פון שיינע באַלעבאַטים און לומדים.

אַזוי פלעגט עס דויערן אַ פּאָר טעג, און דער מחבר פלעגט נעלם ווערן.

איך פלעג זיך אָנשטויסן אין באַלעבאַטישע הייזער אויף אַן ארים, ניי ספרל, געדרוקט אויף שלעכטן פּאַפּיר מיט רש״י אותיות און אין אַ פּאַרביק, אָבער זייער אָרים שער־בלאַט.

זעלטן ווען מען פלעגט אויפשניידן אַזאַ ספר און אריינקוקן אין אים.

יידן האָבן געלערנט זייערע אַלטע ספרים דאָס גאַנצע לעבן. נייע

ספרים האָבן אין זיי נישט דערוועקט נישט קיין נײַגעריקײט און נישט קיין איבעריקן צוטרוי.

אַמאָל פֿלעגט אַ גרויסער גאון אַרויסלאָזן אַ ספר, פֿלעגט ער אויך נישט מאַכן גאָר קיין גרויסן רושם אויפֿן פֿאָלק. בלויז געציילטע פּראָפֿעסיאָנעלע לומדים האָבן אים געבלעטערט.

איך האָב זעלטן געזען, אַז נײַע ספרים זאָלן געלייענט ווערן אָדער געלערנט ווערן, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער מחבר פֿון אָט דעם ספר איז אַ גרויסער גאון.

לערנער, וואָס פֿלעגן שטיין אין שידוכים, פֿלעגן בגנבֿה אַרײַנקוקן אין אַזעלכע ספרים, און בײַ אַ „זעעניש״ מיט אַ כּלה, דאָס הייסט, מיטן פֿאָטער פֿון דער כּלה און מיט לומדים, וואָס פֿלעגן אים פֿאַרבײַגײַיענדיק נעמען אויפֿן פֿאַרהער, פֿלעגט ער באַווײַזן לומדות, גענומען פֿון אַ נײַעם ספר, וואָס איז געלעגן אין בית־המדרש נישט קיין אויפֿגעשניטענער.

אונדזער שטעטל האָט נישט געהאַט קיין פֿיל מחברים, דאָס הייסט מחברים וואָס האָבן געדרוקט זייערע ספרים. געשריבן ספרים האָט יעדער למדן, אָבער דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אַנגענומענע זאַך.

יעדער רבֿ פֿלעגט שרײַבן אַ ספר, אָבער אים זעלטן לאָזן דרוקן.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פֿופֿצן, האָב איך שוין געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ קענער פֿון העבֿרעאיש אין שטעטל.

קומט אַמאָל דער שמש פֿון בית־המדרש אין אונדזער הויז און זאָגט קאַלט, געשעפֿטלעך — דער רבֿ וויל דיך זען.

בין איך אַריבער צום רבֿ, אַ ייִד אַ חלוש, וואָס איז זײַן גאַנץ לעבן אַרומגעגאַנגען אין שטעק־שיך. ער האָט קיין אַנדערע שיך נישט געטראָגן, און אין ווײַסע אונטערוועש אונטער דער קאַפּאָטע.

און אָט וואָס דער רבֿ האָט געוואָלט פֿון מיר:

— איך האָב געהערט, אַז דו קענסט גוט מקרא־לשון, וואָלט איך דיך געבעטן איבערקוקן מײַן ספר און זען, אַז דער לשון זאָל זײַן שיין און גוט.

איך האָב פֿאַרשטייט זיך מסכּים געווען, און אויף מאָרגן צו אַ באַשטימטער צײַט בין איך געווען בײַם רבֿ און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

און דאָ בין איך ממש געפּלעפט געוואָרן — איטלעכס וואָרט האָט געהאַט זיבן גרייזן, נישטאָ קיין זאַץ. פון פּאַראַגראַפן איז אָפּגערעדט. עפּעס ווי עמיצער וואָלט גענומען אַ זאַק מיט יידישע אותיות און אויסגעשאָטן אויפן פּאַפּיר.

איך פלעג קוים דורקריכן אַ בלעטל. איך האָב געזען פאַר זיך חריפות און בקיאות, אָבער מען קען גאָרנישט דרוקן דעם ספר אין אַזאַ צושטאַנד, און פאַר מיר איז דאָ געווען צופיל אַרבעט.

איך האָב עס געזאָגט דעם רב אויף אַן איידעלן אופן. איך האָב אים געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם גאַנצן ספר איבערשרייבן אויף דאָס ניי.

— איז דאָס אַ גרויסע טירחא? — פרעגט דער רב מיט גרויסער תמימות.

— אַ גאַנץ היבשע, ענטפער איך.

— אַ שאָד, אַ שאָד, זאָגט דער רב. איך וויל דיך נישט צופיל מטריח זיין. דו דאַרפסט אַליין לערנען. יע, איך האָב כסדר עגמת נפש מיטן שרייבן. אפילו אַ בריוו, אַ פּשוטן בריוו איז מיר שווער אָנצושרייבן.

און מיר האָבן זיך צעשיידטביידע אַנטוישטע.

⁂

אַ יאָר צייט האָב איך געלעבט אין אַ שכנהשן שטעטל, אין קלעצק. אין איין הויז מיט אַ ליידנשאַפטלעכן מחבר.

דער מחבר איז געווען מיינער אַ פעטער, און געהייסן האָט ער משה זלמן זאַטורענסקי.

ער איז געווען 24 שעה אין מעת־לעת אַ מחבר.

וועגן פּרנסה האָט געזאָרגט זיין פרוי; זי האָט געהאַט אַן אָרים קרעמל און געצויגן פּרנסה פאַר דער פאַמיליע.

מיין פעטער איז געווען אַ שווייגער, כסדר פאַרטראַכט און פאַרנומען מיט שרייבן ספרים, פּירושים אויף פּרקי אבות, אויף פּרק־שירה און סתם לומדישע חידושים.

אַ שווייגער איז מיין פעטער געווען, ווייל זיין חיתוך־הדיבור איז ביי אים געווען נישט אין אָרדענונג. אָבער די הויפּט־סיבה פון זיין

שווייגן און ארומגיין כסדר אַ פאַרחושכטער איז געווען, וואָס דער קאָפּ איז ביי אים געווען פאַרנומען מיט פירושים און חידושים.

איך האָב אים זעלטן געזען לערנענדיק. איך האָב געזען גאָר ווייניק ספרים אין הויז ביי אים.

איז עס מיר געווען אַ חידוש.

און איך האָב אים אַמאָל געפרעגט — ווי שרייבט ער פירושים און חידושים אָן ספרים?

האָט ער אַ שמייכל געטון מאָדנע און האָט מיטן פינגער באַוויזן אויפן שטערן. — ער האָט אַלץ אין קאָפּ.

שפּעטער האָב איך זיך באַקאַנט מיט עטלעכע געדרוקטע ספרים זיינע און איך האָב דערזען פאַר זיך ממש אַ פענאָמען — ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט, געהאַט טאַקע אין קאָפּ אויסגעלייגט, אויסגע־סאָרטירט אין דער גרעסטער און בעסטער אָרדענונג. און ווען ער פלעגט דאַרפן האָבן עפּעס, פלעגט ער ווי אַ גענייטער קרעמער, וואָס ווייסט וווּ יעדער קלייניקייט ליגט, נעמען דאָס וואָס ער האָט נויטיק.

שרייבן איז ביי אים געווען אַ מין שיכרות. ער פלעגט קענען שטיין און שרייבן אַכט שעה און צען שעה נאָכאַנאַנד.

ער פלעגט קיינמאָל נישט שרייבן זיצנדיק, נאָר שטייענדיק. איין פוס איז געווען אונטערגעבויגן און דער אַנדערער אויסגעצויגן און אין אַזאַ ווילדער פּאָזע פלעגט ער שטיין און שרייבן שנעל, שנעל, ווייסע בלעטער פּאַפּיר פלעגן באַדעקט ווערן מיט קליינינקע און צעהויקערטע אותיותלעך.

אין אַ טאָג פלעגט אָנוואַקסן אַ באַרג מיט פאַרשריבענע בלעטער פּאַפּיר.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן פלעגט ער איינוויקלען אַ בערגל פּאַפּיר אין צוקער־פּאַפּיר, ארומגעבינדן דאָס פּעקל מיט שטריקלעך און נעלם ווערן אויף אַ צייט.

ער איז געפאָרן קיין ווילנע דרוקן אַ ספר.

ווי אַזוי די גוטע און פרומע ווילנער זעצער פלעגן זיך פונאַנדער־קלייבן אין אַזעלכע מאַנוסקריפּטן איז פאַר מיר עד היום אַ רעטעניש.

הפּנים אַז די אַמאָליקע זעצער זענען געווען גאָר אַנדערע. זיי זענען

געוועזן קינסטלער אין דעשיפרירן די סאמע נישט לעזבארע כתב־ידים. זיי זענען הפנים אליין אויך געוועזן לומדים.

ער פלעגט קומען צוריק און פלעגט זיך ווידער אוועקשטעלן ביי זיין טישל און שרייבן.

אין א צייט ארום פלעגן אָנקומען גרויסע פּעק מיט ספרים.

מיין פעטער פלעגט איינפּאקן צוויי זעקלעך מיט ספרים און זיך אוועקלאָזן איבער דער מדינה צו פארקויפן זיי.

אין שטוב פלעגט באלד ווערן ליכטיקער און פרייל עכער. די מיידלעך האָט מען געניייט נייע קליידלעך, פאַר די יינגלעך נייע גארני־טורלעך און סתם איז דער דלות געלינדערט געוואָרן.

דער פעטער מיינער פלעגט שיקן געלט פון וועג. נישט קיין גרויס־געלט, אָבער אין דער אָרימקייט איז עס געוועזן ממש א רעגן פון גאָל־דענע רענדלעך.

מיין פארהאָרעוועטע און פארפינצטערטע מומע פלעגט אויפשיינען. זי איז אמאָל געוועזן א שיינע. סמנים פון שיינקייט זענען געוועזן בא־האלטן דאָ און דאָרט, און ווען עס איז געוועזן די מעגלעכקייט צו עסן צו זאט און צו אָנטון א ניי קליידל, איז זי געוואָרן ווידער יונג און שיין.

אין א צייט אָרום פלעגט מיין פעטער קומען צוריק, און איז געוועזן דער אָנגעלייגטסטער און ליבסטער גאסט.

ער אליין פלעגט ווערן חשובער ביי זיך, ער פלעגט שמייכלען און אָפט אפילו ארויסקוועטשן פון זיך א הלצהלע, א מעשהלע, וואָס ער האָט געהערט פאָרנדיק איבער דער מדינה.

אין א פּאָר טעג ארום פלעגט ער ווידער שטיין ביים טישל זיינעם און שרייבן, און שרייבן, גאנצע טעג און גאנצע נעכט פלעגט ער שרייבן.

דערנאָך פלעגט ער ווידער אָנפּאקן א פּאָר זעקלעך מיט ספרים און ווידער אוועק, ביז עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די ספרים.

און ווידער פלעגט וואקסן און וואקסן דאָס בערגל פארשריבענע פּאפּיר, באדעקט מיט קליינע און צעהויקערטע אותיותלעך, און ווידער פלעגט ער זיך אוועקלאָזן קיין ווילנע און ווידער איבער דער וועלט מיט זיין ספר.

און אזוי האָט ער אָפּגעלעבט זיין לעבן.

ער איז אָן ספק געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן. היינט וואָלט אזא מענטש געפאָדערט דאָס טעלערל פון הימל. די וועלט וואָלט אים כסדר געווען אַ גרויסער בעל־חוב. זי וואָלט זיך קיינמאָל נישט גע־קענט אויסצאָלן.

אמאָל האָט אזא מענטש געלעבט אין אַ קליין שטעטל. געלעבט אין דחקות, געשריבן ספרים און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט.

די גאַנצע משפחה מיין פעטערס האָט בּיסלעכווייז עמיגרירט קיין אַמעריקע, און איין אייניקל האָט אפּנים עפּעס געירשנט פון זיין זיידן, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געזען. דאָס אייניקל איז אַ נערוון־ספּע־ציאַליסט מיט אַ גרויסער ערודיציע.

ער וועט זיין אַ פּראָפעסאָר און וועט אויך שרייבן ספרים, אָבער גאָר אַנדערע.

ער איז אזוי שטיל און אזוי באַגאַבט ווי זיין זיידע.

***

אין דעמזעלביקן שטעטל קלעצק האָב איך געקענט דעם איינציקן שרייבער בן ציון אייזנשטאַט. ער האָט געלעבט שפּעטער אין אַמעריקע, געשריבן פּאָפּולערע ביאָגראַפישע לעקסיקאָנס. ער איז געווען דער ער־שטער, וואָס האָט מיך רעקאָמענדירט צום „המליץ", ווו איך האָב אָפּגעדרוקט מיין ערשטע העברעאישע קאָרעספּאָנדענץ.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער ביבליאָגראַף און פאָרשער א. ר. מלאכי מיר איבערגעגעבן, אַז בלעטערנדיק אַלטע יאָר־גענג פון „המליץ", האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף מיין ערשטער יינגלישער קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ".

***

און אויף נאָך אַ מחבר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין מיין יוגנט.

אין מיין שטעטל האָט געלעבט אַ נישט־קאָנטיקער ייד, אַ ייד עפּעס אַ זייטיקער, איר האָט אים זעלטן ערגעץ באַמערקט, איך געדענק אפילו נישט, צי מען האָט אים אַמאָל אויפגערופן צו דער תורה.

ער האָט געהאַנדלט מיט שטרוי. פלעגט אויפקויפן שטרוי ביי פויערים נאָכן דרעשען.

ער האָט געהערט צו די מענטשן נעלמים, קיינער ווייסט נישט פון זיי און זיי וויסן נישט און ווילן נישט וויסן פון קיינעם.

זיי זענען עפּעס ברוגז מיט דער וועלט און ווילן זיך נישט מישן אין אירע געשעפטן.

דער דאָזיקער ייד האָט אָנגעשריבן אַ מאַטעמאַטיש ספר.

אין דער פרעמד, דוכט זיך, אין פּינסק, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם דאָזיקן ייד און פון זיין ספר. דוכט זיך, אַ מוכר־ספרימניק האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט אויף אים.

ווען איך בין געקומען אַמאָל צו־גאַסט אין מיין שטעטל, האָב איך געהאַט שוועריקייטן אויפצוזוכן דעם דאָזיקן ייד.

און אין מיין שטעטל האָט מען געוווּסט גענוי אין וויפלטן חודש עס איז איטלעכעם מעוברתדיק ווייבל. אָבער ווער איז דער דאָזיקער ייד און צי האָט עמיצער געזען זיין ספר, האָט קיינער נישט געוווּסט צו זאָגן עפּעס.

אָבער איך האָב געפונען דעם דאָזיקן מחבר.

פאַר מיר איז געזעסן אַ קליינשטעטלדיקער ייד, אַ ייד, וואָס האָט עפּעס מורא פאַר מענטשן, אַ ייד וואָס טראָגט עפּעס אַ פּערזענלעכע שנאה צו דער וועלט און צו מענטשן.

און אָרים איז ער געווען, גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

און דורכברעכן דעם פאַנצער פון זיין פרעמדקייט און איינזאַמקייט און מאַכן דעם מענטש רעדן איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע.

— איך וואָלט וועלן זען אייער ספר, — האָב איך ענדלעך פּרו־בירט צו שלאָגן אויף זיין שרייבערישער אמביציע.

און כך־הוה, עס האָט געווירקט.

ער איז אויפגעלעבט געוואָרן. געוואָרן ממש אַן אַנדערער, ער האָט געשווינד אַ זוך געטון און מיר צוגעטראָגן זיין ספר.

איך האָב אַ בלעטער געטון און דערזען פאַר זיך אַן עלעמענטאַר מאַטעמאַטיש ספר, געשריבן אומבאַהאָלפן אויף העברעאיש.

אָבער ווי קומט אַזאַ ייד צו מאַטעמאַטיק?

און ביסלעכווייז איז דער שניי ארום דעם ייד צעגאנגען, ער האט באקומען לשון און איך בין אוועק פון אים מיט א פולער ביאגראפיע זיינער און מיט א בילד פון א טשיקאוון ייד, וואס איז זיבעציק יאר נישט ארוים מפתח ביתו. ער איז געבוירן אין שטעטל, אפגעלעבט זיין לעבן אין שטעטל און געשטארבן דארט.

און קיינער האט נישט געוווסט, אז דער ייד זיצט אין די נעכט און חשבונט און חשבונט סתם אין דער וועלט אריין. ער האט פאר זיין זייטיקער און ארימער עקזיסטענץ נישט נויטיק געהאט קיין חשבון.

ער האט אבער ליב געהאט צו חשבונען. פלעגט ער קריגן א שטיקל פארשריבן פאפיר, פלעגט ער עס באדעקן מיט ציפערן.

— איך האב הנאה צו חשבונען, פון קינדווייז אן חשבון איך, — האט ער מיר געזאגט פשוט. ער האט קיינמאל נישט געלערנט ביי קיינעם חשבונען. יא, געווען דא א לערער, פלעגט ער קומען צו מיר מיט „זאדאטשעס״ (אריטמעטישע איבונגען), פלעג איך זיי מאכן פאר אים איינס־און־צוויי.

צו שרייבן דאס ביכל האט מיך דער דאזיקער לערער צוגערעדט. איך האב עד היום חרטה אויף דעם. מיין איידעם האט עס געוויזן א גרויסן בעל־חשבון אין א גרויסער שטאט, האט יענער געשמייכלט. ער האט געזאגט — ווען איך וואלט זיך געלערנט, וואלט איך געווען אן אמתער בעל־חשבון.

— מיין ספרל ליגט פארפאקט ווי עס איז אמאל אנגעקומען פון ווילנע. די ערשטע צייט זענען עטלעכע מענטשן געווען טשיקאווע צו א קוק טון אויף אים, אבער באלד האט מען אינגאנצן פארגעסן מיין ספרל.

— חשבונט איר אויך איצט?

— אוודאי חשבון איך. איך שפיל זיך מיט „זאדאטשעס״ פון רוסישע ביכלעך. מיינס אן איינינקל העלפט מיר ארוים אין דער רוסישער עברי, טשיקאווע „זאדאטשעס״, אבער איך מאך זיי לייכט. איך האב פרובירט אלגעברע, עס איז לייכט. איך האב עס אין א וואך צייט איינגעבימן. יא, אבער צו וואס דארף מען עס? איך האב געהערט, אז עס זענען דא פראפעסארן פון מאטעמאטיק, וואס אזוינס לערנען זיי?

איך האָב געזען פאַר זיך אַ קרבן פון דעם יידישן קליינעם שטעטל, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיקער תמעוואַטער ייד וואָלט זיכער געווען אַ מאַטעמאַטיקער. דאָ אין שטעטל, איז ער אפילו קיין געשולטער בעל־חשבון נישט געווען.

צום גליק האָט דער קרבן נישט געוווסט, אַז ער איז אַ קרבן, אַז ער איז געקריוודעט פון לעבן, אַז די נויטיקע געלעגנהייט צו לערנען איז אים פאַרבייגעגאַנגען.

***

מיין יינגלישע קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" האָט אויפגערודערט שטיל, בסודי־סודות אַ היפּש ביסל גראַפאָמאַנען, פון וועלכע איך האָב נישט געוווסט און קיין בן־אדם האָט פון זיי נישט געוווסט.

עס האָבן מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און אין בית המדרש יונגע לייטלעך, איידעמס אויף קעסט און פיינע לערנערס און מיך געבעטן גיין מיט זיי צו זיי אַהיים, אָדער שפּאַצירן הינטערן שטעטל און אַלע האָבן מיר געשטעלט כמעט דיזעלבע פראַגע:

— וואָס אַזוינס האָב איך געטון, אַז דער „המליץ" זאָל דרוקן מיין קאָרעספּאָנדענץ? האָב איך באַצאָלט דער רעדאַקציע דערפאַר, איז דער רעדאַקטאָר מיינער אַ קרוב? איז איינער פון די שרייבער אין דער רעדאַקציע מיינער אַ שוועסטער־קינד? א. א. וו.

און מיינע פאַרזיכערונגען און שבועות אפילו, אַז איך האָב נישט געצאָלט, אַז דער רעדאַקטאָר איז נישט מיינער אַ קרוב און איך האָב נישט קיין שוועסטער־קינדער אין דער רעדאַקציע פון „המליץ", זענען געווען אומזיסט. זיי האָבן עס נישט געגלייבט.

פאַר מיר איז געווען ראשית אַ חידוש וואָס אַזוי פיל יידן לייענען דעם „המליץ". אין קלעצק איז דער „המליץ" געווען ממש אַ יקר־המציאות. אפשר צוויי־דריי יידן האָבן אים אויסגעשריבן, און אין מיין שטעטל זענען אויך אָנגעקומען עטלעכע עקזעמפּליאַרן. אָבער אפנים איין עקזעמפּליאַר פון „המליץ" האָבן געלייענט בשתיקה און אָפּן אַ האַלב שטעטל.

אָבער דער גרעסטער חידוש איז מיר געווען, וואָס גאָר אַ סך יונגע מענטשן האָבן געשריבן און געשיקט זייערע שאַפונגען אין „המליץ״.

די אַלע יונגע לייט און איידעמס אויף קעסט האָבן פאַר מיר, אַ יינגל, געלייענט זייערע קאָרעספּאָנדענצן און סתם מאמרים.

דער גרעסטער טייל איז געווען פּשוטע לשון־הרע און רכילות. איינער האָט געהאַט אַ הארץ אויפן גבאי, אויפן רב, אויפן חזן, פלעגט ער שיקן בריוו אין „המליץ״. אין רעדאַקציע האָט מען אפּנים גוט געוווסט, אַז דאָס איז פּוסטע לשון־הרע און רכילות און זיי פלעגן עס וואַרפן אין קאָרב אַריין.

אָבער מיט אַן אמתן קראַנקן גראַפאָמאַן האָב איך זיך באַקענט אין מיין שטעטל, אין מיין שטעטל פאַרשטייט זיך, האָט מען אויך געוווסט, אַז איך האָב עפּעס געדרוקט אין „המליץ״.

מיין אַלטער פריינט משה מרדכי דער מלמד, דורך וועלכן איך האָב זיך דערוווסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי צייטונגען, האָט מיר געגעבן שלום עליכם און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:

— איך האָב דערוואַרט עפּעס מער פון דיר.

שייע דער חסיד האָט מיר אָפּגעגעבן אַ וואַרעמען און אַ האַרציקן שלום עליכם און שמייכלענדיק געזאָגט:

— עפּעס האָב איך געהערט, אַז דו שרייבסט אין די בלעטער, צו וואָס דאַרפסטו עס?

אָבער שרעק און צרות האָב איך געהאַט פון אַ בחור, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט גוטע זעקס־זיבן יאָר. אין דעם עלטער פון פופצן יאָר געהערט איינער, וואָס איז עלטער מיט זיבן יאָר שוין צו אַ קלאַס פון עלטערע, וואָס חברן זיך נישט מיט יינגלעך פון פופצן.

ער איז אַריינגעלאָפן צו אונדז אין הויז מיט פייערדיקע אויגן, אַ צערודערטער און עפּעס אַ סאַפּענדיקער און האָט שנעל געזאָגט:

— איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן, אָבער נישט דאָ. לאָמיר גיין שפּאַצירן, לאָמיר גיין אין וועלדל.

ווען מיר זענען געווען אויסערן שטעטל, האָט זיך אָנגעהויבן די זעלביקע פּרעגעניש — ווי אַזוי האָב איך זיך דערשלאָגן צו דעם, אַז מען זאָל מיך דרוקן אין „המליץ״.

און ווען איך האָב אים געזאָגט, אז איך האָב גאָרנישט געטון, אז איך האָב בלויז אָנגעשריבן און אַוועקגעשיקט, האָט ער זיך צעשריגן ווי א באַנומענער:

— עס איז א ליגן, עס איז א ליגן. איך שיק שוין זיבן יאָר אין „המליץ" מיינע ווערק, און מען דרוקט זיי נישט. און איך בין אַ שרייבער, א גרויסער שרייבער, אפשר דער גרעסטער שרייבער ביי יידן.

איך האָב זיך דערשראָקן, אָבער איך האָב אים פארזיכערט, אז איך האָב קיין זאך נישט געטון. ער האָט זיך בארואיקט אביסל, אָבער האָט געקוקט אויף מיר מיט א שעלמיש שמייכעלע, וואָס האָט געזאָגט — מיך נארט מען נישט, איך וויים...

און ער איז האסטיק אוועק און מיך איבערגעלאָזט אין וועלדל.

אין א פּאָר טעג ארום איז ער ווידער דאָ.

— לאָמיר גיין אין וועלדל.

וויל איך זיך ארויסדרייען:

— איך האָב קיין צייט נישט. איך בין פארנומען.

ווערט זיין פּנים אָנגעצונדן, די אויגן הויבן אָן שיסן מיט פייער און ער צעשרייט זיך:

— דו שנעק איינער, א שרייבער, א גרויסער שרייבער, בעט דיך גיין מיט אים שפּאַצירן, זאָגסטו זיך אָפּ. א כבוד דארף עס זיין ביי דיר, אַ גרויסער כבוד.

אין וועלדל האָט ער מיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט קורץ און שארף:

— זעץ זיך און איך וועל לייענען פאר דיר איינס פון מיינע ווערק, וועסטו זען וואָס שרייבן הייסט.

און ער האָט אָנגעהויבן לייענען מיט ברען, אויף די העכסטע טענער. לייענענדיק כאַפּט ער אַ קוק אויף מיר און צעשרייט זיך — דו הערסט צי נישט, עפּעס זע איך עס נישט אויף דיין פּנים.

ער האָט געלייענט אפשר דריי פיר שעה. דער כתב־יד איז געווען גראָב ווי אַ קרבן־מנחה. איך האָב געהערט און געהערט און עפּעס איז מיר אַלץ אויסגעקומען באַקאַנט. עפּעס האָב איך עס געלייענט איז

ליליענבלומס „חטאת נעורים", אין סמאָלענסקים „התועה בדרכי החיים".

אָבער איך האָב מורא געהאַט צו זאָגן עס — איך בין אין וואַלד מיט אזא מאָדנעם, כעסדיקן מענטש. ווער ווייסט וואָס ער קען מיר טון...

צום סוף האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט, אז איך בין הונגעריק און איך וויל גיין אהיים.

ער האָט זיך אַ הויב געטון פון זײַן אָרט ווי אַן אונטערגעשאָסענער, האָט בייז אַ קוק געטון אויף מיר און איז האַסטיק אַוועק אין שטאָט און איך נאָך אים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ער איז ווייטער דאָ.

— קום צו מיר.

און איך בין געגאַנגען. אין אַ הויז איז עפּעס היימלעכער.

ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ קלײן חושכדיק צימערל, ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ געפּלאָכטענע רייזע־קאַרזינע, אַן עפן געטון, און איך האָב דערזען אַ געפּאַקטן קאָרב מיט מאַנוסקריפּטן.

— שוין זיבן יאָר, אַז איך שרייב. איך שרייב די גאַנצע נעכט. דאָ האָב איך צוויי צענדליק ראָמאַנען, זעקס ביכער מיט שירים און צען ביכער מיט מאמרים.

דאָ ליגט אַן אוצר פאַר דער העבראַישער ליטעראַטור, טייטלט ער מיט די פינגער אויף דעם קאָרב מיט מאַנוסקריפּטן.

זיי וועלן עס דרוקן. זיי וועלן עס מוזן דרוקן. איך וועל זיך נעמען דאָס לעבן און לאָזן אַ צוואה, אין וועלכער איך וועל אַלץ דערציילן דער וועלט...

איך האָב זיך קוים אַרויסגעריסן פון צימערל.

אַ צייט האָט ער זיך נישט באַוויזן.

איינמאָל איז ער אַרײַנגעקומען האַסטיק און געזאָגט — איך פאָר אַוועק, דו וועסט הערן וועגן מיר. עס וועט קאָכן די וועלט מיט מיר... און ער איז אַרויסגעלאָפן.

איך האָב פון אים נישט געהערט מער.

***

ווען איך פלעג קומען אין מיין שטעטל, פלעג איך זיך נאכפרעגן אויף אים. קיינער האט נישט געוווסט עפעס וועגן אים. איך האב גע־פרעגט אמאל זיין פאטער — ווו איז אייער זון, וואס טוט ער?

האט ער א קוק געטון אויף מיר בייז און געזאגט קורץ:

— דו דארפסט עס נויטיק וויסן? — און מער האט ער נישט גערעדט.

שפעטער האב איך זיך צופעליק דערוווסט, אז ער איז אין א משוגעים־הויז ערגעץ אין א ווייטער שטאט.

XIX.

חזנים

אָרים און עלנט איז געווען מיין שטעטל.

דער דלות האָט געדריקט און געפּייניקט אָן רחמנות דעם גרעסטן טייל פון שטעטל; אַלץ איז געווען שפּאָט ביליק, ממש גראָשנס האָט גע־קאָסט פלייש, ברויט — כמעט בחנם, דאָס נעמלעכע מיט דירות, אָבער אָט די גראָשנס איז שווער געווען צו פאַרדינען.

אָבער מיין שטעטל האָט געזונגען, איז געווען ממש פאַרקאָכט אין זינגען.

אַלע האָבן געזונגען.

אין די צוויי חסידישע שטיבלעך האָט מען געזונגען אַלע טעג אין וואָך, שבת און ימים־טובים איז דאָך אָפּגערעדט.

עס האָבן געזונגען מיידלעך נייטאָרינס און מיידלעך שניידערקעס. זיי פלעגן זינגען יידישע פאָלקס־לידער מיט אזוי פיל געפיל און מיט אזא פאָלקסטימלעכער עכטקייט, אז אַלע היינטיקע זינגער פון יידישע פאָלקס־לידער האָבן זיך באַדאַרפט לערנען ביי זיי.

זיי האָבן נישט געוווּסט פון סטיליזאַציע, פון קונסט און פון אַלע צוטשעפּעניש צום פאָלקס־ליד און עס איז אָבער ביי זיי אַלץ ארויסגע־קומען עכט און ביז גאָר רירנדיק.

זיי האָבן געזונגען זייערע לידער, זייערע פאָלקס־לידער.

ביי אונדז אין אַ קליין אַלקערל האָט געוווינט אַ מלמדס אַ מיידל, אַ שניידערקע, אַ דין און אַ צאַרט מיידל, פלעגט זי זינגען יידישע

פּאָלקס־לידער און אירע צוויי לערן־מיידלעך פלעגן איר צוהעלפן. פלעג איך זיי הערן ממש מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם.

איך האָב קיין בעסערע און קיין שענערע „אויסטייטשונג״ פון יידישן פאָלקס־ליד אין די שפּעטערדיקע יאָרן נישט געהערט, און איך האָב געהערט, אָן גוזמא, אַלע אונדזערע זינגער פון פאָלקס־ליד.

בלויז ביי י. ל. פּרץ אין הויז פלעג איך דאָ און דאָרט הערן אַ פאָלקס־ליד עכט און פשוט געזונגען.

י. ל. פּרץ איז געווען, לויט מיין מיינונג, דער גרעסטער קענער פון אונדזער פאָלקס־ליד און האָט פארמאָגט דעם שאַרפסטן חוש פאר דעם יידישן פאָלקס־ליד.

עס איז אפשר ראָמאַנטיק, נאָסטאַלגיע, אָבער ווען איך הער עד היום פון דער סצענע געשולטע זינגער, זינגענדיק יידישע פאָלקס־לידער, פארגלייך איך זייער זינגען מיטן זינגען פון דער מיידלשער טריאָ, פון די דריי שניידערקעס אין אונדזער קליין אַלקערל.

און פון פארגלייך געווינען די דריי אומבאַקאַנטע שניידערקעס גע־בויגענע איבער זייער אַרבעט.

אָבער די אמתע, די פּראָפעסיאָנעלע נגינה פלעגט צושטע[illegible]ן דער חזן, דער שטעטלשער חזן און חזנים־געסט.

א חזן א גאַסט, פלעגט ממש אויפרודערן דאָס שטעטל.

אַלע האָבן זיך געקאָכט. אַלע האָבן אַרויסגעזאָגט מבינות, אָנהויבנ־דיק פון שיינעם באַלעבאָס און דעם לעצטן שעבעלעצטע.

איך פלעג זיך אָפּט צוהערן צו די „רעצענזיעס״ נאָכן דאַווענען פון א חזן א גאַסט, אָדער ווען אונדזער חזן פלעגט אַרויסקומען מיט עפּעס נייעס.

עס איז געווען אמתע און עכטע מבינות. מען פלעגט צעגלידערן און צעאַנאַליזירן איטלעכס ניי שטיקל מוזיק ממש ווי פּראָפעסיאָנעלע קרי־טיקער.

אונדזער שטעטל האָט געהאַט אפילו אן אייגענעם קאָמפּאָזיטאָר פון חסידישע ניגונים.

ער איז געווען איינער פון די אייביקע „איינזיקלעך״ פון א פאַר־שטאָרבענעם רבי, וואָס האָט נישט געקענט האָפן צו ווערן אליין א

רבי, ראשית, װײַל עס זענען געװען נענטערע און בילכערע יורשים, און צװײטנס האָבן אים הפּנים געפֿעלט געװיסע קװאַליפֿיקאַציעס.

אָט אַזאַ „אײניקל" איז אױך געװען אַ רבי, נאָר פֿון צװײטן און דריטן גראַד, די אײניקלעך פֿלעגן אַרומפֿאָרן איבער די חסידישע שטיב־לעך כּמעט אַ גאַנץ יאָר. זײ פֿלעגן טראָגן זײַדענע און אַטלאַסענע קאַ־פּאָטעס און שטרײַמלעך, און קײן שטיבל האָט זײ נישט אַרױסגעלאָזט מיט לײדיקע הענט.

בײַ אונדז האָט זיך אױך פֿאַרװאַלגערט אַזאַ „אײניקל". אָבער ער איז געװען אומעטום אַ גאָר אָנגעלײגטער גאַסט.

ער פֿלעגט קומען אין אַ שטיבל און ברענגען מיט זיך נײַע חסי־דישע ניגונים, מײסטנס פֿון אים אַלײן פֿאַרפֿאַסטע, אַ טײל „גענאַשטע" אױף דער רײַזע און אַ טײל איבערגעניצעװעטע.

אױף ימים טובים פֿלעגט ער קומען אין שטעטל און בײַם רבינס טיש פֿלעגט ער אַרױסלײגן זײַן נײַע סחורה.

דאָס שטיבל איז געװען געפּאַקט פֿון חסידים און אַפֿילו פֿון מתנגדים.

און װען ער פֿלעגט אַרײַנקװעטשן דעם גראָבן פֿינגער אין גאָרגל אַרײַן (צוליב װאָס ער און אַנדערע חסידישע זינגער האָבן עס געטון װײס איך עד־היום נישט) און אָנגעהױבן זינגען אַ נײַעם ניגון, פֿלעגן ייִדן שטײן און זיצן מיט אָפֿענע מײַלער.

אָבער באַלד פֿלעגט מען אױפֿכאַפּן דעם ניגון און אַלע פֿלעגן זינגען.

און זינגען פֿלעגט מען מיט אַזאַ פֿרײד, מיט אַזאַ געװנום און אַזאַ ברען, אַז די פּנימער האָבן געשײַנט ממש פֿון געװנום און פֿרײד.

זינגען איז דאָ געװען אפֿשר מער װי קונסט; זינגען איז געװען אַן עבֿודה, אין זינגען איז געװען גלױבן, רעליגיעזער עקסטאַז און גרױסע רעליגיעזע דבֿיקות.

דאָס אַלץ פֿאַרמאָגט נישט דאָס געשולטע זינגען מיט זײַנע הונ־דערטער רעפּעטיציעס, מיט שטרענגע משגיחים, אַז עס זאָל, חלילה, נישט אַרײַנפֿאַלן אַ גרײַז אין אַכטל נאָטע, אַז עס זאָל גײן מיטן אָרקעס־טער, און זאָל, חלילה, נישט אָפּטרעטן אױף אַ הונדערטל סעקונדע.

און נאָך אַלע צוגרײטונגען װערט דאָס פֿײַער אױסגעלאָשן און

ווען מען קוקט אויף דער סצענע, שטייט א מומיע מיט א געשולטער שטים און מיט א צענדליקער משגיחים שטרענגע, וואָס לאָזן נישט טון עפּעס אייגנס, אָדער אינדיווידועלס.

זיכער האָבן חסידים געזונגען פאַלש, אָן שטימען און אָן דיריגענטן, דערפאַר אָבער איז געווען פייער אין זייער זינגען, דערפאַר איז געווען עקסטאַז אין זייער זינגען.

דאָס וואָס איר וועט קיינמאָל נישט דערפילן אין זינגען פון א געשולטן זינגער.

אָבער אונדזער חזן מיט זיין כאָר פלעגן אויך נישט שלאָפן. פאַר די ימים נוראים און אנדערע ימים טובים פלעגט דער חזן מיט זיין כאָר פאַרהילכן דאָס שטעטל מיט זייערע רעפּעטיציעס, אָדער איינזינגען.

און דאָס שטעטל האָט געוווסט, אַז דער חזן גרייט עפּעס אויף יום־טוב, וואָס מען האָט אַזוינס נאָך נישט געהערט.

ווען איך בין שפּעטער געווען א טעאַטער־קריטיקער און אָפט מער שטודירט דעם עולם ווי די אויפפירונג, פלעג איך אַלע מאָל זען באַ־שיינפּערלעך, אַז מיין פּרימיטיוו שטעטל איז געווען א בעסער פּובליקום ווי דאָס רייכע, אויסגעפּוצטע פּובליקום אין די גרויסע אָפּערע־טעאַטערס און סתם אין טעאַטערס, ווו פרויען באַווייזן זייערע דימענטן און נייע קליידער און די מענער פלירטעווען מיט זיי.

מיין שטעטליש פּובליקום פלעגט ממש שלינגען מיט דער גרעסטער נייגעריקייט און מיט דעם גרעסטן געניוס יעדן נייעם ניגון.

איר פלעגט ממש זען און פילן זיין נייגעריקייט און זיין הונגעריקייט נאָך נגינה.

נגינה איז ממש געווען איינע פון זיינע גייסטיקע באַדערפעניש.

און דווקא די נאַאיוויטעט זיינע און די קנאַפּע באַקאַנטשאַפט מיט די אַלע נייע טעאָריעס און אַלע נייע מאָדערנע מוזיקאַלישע גאונים האָט געמאַכט זיין באַדערפעניש פון מוזיק וואַרעמער, און אויב איר ווילט, אפילו שענער.

ער האָט אויפגענומען מוזיק מיט דער ריינסטער אוממיטלבאַרקייט, עס זענען נישט געווען קיין צווישנמענטשן, קיין מעקלערס און קיין קריי־

טיקער, אונטערטרעגער פון פארטיקע מיינונגען, פון פארטייאישער פאר־ליבטקייט און צוגעבונדנקייט צו דעם אָדער יענעם מוזיקער.

⁂

דורך מיינעם אַ חבר, אַ זון פון אונדזער חזן, בין איך נאָך אין מיין פריסטער יוגנט אריינגעפירט געוואָרן אין דער חזנישער וועלט.

און צו מיין גרעסטער איבערראשונג און שטוינונג האָב איך דער־זען פאר זיך אַ באַזונדער וועלטל, אַ וועלטל פון לויטער קלים, פון לוי־טער זאָרגלאָזע, פון לויטער לייכטע מענטשן, וואָס נעמען אַלץ לייכט.

די משוררים, די יונגע און פּראָפעסיאָנעלע משוררים, זענען געווען די ווייבערניקעס אין אונדזער שטעטל.

די צניעותדיקע און שטענדיק זיך רויטלענדיקע מיידלעך פון שטעטל, פלעגן ממש אויסגיין פון ליבע און פארגעטערונג צום שיינעם, יונגן אלטל, אָדער באַריטאָנדל.

איך האָב דערהערט ביים חזן אין הויז אַ לשון, אַ ספּעציעל חזנישער זשאַרגאָן, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהערט. אַ סך ווערטער האָב איך נישט פארשטאנען, און מיין חבר פלעגט זיי מיר פארטייטשן.

איך האָב באמערקט אַ שטריך, וואָס איך האָב שפּעטער באמערקט כמעט ביי אַלע חזנים, זיי זענען גרויסע עסערס, אמתע גורמאַנס, קענער פון עסן און מבינים אויף עסן.

אַ סך פון זיי האָבן אַ גוואַלדיקן זכרון אין מאָגן; זיי געדענקען אַ גוטן סטייק, וואָס זיי האָבן געגעסן מיט יאָרן צוריק. זיי געדענקען, ווו זיי האָבן געגעסן, ביי וועמען זיי האָבן אים געגעסן, און דער עיקרשט געדענקען זיי דעם טעם.

און בשעת זיי דערציילן אייך דעם וווּנדער פון דעם סטייק, וואָס זיי האָבן געגעסן מיט אַ יאָר פינף צוריק, דאָרט און דאָרט און ביי דעם און דעם, לעבן זיי ממש איבער די הנאה פון דעם ווונדערלעכן סטייק, זיי עסן אים איצט אויף דאָס ניי, אַזוי רייך און אַזוי קאָנקרעט אין זייער פרעס־פאַנטאַזיע.

און אלע זענען אריינגעטון אין דער אכילה, דער חזן, די משוררים, דער כאָר־דיריגענט און אלע וואָס האָבן צו טון מיט חזנות און חזנים.

אמאָל האָט מיר איינער פון דעם חזנים שבט אין אמעריקע באוויזן ווי מען עסט א „ספרינג־טשיקען״, א יונג הינדל.

— איר וועט זען, וואָס עס וועט בלייבן פון דעם, האָט ער מיר געזאָגט.

און איך האָב טאקע געזען אויף דעם סאמע ברעג פון טעלער א קליין, ממש מיקראָסקאָפּיש בערגל פון די צעקייטעביינדלעך פון דעם יונגן הינדל.

אלץ איז אויפגעגעסן געוואָרן, די ביינער אויך, זיי זענען צעמאָלן געוואָרן פון די געזונטע ציינער און עס איז געבליבן בלויז דאָס וואָס עס איז נישט עסבאר. די זאפטן פון די ביינדלעך זענען אויסגעזויגן געוואָרן ביז דאָס לעצטע.

עס איז גאָרנישט געבליבן פון דעם הינדל.

— אָט אזוי עסט מען א הינדל, האָט ער געזאָגט אי מיט דער גאווה פון א גרויסן עסער און אי מיטן ערנסט פון ספּעציאליסט אין הלכות עסן.

אין פּינסק האָב איך זיך באקענט מיטן הויז פון דעם פּינסקער חזן.

דער חזן איז געווען שוין אן עלטערער מענטש, פון אויסזען א פרומער ייד. אָבער אין הויז א חזן, א וויצלער, א שאַרפער דערציילער פון חזנישע פּעטע אנעקדאָטן און א רעדנער אין דעם ספּעציעלן חזנישן לשון.

ער האָט שוין קיין ציינער אין מויל נישט געהאט, אָבער ער איז געווען א גוטער עסער. ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די יונגע משוררים און ער פלעגט דערציילן ניסים וועגן חתונה־מאָלצייטן ביי אמאָליקע רייכע יידן.

ער האָט געהאַלטן, אַז הײנטיקע יידן האָבן קאַליע געמאַכט די מאָגנס זייערע און קענען נישט עסן ווי יידן פלעגן עסן אמאָל.

און לויט זיינע דערציילונגען, אין וועלכע עס איז געווען זיכער א סך פאנטאזיע, זענען די אמאָליקע יידן געווען לעגענדארע עסערס. די היינטיקע יידן האָבן אינגאנצן פארלוירן דעם אַפּעטיט, און אן איבעריקער ביסן מאכט זיי טויט־קראנק.

אכט טעג פלעגט מען טון און עסן, טון און טרינקען אויף אן אמאָלי־קער יידישער חתונה, און קיינער איז נישט קראַנק געוואָרן און קיינער איז נישט געלאָפן צו דאָקטוירים ווי היינט. פלעגט ער פארענדיקן זיינע פרעס־מעשהלעך מיט א מוסר־השכל.

⁂

ביים פינסקער חזן בין איך געווען אן עדות פון א שווערער דראמע.

דער חזן האָט געהאט א יונגע, שיינע און געראָטענע טאָכטער. זי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט צווישן די לייכטע, עלעגאנטע משוררימלעך, דיריגענטן און חזנים.

זי פלעגט רעדן זייער לשון און האַלטן זיך מיט זיי ווי מיט גלייכע.

אָבער ווען דאָס מיידל האָט באדארפט חתונה האָבן, האָט דער חזן נישט געוואָלט, אז זי זאָל חתונה האָבן מיט איינעם פון דעם חזנישן שבט.

— ווי גיט מען איבער א משורר, אָדער א כאָר־דיריגענט אזא שיינע און צארטע בלום? איך זוך פאר איר א באַלעבאטישן בחור, אן ערלעכן און געזעצטן מענטש, וואָס וועט זי האלטן ערלעך און פיין ווי זי פארדינט, האָט דער חזן מיר פארטרויט.

און זי האָט חתונה געהאט מיט אזא איינעם.

אָבער זי האָט אים באלד נאָך דער חתונה פיינט געקריגן. זי האָט אים ממש פיזיש נישט געקענט איבערטראָגן. ער איז געווען פאר איר א „יאָלד", א מענטש אָן הומאָר, א מענטש א טויט־ערנסטער, א מענטש פארטון אין זיינע געשעפטן.

די פרייליכע, לייכטע און שטיפערישע חזנישע וועלט האָט זיך פארענדיקט פאר איר. זי איז אוועק פון דער דאָזיקער לאבנדיקער, גע־שמאק־עסנדיקער און לייכט־פלאַפלענדיקער וועלט. פון א וועלט פון פאָלקס־קינסטלער און אריינגעפאלן אין א פרעמדער וועלט, אין א וועלט, אין וועלכער מען לאכט זעלטן, אין א וועלט, אין וועלכער מען ווערטלט זיך נישט, אין א וועלט, אין וועלכער אלץ איז אזוי ערנסט, אזוי שטיל און אזוי לאנגווייליק...

און זי איז קראַנק געוואָרן.

און זי האָט זיך געבעטן צום טאַטן אין שטוב, ווו עס איז אַזוי לעבעדיק און פריילעך.

און ביים אַלטן חזן אין שטוב איז זי געשטאָרבן.

איך האָב זי געזען קראַנקערהייט, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קראַנקע פּרינצעסין פול מיט קאַפּריזן און מיט שטימונגען.

אָבער ווי דער מאַן פלעגט קומען זי באַזוכן, פלעגט זי באַקומען ממש אַ גרוי פּנים. זי איז געוואָרן האַרט און בייז און פלעגט אים טרייבן פון זיך מיט די גראָבסטע ווערטער.

און אַזוי איז זי געשטאָרבן אין איר טאַטנס הויז, אין הויז פון געזאַנג, פון הילכיקן געלעכטער, פון פעפערדיקע וויצן און פעטע אַנעקדאָטן, עס איז געווען איר וועלט, זי האָט קיין אַנדער וועלט נישט געהאַט.

און איבער דער טויטער טאָכטער זיינער האָט דער אַלטער חזן געבראָכן די הענט און געוויינט:

— איך בין שולדיק אין איר טויט, איך, איך...

און קיינער האָט אים נישט געקענט איבערצייגן, אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ שווערער קרענק — צו וועלכער עס איז אין יענער צייט קיין רפואה נישט געווען.

— ניין, האָט ער געטענהט, מיט אַן אונדזעריקן האָט זי באַדאַרפט חתונה האָבן.

און אין האַרצן האָב איך געוווּסט, אַז דער אַלטער חזן איז גערעכט:

יעדע בלום וואַקסט און צעבליט זיך אויף איר באָדן, פּרובירט זי איבערטראָגן אויף אַן אַנדערן באָדן, וועט זי פאַרוויאַנעט ווערן. זי וועט נישט וואַקסן און נישט בליען.

איך פלעג זען ווי אַפילו ליגנדיק אויפן קראַנקן בעט פלעגט זי אויפלעבן, די אויסגעלאָשענע אויגן פלעגן אָנהויבן גלאַנצן, און אין פּנים האָט זיך באַוויזן געזונטע פאַרב, ווען עס פלעגן זיך אַרומזעצן אַרום איר בעט די משוררים, די באַקאַנטע מוזיקער און סתם מענטשן פון איר וועלט.

זי פלעגט ווערן וויציק, שאַרף און איר לשון איז געווען רייך און שפּילעוודיק.

זי איז געווען אין איר אטמאָספער, אין דער אטמאָספער, אין וועל־כער זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן. דאָ איז זי געווען די שיינע, די געראָטענע בת־יחידה, וועלכע אַלע האָבן געפּעסטעט און גע־צערטלט.

איך האָב ממש מיט מיינע אויגן געזען ווי א מענטשלעכע בלום איז פאַרוויאַנעט געוואָרן און איז געשטאָרבן פון איבערפּלאַנצונג אין אן אנ־דער באָדן.

דער פרעמדער באָדן איז געווען שולדיק.

***

און מיר איז באַשערט געווען צו זיין מיט א באַרימטן חזן, מיט א חזן א קינסטלער, אונטער איין דאך אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, נאָענט צו זיין פּריצייטיקן טויט — מיטן באַרימטן חזן הערשמאַן.

אין פלאָרידע בין איך געווען מיט אים אין איין פּענסיאָנאַט, ער איז געווען שוין טויט־קראַנק, און דאָקטוירים האָבן אים געשטעלט אונ־טער א שטרענגער דיעטע, א דיעטע, פון וועלכער מען קען שטאַרבן.

פּלעגט ער זיך שטיל קלאָגן פאַר מיר אויף צוויי זאכן — אויף זיין שטים, אויף זיין וואונדערלעכער שטים, וואָס איז געשטאָרבן פאַר אים.

— מיין שטים איז טויט, זי איז געשטאָרבן, איך גיי אַרום מיט א בר־מינן אין מיר, קיינער ווייסט עס נישט. איך הייס נאָך ביי אַלעמען חזן הערשמאַן, אָבער איך ווייס, אז חזן הערשמאַן איז דאָך די שטים זיינע, און די דאָזיקע שטים איז געשטאָרבן, זי איז טויט.

און ער האָט עס מיר געזאָגט שטיל, עפּעס בסוד, קיין זייטיקע זאָלן עס נישט הערן.

ער האָט דווקא געגלויבט, ווי יעדער קראַנקער, אז ער וועט לעבן. ער וועט זיך ווי עס איז אַרויסדרייען פון זיין קראַנקהייט.

אָבער ער האָט געוווסט, אז דער עיקר אין אים, זיין שטים, דער גרעסטער אוצר זיינער, איז טויט.

איך האָב אים פּרובירט טרייסטן. די שטים וועט קומען צוריק ווי נאָר איר וועט קומען צו זיך.

אָבער ער האָט געשמייכלט.

— טויטע ווערן נישט לעבעדיק, האָט ער געזאָגט, איך האָב פּרו־בירט אָפּמינטערן, אָפּשרייען, אומזיסט.

אָבער ער איז געבליבן דער קינסטלער וואָס אַמאָל אָן דער שטים; ער פלעגט אַמאָל שטיל, שטיל עפּעס זינגען זיצנדיק ביים טיש, און איר האָט געזען און געהערט דעם קינסטלער.

ער פלעגט זינגען שטיל, ער האָט קיינמאָל נישט פּרובירט אויפהויבן זיין שטים אביסל העכער; ער האָט עס מורא געהאט צו טון, ווייל אָט קען דער בר־מינן, די טויטע שטים, א גרילץ טון...

און פאר דעם האָט ער מורא געהאט, שטארק מורא געהאט.

ער פלעגט רעדן וועגן זיין עליה־השלומדיקער שטים ווי וועגן אַן אמתן בר־מינן.

ער פלעגט דערציילן, ווי ער פלעגט דאַוונען, ווי ער פלעגט געבן קאָנצערטן, די שטים זיינע האָט אַלעמען באַצויבערט אין שול ווי אין קאָנצערט־זאַל.

מען האָט זי באַשאָטן מיט גאָלדענע רענדלעך.

— איך קאָן נאָך לעבן פון איר פּראָצענט. זי האָט מיך באַזאָרגט מיט חיונה אויף לאַנג, לאַנג איידער זי איז געשטאָרבן, פלעגט ער שטיל רעדן.

און ער איז נישט געווען קיין סענטימענטאַלער מענטש און ווייט נישט קיין ראפינירטער מענטש, וואָס קען דערשפירן דאָס טראַגישע און אַרויסברענגען עס אין ווערטער. זיין ווערטער־אוצר איז געווען אַן אָרי־מער און ער איז בכלל געווען פּרימיטיוו און איינזייטיק. קיין זאַך האָט אים נישט אינטערעסירט אויסער נגינה.

און דאָס אויך אויף וויפל עס איז נוגע אים פערזענלעך

ווי יעדער קינסטלער איז ער געווען עגאָצענטריש, זיין פּערזאָן איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון דער וועלט.

ער האָט געזען בלויז זיך.

און דער טויט פון זיין שטים איז געווען זיין טויט.

ער האָט פאַרלוירן דעם אינסטרומענט פון זיין גרויסן דערפאָלג.
און דאָס איז געווען דאָס ווייטיקסטע און דאָס יאושדיקע אין אים.

***

און אויף נאָך עפּעס האָט ער זיך באקלאָגט נאָך שטארקער: מען לאָזט אים נישט עסן. מען גיט אים עסן שטרוי, ממש שטרוי, און דאָס שטרוי גיט מען אים אויפן שפּיץ גאָפּל, ער הונגערט ממש.

— פון הונגער שטאַרבן מענטשן, און דאָ ווילן זיי מיך הײלן מיט הונגער.

און ווען איך האָב אים געזאָגט, אז ער עסט כמעט ווי יעדער מענטש, עס איז בלויז אנדערש געקאָכט, עס איז דאָ נאָר ווייניק זאַלץ, אָבער ער עסט גענוג צו זיין זאט.

האָט ער זיך צעלאכט:

— איר ווייסט נישט, וואָס עס הייסט ביי אונדז חזנים עסן.

און ער פלעגט מיר דערציילן פון זיינע פרעס־וואקכאנאליעס און פון די ערטער, ווו זיי פלעגן פאָרקומען.

ער האָט געוווסט די אדרעסן פון ערטער, ווו גוטע עסערס קומען אן עס טון.

מען קומט אויף דריי טעג, מען טוט גאָרנישט, מען טוט בלויז און מען עסט. מען עסט דריי טעג.

יעדער מאָלצייט, פרישטיק, מיטאָג און אָוונטברויט, איז אַ באַזונדער באנקעט מיט צוויי טוץ געריכטן איינס געשמאקער פונעם אנדערן.

ער פלעגט אָפט אוועקפאָרן אויף דריי טעג דינען דעם אָפּגאָט פון פרעסן.

אמאָל פלעגט זיין זייער שווערלעך צו אויפהויבן זיך פון טיש, אָבער מען איז אויפגעשטאנען, געזעסן אויף דער פרישער לופט און אין פינף־זעקס שעה ארום פלעגט מען ווייטער עסן.

אמת, נאָך די דאָזיקע דריי טעג האָט מען נישט געקענט א קוק טון אויף שפּייז, אָבער נאָך די דאָזיקע עטלעכע טעג פלעגט ווידער קומען דער אפּעטיט און מען האָט ווייטער געגעסן.

זיינע זכרונות וועגן עסן, זיינע מעשהלעך וועגן עסן זענען געווען לעבעדיקע, פארביקע און פארכאפּנדיקע.

עס איז א כלל — רעדן און דערציילן גוט קען מען נאָר וועגן דעם, וואָס מען האָט שטארק ליב און וועגן דעם צו וואָס מען האָט א גרויסן אינטערעס.

יאָ, גערעדט האָט מען, אַז חזן הערשמאַנס שווערע קראַנקהייט איז אים געקומען פון גרויסער איבערלאָדונג פון דעם מאָגן מיט שפּייז. דער מאָגן איז נישט געווען בכוח צו פאַרדייען אזעלכע גרויסע קוואַנטי־טעטן און אזעלכע רייכע שפּייזן.

איך האָב עס אים אמאָל געגעבן אָנצוהערעניש וועגן דעם.

האָט ער זיך אויסגעלאַכט:

— פון גוט עסן ווערט קיינער נישט קראַנק, האָט ער געזאָגט מיט א זיכערקייט פון אן אויטאָריטעט.

יאָ, ער איז געווען א קינסטלער אן עסער, פּונקט ווי ער איז געווען א קינסטלער א זינגער.

ביידע אינסטרומענטן פון די צוויי קונסט־צווייגן האָט ער פאַרלוירן: ער האָט פאַרלוירן זיין וואונדערלעכע שטים און ער האָט פאַרלוירן זיין קרעפטיקן פאַרדייאונגס־מעכאַניזם.

און אויף ביידע פאַרלוסטן האָט ער גלייך געטרויערט.

אָבער ערגעץ־ווו האָט דער שטאַרקער ווילן צו לעבן אים אָפּגענאַרט מיט קליינינקע בליצלעך פון האָפענונג.

ער האָט צו שטארק ליב געהאַט דאָס לעבן, פּשוטע, געזונטע לעבן, און ער האָט צו שטארק ליב געהאט זיין זינגען און בכלל זינגען, אַז ער זאָל זיך אונטערגעבן דעם יאוש אָן קיין שום באַדינגונגען און קיין שום ווידערשטאַנד.

אָבער ווען איך האָב אים מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער באַזוכט אין זיין היים, אין ברוקלין, האָט ער זיך שוין אונטערגעגעבן דעם שטאַרקן און בליציקן אָנגריף פון טויט אָן באַדינגונגען.

און עס איז געווען שווער און שמערצלעך צו זען דעם שנעלן אונ־טערגאַנג פון א געזונטן קינסטלער און ליידנשאַפטלעכן געניסער פון לעבן.

שטיל האָט ער מיר א זאָג געטון:

— איר װונדערט זיך, איר קוקט װאָס עס איז געװאָרן פון הערש־מאַנען, יאָ, ער איז שױן איצט טױט, אינגאנצן טױט.

איך האָב ביז אהער נישט געגלױבט. איצט זע איך עס. איצט פיל איך עס.

פיניטא לא קאָמעדיא.

איך האָב געקוקט אױף אים, געהערט זײנע פשוטע קלוגע רײד און איך האָב געזען, אז קורץ פארן טױט װערן מענטשן קליגער, און דער עיקרשט — מענטשלעכער.

דער קינסטלער און עולם־הזהניק איז געװאָרן געלײטערטער, שענער, בעסער און לױטערער. און באלד נאָכדעם איז ער געשטאָרבן.

איך האָב געזען אַ גרױסן און פרימיטיװן געראנגל צװישן טױט און לעבן.

אי דער קינסטלער און אי דער געניסער פון לעבן זענען געװען פרי־מיטיװ.

און אפשר טאקע דערפאר בײדע שײן...

XX

מגידים

מגידים האָבן אמאָל געשפּילט א סך א גרעסערע ראָלע אין יידישן לעבן ווי די היינטיקע רעדנער, לעקציע־געבערס און רעפּעראַטן־האַל־טערס.

דער אמאָליקער מגיד האָט גערעדט אין נאָמען פון יידישקייט, ער האָט זיך כסדר סומך געווען אויף דער תורה און האָט געפאָדערט פון יידן, זיי זאָלן אָפּהיטן די מאָראַל און די עטיק פון דער תורה.

יידן האָבן עס אמאָל געטון סיי־ווי.

אָבער דער מענטש איז בטבע זינדיק, פאַרגעסט ער זיך, פאַרפּלאָנ־טערט זיך און פאַרדרייט זיך, דאַרף מען אים פון צייט צו צייט מעורר זיין, דאַרף מען אים פון צייט צו צייט גוט אויסמוסרן.

און דאָס איז געווען די מיסיע פון מגיד.

דער מגיד אליין איז, אגב, געווען א פרומער ייִד, א גאָטספאָרכטי־קער ייד און א ייד, וואָס היט אָפּ שטרענג יידישקייט.

דער מגיד איז נישט געקומען באַקערן יידן צו עפּעס נייעס, ניין, זיין אויפגאַבע איז געווען בלויז צו מעורר־זיין, צו דערמאָנען יידן וועגן זייערע אייביקע התחיבותן ווי יידן.

און יידן פלעגן הערן גוטע מגידים מיט אָפענע מיילער, גוטע מגידים פלעגן טאַקע זיי מעורר זיין און זיי שטאַרקן אין זייער גלויבן און זיי אויפוועקן צו טון מעשים־טובים און אָפּהיטן יידישקייט.

דער מגיד איז אזוי אַרום געקומען צו גוטע יידן רעדן וועגן יידיש־קייט.

און זיין אויפגאבע איז געווען א לייכטע.

געווען אָבער מגידים, וואָס האָבן לחלוטין נישט גענומען זייער אויפגאַבע לייכט, געווען מגידים, וואָס פלעגן רעדן שטרענגע שטראָף־רייד און וואָרענען מיט גיהנום, מיט אלע שרעקלעכע שטראָפן אויף יע־נער וועלט.

און זיי פלעגן מאָלן דעם גיהנום מיט זיינע שרעקלעכע שטראָפן מיט די שארפסטע פארבן.

איך האָב אין מיין יוגנט געהערט צוויי מאָל דעם בארימטן קעלמער מגיד, ר׳ יצחק דרשן, איינמאָל ביי אונדז אין שטעטל און איינמאָל אין סלאָנים.

און ער האָט אויף מיר געמאכט א געוואלדיקן רושם.

איך בין וואָכן און וואָכן אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און אַ היים־תשובהדיקער.

דער קעלמער מגיד האָט פארמאָגט א געוואלדיקן טעמפעראמענט, ער איז געווען א געוואלדיקער רעדנער, א הייסער, א ברויזנדיקער רעד־נער און האָט ממש געברענט פון גלויבן און יראת־השם.

זיינע א דרשה פלעגט דויערן א פאָר שעה.

און די טעמע איז כסדר געווען אן אקטועלע. א פשוטע און א פאר־שטענדלעכע אפילו פארן גרעסטן עם־הארץ.

דאָס טאָג־טעגלעכע יידישע לעבן מיט זיינע קליינע און גרויסע זינד זענען געווען זיינע טעמעס.

פלעגט ער טרעפן ממש אין פינטל אריין, יעדער האָט זיך געפילט אַז דאָס רעדט ער צו אים, אַז ער לייגט אוים זיינע זינד אָפן.

ער האָט געשטראָפט יונגע ווייבלעך פאר טראָגן אייגענע האָר, ער האָט געשטראָפט דעם קרעמער פאַר פאַלשע וואָג־און־מאָס, ער האָט גע־שטראָפט די, וועלכע זענען געווען פארכאַפּט פון דער השכלה און ער האָט געשטראָפט פאַר איבעריקן לוקסוס, פאַר טייערע קליידער, פעלצן און צירונג.

— מעשים טובים זענען די אמתע. די טייערסטע און די שענסטע צירונג! — פלעגט ער דונערן.

די צירונג פון גאָלד און דימענטן, פון פיינע קליידער און טייערע פוטערלעך קען דער מענטש נישט מיטנעמען מיט זיך אויף יענער וועלט. אָבער מעשים טובים איז די איינציקע צירונג, וואָס דער מענטש קען מיטנעמען אויף יענער וועלט.

און אַלע יידן פלעגן מסכים זיין מיט אים.

און פון דער ווייבערישער שול פלעגט זיך הערן אַ כליפעריי...

ער פלעגט דאָס אַלץ זאָגן מיט אַ גוואַלדיקן ברען.

אָבער דאָס גאַנצע פייער זיינס האָט ער אָפּגעשפּאָרט אויף מאָלן מיט די פינצטערסטע, אָבער שטאַרק־רעאַליסטישע פאַרבן. די שטראָפן, וואָס מען וועט באַקומען אויף יענער וועלט פאַר אָט די טייערע רינגלעך, אוירינגלעך, פוטערלעך, קייטעלעך גאָלדענע און די זיידענע קליידער, פאַר פאַלשע וואָג־און־מאָס, פאַר לייענען די טרייף־פסולם א. א. וו.

ער פלעגט עס שילדערן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט, איר פלעגט ממש אַליין זען די שטראָפן. איר האָט ממש געזען ווי זינדיקע יידישע פרויען אויסגעפוצטע אין עסיק און אין האָניג ווערן געבראָטן אויפן פייער...

אין דער ווייבערישער שול פלעגט זיך אויפהויבן ממש אַ געיאָמער.

און מאַנסבילן פלעגן ווישן די טרערן אין די אויגן.

און ער האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט רעדן, אויף מאָרגן נאָך דער דרשה פלעגט ער מיט עטלעכע באַלעבאַטים גיין איבער די קראָמען און זען, צי די וואָג־און־מאָס זענען ערלעכע און די קרעמער פלעגן מיט האַרץ־קלאַפּעניש און אונטערטעניק באַווייזן זייער וואָג־און־מאָס.

ער איז נישט געווען קיין תורה־זאָגער, ער איז געווען אַ מוסר־זאָגער, אַ שטראָפער, אַ מוכיח.

זיינע רעדנער־מאַניערן זענען געווען, פאַרשטייט זיך, אַלט־מאָדישע. ער פלעגט אָנהייבן זיין זאָגן מיטן אַלטן אָנגענומענעם ניגון, אָבער ווען ער פלעגט זיך צעוואַרעמען, פלעגט ער רעדן איינפאַך, קלאָר אָבער מיט שטורעם.

ער איז געווען טויט־ערנסט. ער פלעגט זיך דערלויבן אַמאָל אַ משל, אָבער קיינמאָל נישט קיין שפּאַס.

עס איז אַרומגעגאַנגען וועגן אים אַזאַ מעשהלע:

ער איז געקומען אין אַ שטאָט; זענען געקומען די באַלעבאַטים אָפּגעבן שלום־עליכם און דורכשמועסן זיך מיט אים וועגן די אַנגעווייטיקטע מאָראַליש־רעליגיעזע פראַגן אין זייער שטאָט.

די באַלעבאַטים האָבן אים באַזונדערס געבעטן גוט אויסצומוסרן דעם עולם, פאַרוואָס מען וויל נישט געבן קיין געלט אויף אויפבויען אַ פּאַרקאַן, אַ צאַם ארום דעם בית־עלמין, דער בית־עלמין איז אָפן און ציגן און בהמות פּאַשען זיך דאָרט.

דער קעלמער האָט עס אויסגעהערט און, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט מסכים געווען מיט די באַלעבאַטים וועגן דער נייטיקייט צו אַרומצאַמען דעם בית־עלמין.

שמועסנדיק מיט באַלעבאַטים גיט דער קעלמער אַ פרעג:

— קומען צו אייך אָפט מגידים?

— מגידים? ניין, נישט גאָר אָפט, אונדזער שטאָט איז עפּעס נישט פאַרקאָכט אין מגידים, אונדזער שטאָט איז פאַרקאָכט אין חזנים. קומט אַ חזן, איז געפּאַקט די שול. דאָ נישט לאַנג איז געווען ביי אונדז אַ חזן, איז ער אַוועקגעפאָרן מיט אַ מטמון געלט. יאָ, אונדזער שטאָט האָט ליב חזנים. — האָבן די באַלעבאַטים פאַרענדיקט זייער באַריכט.

אין אָוונט איז פונדעסטוועגן געקומען אַ גאָר גרויסער עולם הערן דעם קעלמער.

און דער קעלמער האָט אָנגעהויבן זיין דרשה אַזוי:

באַלעבאַטים פון אייער שטאָט האָבן זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז דער בית־עלמין אייערער שטייט אָן אַ צאַם, און מען קען נישט אַרויסקריגן ביי אייך קיין געלט אויף אַ צאַם.

ווייטער האָבן מיר די באַלעבאַטים דערציילט, אַז אייער שטאָט איז פאַרקאָכט אין חזנים, קומט אַ חזן, פאָרט ער אַוועק מיט אַ מטמון געלט.

האָבן זיי מיך געבעטן אויסמוסרן אייך, וועל איך אָנהייבן מיט אַ פּסוק:

דער פּסוק זאָגט: „הקיצו", כאַפּט זיך אויף, „ורננו", און זינגט,

„שוכני־עפר״, טויטע. איז וואָס איז דאָ פאַר אַ שמחה מיט די טויטע, אַז זיי זאָלן זיך פלוצלינג צעזינגען?

אָבער קומענדיק אַהער, אין אייער שטאָט, האָב איך ערשט פאַר־שטאַנען דעם טייטש פון דעם פסוק און וואָס דער דאָזיקער פסוק מיינט, און מיינען מיינט דער פסוק אָט־וואָס — הקיצו, כאַפט זיך אויף, ורננו און ווערט חזנים, שוכני־עפר, טויטע פון אייער שטאָט, וועט איר האָבן אויף אַ פאַרקאַן ארום דעם בית־עולם, ווייל אייער שטאָט האָט ליב חזנים, און חזנים פאָרן אַוועק מיט אַ מטמון געלט פון אייער שטאָט...

איך האָב געהערט נאָך אַ סך מעשיות וועגן דער וויציקייט זיינער און אויך וועגן זיין גרויסער תמימות.

***

געווען אַנדערע מגידים, רואיקע, פילאָזאָפירנדיקע, אָבער גוטע רעדנער.

אזא איינער איז געווען פאָפולער אין אונדזער געגנט, מען האָט אים גערופן „דער גראָדנער מגיד״. ער איז געווען אַ הויכער, מאָגערער ייד מיט אַ קליין גרוי בערדל און קלאָרע, בלויע אויגן.

ער איז געווען אַ מוסר־זאָגער, אַ מוכיח, אָבער ער פלעגט צוקומען צום האַרץ פון די הערער מיט לאָגיק, מיט קלוגע רייד און מיט גאָר פיי־נע משלים.

ער פלעגט דאָ און דאָרט מאַכן אַן אומשולדיקן שפּאַס אויף די בעלי־עבירהניקעס און דער עיקרשט אויף די משכילים, אויף די „היינטיקע״.

אויף מיר האָט דער גראָדנער געמאַכט אַ טיפערן רושם, ער איז געווען מער למדן און האָט אַפּעלירט מער צום למדן ווי צום המון.

אין מיין יוגנט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן דער מאָדערנער מגיד, דער מגיד־רעדנער, דער „מטיף־לאומי״, ווי זיי האָבן זיך אַליין גערופן.

דאָס זענען מגידים ציוניסטן, אָדער חובבי־ציוניסטן, זיי זענען געווען גוטע העברעער, זיי זענען געווען האַלבע משכילים, זיי האָבן זיך גע־קליידט האַלב היינט־וועלטיק, זיי פלעגן שערן דאָס בערדל, טראָגן אַ קורץ רעקל א. אַ. וו.

זיי פֿלעגן בויען זייערע דרשות בלויז אויף פּסוקים פֿון תנ״ך.

זיי האָבן אימפּאָנירט די יוגנט אי מיט זייער אויסערלעכקייט און אי מיטן תוך פֿון זייערע דרשות.

פֿון זייער פֿרומקייט און גאָטספֿאָרכטיקייט האָט מען אָבער נישט געהאַלטן.

איז וועגן יעדן פֿון די נײַע מגידים פֿלעגט מען דערציילן, אַז ער איז שיער־שיער נישט נכשל געוואָרן מיט אַן אשת־איש, אַ נס וואָס די אשת־איש האָט געמאַכט געוואַלדן און ער האָט עוקר געווען די שטאָט טאַקע באותו הלילה.

דאָס איז זיכער געווען ניינציק פּראָצענט לשון־הרע, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם אומצופֿרידנקייט צום נײַעם מין מגיד, וואָס איז געווען יונג, ריין־געקליידט און געווען אַ גוטער רעדנער, און ווײַבער זענען געווען פֿאַרקאָכט אין די דאָזיקע נײַע מגידים, פּשוט ווײַל זיי האָבן פֿאַרשטאַנען איטלעכעס וואָרט פֿון זייערע דרשות.

אפשר האָט עפּעס אַזוינס פּאַסירט אַמאָל ערגעץ מיט אַזאַ יונגן מגיד, אָבער אומעטום האָט מען דערציילט די זעלביקע מעשה.

אומעטום איז די אשת־איש געווען די צנועה, די אמתע ייִדישע טאָכטער, און דער נײַער מגיד — דער בעל־עבירהניק.

עס איז זיכער געווען אַ היבשער אומצופֿרידנקייט צום נײַעם מגיד, ווי עס איז דאָ אומצופֿרידנקייט צו אַלץ וואָס עס איז נײַ; מענטשן זענען בטבע קאָנסערוואַטיוו און נעמען אויף עפּעס נײַעס מיט אומצופֿרידנקייט און אפֿילו מיט פֿײַנטלעכקייט.

און דער אומצופֿרידנקייט האָט אויפֿגעכאַפּט גערן אַזעלכע מעשהלעך, וואָס דיסקרעדיטירן דעם מגיד.

צווישן די נײַע מגידים זענען געווען גאָר גוטע רעדנער, רעדנער מיט טאַלאַנט, אַזאַ איז, אָן ספֿק, געווען ה. מאַסליאַנסקי.

זיי האָבן אין עצם נישט געהערט צום פֿרומען, אָרטאָדאָקסישן בית־המדרש, זייערע דרשות פֿלעגן לחלוטין נישט האָבן צו טאָן מיט רעליגיע און מיט מאָראַל און מיט מוסר.

אָבער היות ווי דער בית־המדרש איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג, קיין אַנדער אָרט, אָדער

ערטער זענען נאָך נישט געווען בנמצא, איז דער בית־המדרש געווען דאָס אָרט פאַר די דאָזיקע נייע מגידים, אָדער פאַר די ציוניסטן.

און נישט בלויז די נייע מגידים און די ציונסטן האָבן פאַרכאַפּט די שול, נאָר אפילו דער „בונד" פלעגט עס אָפּט טון, דער „בונד" פלעגט עס טון מיט גוואַלד, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און די נייע מגידים, אָדער די ציוניסטן, פלעגן דאָס טון דיפּלאָמאַטיש.

אָבער אָפּנאַרן די פרומע יידן האָבן זיי נישט געקענט, די פרומע יידן האָבן דערשמעקט עפּעס פרעמדס און עפּעס נישט זייערס פאַר מיילן.

***

אויף דער יידישער גאַס האָט דער רעדנער, דער אָראַטאָר, אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס אָרט פון בעל־דרשן.

פון אָנהייב האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט אין שול, די שול איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר ארויסטרעטונגען פון ביידע מינים רעדנער, קיין אַנדער אָרט איז נישט געווען אפילו אין די גרויסע יידישע שטעט.

אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער רעדנער האָט אויסגעזוכט ווי עס איז אַן אַנדער אָרט, ער האָט עס טיילווייז געמוזט טון, ווייל גאָר אָפּט פלעגט מען פאַרשליסן די טירן פון דער שול פאַר אים, און טיילווייז האָט ער אַליין דערפילט די פאַלשקייט פון זיין לאַגע.

דער מטיף־לאומי איז געווען, אָרום און אָרום, אַ צייטווייליקע דערשיינונג, דער האַלבער מגיד און דער האַלבער רעדנער האָט נישט געקענט האָבן קיין אחיזה אין לעבן, די דאָזיקע פּשרה איז נישט געווען צום האַרצן ביידע צדדים.

דער פרומער מגיד, דער מגיד, וואָס האָט גערעדט צום פרומען ייד, איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין דעם רעליגיעזן יידישן לעבן, ער האָט געהאַט זיין מיסיע — ער האָט מעורר געווען רעליגיעזע יידן צו זיין פרימער און בעסער.

דער מטיף־לאומי האָט סוף כל סוף געפונען זיין פּלאַץ אין דעם באַנייטן יידישן לעבן. ער איז געוואָרן פון די ערשטע לערער אין די

חדרים־מתוקנים, אין די מאָדערניזירטע חדרים, ער איז געװאָרן סתם אַ העברעאישער לערער, איך האָב זיך שפּעטער אָנגעשטויסן אויף געוועזענע מטיפים־לאומיים אפילו אין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אין יידישן לעבן האָבן אַריינגעדרונגען צוויי וועלטלעכע אידעאַלן, ציוניזם און סאָציאַליזם, איז פון אָנהייב פאָרגעקומען אַ סך בלאָנדזשע־נישן, איינער, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אי לויט זיין טעמפּעראַמענט און אי לויט זיין גאַנצן גייסטיקן מהות אַ רעוואָלוציאָנער, איז געוואָרן אַ ציוניסט, און פאַרקערט — אַ רעוואָלוציאָנער איז אַריינגעפאַלן צו די ציוניסטן.

די צייט אָבער האָט אָוועקגעשטעלט יעדן אויף זיין אָרט.

איך האָב געקענט איינעם, וואָס איז געווען אַ הייסער אחד־העמיסט, איינער פון די ערשטע אחד־העמיסטן. ער איז געווען בטבע אַ מיסיאָנער, ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט צו באַקערן מענטשן צו אַ נייער אידעע, פון וועלכער ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן.

ער איז אַ שטיקל צייט געווען אַ מטיף־לאומי און ער האָט געפּרע־דיקט אחד־העמיזם אין בתי־מדרשים מיט אַ גוואַלדיקן ברען.

שפּעטער האָב איך אים געטראָפן ווי אַ רעוואָלוציאָנער און דווקא ווי אַן „איסקראָוועץ" (באָלשעוויק). זיין אויסערלעכקייט איז אינגאַנצן געענדערט געוואָרן. איך האָב אים געטראָפן אין אַ שוואַרץ העמדל איבער די הויזן, מיט אַ געדיכטער טשופּרינע האָר, וואָס פאַסמען פון איר זענען אים כסדר געקראָכן אין די אויגן, און ער האָט געטון און פאַרוואָרפן זיי צוריק אויף זייער אָרט.

עס איז ביי אים געוואָרן אַ געוווינהייט, און ווען אפילו די האָר זענען אים נישט געקראָכן אין די אויגן האָט ער כסדר געמאַכט אַ באַ־וועגונג מיט דער האַנט, ווי ער פאַרוואַרפט זיין טשופּרינע אויף הינטן.

ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַן עכט רוסישן פּסעוודאָנים.

און ער האָט גערעדט אַ בוך־רוסיש, אַ רוסיש אַ מליצהדיקן און אַ נעגרייזלטן, יידיש האָט ער נישט געוואָלט רעדן, און אחד־העם איז געוואָרן ביי אים אַ פּראָווינציעלער זשורנאַליסט.

און אַ בקי אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז ער געוואָרן,

און פלעגט ציטירן די רעוואָלוציאָנערע אויטאָריטעטן ווי ער פלעגט ציטירן פסוקים פון תנ״ך אָדער שטיקער פון אחד־העם.

און א רעדנער איז ער געוואָרן א פייערדיקער, אָבער איר האָט דערשפּירט אין זיינע רוסישע רעדעס דעם אמאָליקן מטיף־לאומי, און לויט זיין רעדן האָב איך אים טאָקע דערקענט.

ער האָט פון אָנהויב עס נישט געוואָלט צוגעבן, אַז ער איז דער אמאָליקער אחד־העמיסט, אָבער ער האָט זיך באַלד גוטמוטיק צעלאַכט און האָט עס צוגעגעבן.

אָבער ער איז נישט געבליבן ביי זיין סאָציאַליזם, אין א צייט אַרום האָב איך זיך מיט אים געטראָפן, איז ער שוין געווען א מיסטיקער, ער האָט זיך געוואָרפן צוריק צו רעליגיע, ביז איך האָב אים אינגאַנצן פאַרלאָרן.

אָבער א פריינט מיינער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט סוף־כל־סוף חתונה געהאַט מיט א רייך מיידל און איז געוואָרן א וואַלד־סוחר און איז רייך ווי קורח.

און מיין פריינט האָט אָבער געוואָרנט, אַז מען איז נאָך נישט פאַרטיק מיט אים.

און כך הוה — אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע, האָט מען מיר איבערגעגעבן, איז ער געוואָרן א פאַנאַטישער באָלשעוויק, און ווען נישט זיין בורזשואַזער נעכטן, וואָלט ער גאָר הויך געשטיגן.

און עס איז ביי מיר לחלוטין נישט אויסגעשלאָסן, אַז סוף־כל־סוף איז זיין בורזשואַזער נעכטן פאַרגעסן געוואָרן און ער שפּילט, אָדער האָט געשפּילט, ערגעץ א ראָליע ביי די קאָמוניסטן.

און אָט דער באַקאַנטער מיינער איז נישט דער איינציקער, הונ־דערטער און טויזנטער האָבן דורכגעמאַכט אַזעלכע גילגולים.

אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט איר ממש נישט דערקענט אידעאָלאָגיש הונדערטער פון אייערע נאָענטע פריינט.

נעכטיקע ציוניסטן, נעכטיקע בונדיסטן, נעכטיקע באַלעבאַטישע

יונגעלייטלעך, נעכטיקע וויל־לערנער. נעכטיקע העברעאישע לערער זענען געוואָרן פאַרברענטע קאָמוניסטן.

דער „בונד" האָט פאַרלאָרן זיין גוטע, טייערע זאַגערין, די שרה בת־טובים פון „בונד", אסתר פרומקין. זי איז געוואָרן אַ קאָמוניסטקע. וויינשטיין, איינער פון די זיילן פון „בונד", איז אויך אריבער צו די קאָמוניסטן.

און אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן צוגעשטעלט דעם קאָמוניזם פירער און טוער.

דער באַקאַנטער משה ליטוואַקאָוו, דער פאַרביסענער יעווסעק, איז געווען אַ ציוניסט־סאָציאַליסט.

און ער האָט געענדיקט טראַגיש:

ער איז געשטאָרבן אין אַ באָלשעוויסטישער תפיסה.

***

צוריק צו די מגידים.

צווישן די מגידים זענען געווען אַ היפּש ביסל „טרעמפּס", אָדער „באָרוועסע", ווי מען רופט זיי אין רוסיש. דאָס זענען געווען אומרואיקע מענטשן, מענטשן, וואָס טויגן זיך נישט אויס פאַרן פּראַקטישן לעבן און זיי לאָזן זיך וואַנדערן.

איך האָב זיך אין מיין יוגנט אָנגעשטויסן אויף אַזאַ מגיד.

ער איז געקומען אָן אָפּגעריסענער, אַ הונגעריקער, אַ שמוציקער אין אונדזער שטעטל, און איז פאַרפאָרן גלייך אין בית־המדרש אריין, ריכטיק ווי איינער פאַרפאָרט אין זיין שטאָם־האָטעל.

און ווען דער שמש האָט געפרעגט, פון וואַנען איז אַ ייד און וואָס טוט אַ ייד? האָט ער געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, אַ ייד איז אַ מגיד.

— אַ מגיד? — האָט זיך דער שמש געוווּנדערט.

— יאָ, אַ מגיד.

— ווילט איר זאָגן אַ דרשה?

— אוודאי.

— אין אַזאַ הילוך?

— עס שטייט אייך נישט אָן? — האָט דער טשעקאַווע מגיד אַ זאָג געטון בייז און האָט מיט זיינע שטעכעדיקע אויגן דורכגעשטאָכן דעם שמש.

און מיט דעם האָט זיך דער דיאַלאָג צווישן מגיד און שמש פאַר־ענדיקט.

דער מגיד איז געשלאָפן אין בית־המדרש, געגעסן ברויט מיט וואַ־סער און וועגן האַלטן אַ דרשה רעדט ער נישט, און קיין צעטל אויפן טיר קלעפּט ער נישט אָן.

אַזוי איז אַוועק אַ וואָך.

איינמאָל נאָך מנחה גייט ער צו צום שמש און זאָגט אים שטרענג און קורץ: — רופט אויס, אַז איך וועל האַלטן אַ דרשה.

— ווען?

— אָט באַלד.

דער שמש האָט זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט אַ קלאַפּ געטון איבערן טיש און געלאָזט וויסן, אַז דער מגיד פון סקידעל וועט האַלטן אַ דרשה.

אַ סך זענען אַוועק, געבליבן אין בית־המדרש זענען אַ פּאָר מנינים יידן, אָבער דער מגיד האָט נישט געקוקט אויף דעם עולם. ער איז אַרויף אויף דער בימה און האָט אָנגעהויבן רעדן; אַ קלינגענדיקע, אַנגענעמע און גלעטנדיקע שטימע האָט זיך צעטראָגן אין בית־המדרש, און באַלד האָט דער עולם דערהערט אַ ווונדערלעכן רעדנער און אַ גרויסן בעל־תורה.

און אויף מאָרגן האָט דאָס שטעטל געקאָכט מיטן טשעקאַווען מגיד.

עס האָט זיך צעטראָגן — אַ גרויסער מגיד איז דאָ אין שטעטל.

אַלע קומען צו צו אים אויף מאָרגן, גיבן שלום־עליכם און פרעגן — היתכן? קומט אַזאַ גרויסער מגיד אין שטאָט אַריין ווי אַ נעלם.

— ווען האַלט איר די צווייטע דרשה? — פרעגט מען ביי אים.

— ווען איך וועל נישט האָבן קיין געלט אויף ברויט.

— און היינט? מאָרגן?

— ניין!

און אין אַ פּאָר טעג אַרום גייט ער צו ווידער צום שמש און בעט אויסרופן, אַז ער וועט האַלטן אַ דרשה.

דאָס מאָל זענען געבליבן מער מענטשן, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן יידן אָנגעהויבן לויפן אין בית־המדרש אַריין. עס איז גיך געוואָרן געפּאַקט, און דער מגיד האָט געהאַלטן אַ שאַרפע, אַ פרומע, אַ קלוגע און אַ בייזלעכע דרשה.

דער עולם האָט געגאַפט.

נאָך דער דרשה האָבן הונדערטער געגעבן אים שלום־עליכם און די שענסטע באַלעבאַטים האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך אויף וועטשערע היינט, אויף מאָרגן און אויף שבת, — דער מגיד וועט דאָך האַלטן נאָך אַ דרשה, ער וועט דאָך אונדז נישט פאַרשעמען.

דער מגיד שווייגט, פון גיין צו אַ באַלעבאָס אויף וועטשערע זאָגט ער זיך אָפּ — עס איז נישט זיין דרך...

און שפּעטער האָט אים דער שמש צוגעטראָגן דאָס געלט, וואָס איז געווען אין אַ קופּערנער שיסל.

ער האָט נישט געציילט דאָס געלט. ער האָט עס אַראָפּגעלאָזן אין קעשענע און קיין וואָרט נישט געזאָגט.

שפּעט, ווען מיר לערנערס זענען אַוועק פון בית־מדרש, האָט דער מגיד זיך געשאָקלט איבער אַ ספר.

אויף מאָרגן אין דער פרי,ביים ערשטן מנין, דערציילט מען וועגן דער דרשה פון דעם מאָדנעם מגיד, מען דערציילט חידושים, אָבער ווו איז דער מגיד? נישטאָ אין בית־המדרש, נישטאָ.

צום אַנדערן מנין חזרט זיך איבער דאָס נעמלעכע. מען דערציילט חידושים וועגן מגיד און מען פרעגט — ווו איז דער מגיד? אָט דאָרט פלעגט ער זיצן. נישטאָ דער מגיד.

און ער איז נישט געווען ביי טאָג, פאַרנאַכט און ביינאַכט.

ער איז אַוועק הפנים ביינאַכט פון שטעטל.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט אַ ייד פון אַ שכנהשן שטעטל און דערציילט אַ מאָדנע מעשה וועגן אַ מאָדנעם מגיד, וואָס איז נעלם געוואָרן.

און אונדזערע שטעטלשע יידן כאַפּן זיך:

— דאָס איז דאָך דער מגיד, וואָס איז געווען ביי אונדז, דער זעל־ביקער...

אַ טשעקאַווער מגיד, שאָקלען יידן מיט די קעפּ. יאָ, אַ טשעקאַווער מגיד...

XXI

פון גמרא צום ביכל

אַן שווערן אינערלעכן און אַן בייזן אויסערלעכן קאַמף בין איך אריבער פון דער גמרא צום ביכל

גאַנץ נאַטירלעך און זייער בהדרגהדיק איז עס פאָרגעקומען; צום אָנהייב איז די גמרא און דאָס ביכל געווען שותפות און ביסלעכווייז האָט זיך די גמרא אָפּגערוקט און דאָס ביכל האָט אינגאַנצן מיך פאַר־כאַפּט.

גמרא און ביכל זענען שוין דאַן ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען קיין פייער מיט וואַסער: באַלעבאַטישע בחורים האָבן געלערנט מיט התמדה תלמוד און מיט דער זעלביקער התמדה, אפילו מיט דעם זעל־ביקן ניגון געלערנט רוסישע ביכלעך. און טאַקע אין בית־המדרש האָט מען געלערנטביידע זאַכן.

געווען ביי אונדז אַ באַלעבאַטישער בחור, דאָדל האָט ער געהייסן, פלעגט ער לערנען מיט אַ גוואַלדיקן מוחל און רעש. ער פלעגט זיך צע־שרייען „אמר אביי" מיט אַזעלכע גוואַלדן און מיט אַזאַ געפילדער, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז אביי איז מרעיש־עולמות. דער דאָזיקער בחור פלעגט דריי שעה אין טאָג לערנען רוסיש מיט דעם זעלביקן געפילדער און רעש. קרילאָוו אַ פאַבל אין רוסיש פלעגט ער לערנען מיט דער זעלבער דבקות און ווילדער באַגייסטערונג.

אויף אים קוקנדיק האָבן אַנדערע לערנער אויך געטון דאָס נעמ־

לעבע און אזוי ארום איז דער בית־מדרש געווארן עטלעכע שעה אין טאג א שול פאר לערנען רוסיש.

געגומען האט זיך עס פון א גזירה: אין פוילן איז ארויסגעגעבן געווארן א באפעל פון דער רעגירונג, אז רבנים מוזן האלטן אן עקזאמען אין דער רוסישער שפראך און אין עלעמענטארע אלגעמיינע למודים.

זענען פיל יונגע רבנים געווען געצווונגען צו נעמען זיך לערנען רוסיש.

אין דעם שכנישן קלעצק, ווו איך האב געלערנט א קורצע צייט, איז געקומען א יונגער רבל פון פוילן צו זיין שווער, צוגרייטן זיך צום עקזאמען.

דער יונגער רבל איז געווען זייער פרום. ער איז געווען פרום מיט אזא שטילקייט, מיט אזא מתיקות און מיט אזא התפשטות־הגשמיות, אז ביי זייטיקע פלעגט דאס הארץ צעגיין פון מתיקות.

און דער דאזיקער אמת פרומער רב האט געמוזט אוועקלייגן אלץ אן א זייט און נעמען זיך צו רוסיש.

דאס האט זיך צעטראגן צווישן די לערנער, ווארום יעדער לערנער האט זיך געגרייט צו זיין א רב און אלע האבן זיך גענומען לערנען רוסיש באצייטנס, כאטש די גזירה איז געווען חל בלויז אין פוילן און נישט אין ליטע און אנדערע געגנטן, זענען אבער אלע געווען זיכער, אז נישט היינט איז מארגן וועט די גזירה חל זיין אין גאנץ רוסלאנד.

צום רוסישן ביכל האב איך זיך גענומען טאקע, ווען איך האב געלערנט אין דעם שכנהשן שטעטל, ווו דער פוילישער רבל איז געקומען גרייטן זיך צום עקזאמען.

דער יונגער רבל האט מיך ממש באצויבערט; ער איז געווען הויך און מאגער, אינגאנצן אין שווארצן אנגעטון, ציכטיק, מאיעסטעטיש האט ער אויסגעזען אין זיינע לאנגע, שווארצע קליידער. זיין געזיכט איז געווען מילך־ווייס און ארומגעזיימט מיט א קויל־שווארץ בערדל, דער שטערן א הויכער און א ווייסער ווי שניי, און א פאר שווארצע, גליענדיקע אויגן האבן אים באשטראלט.

שטיל איז ער געווען, אזוי שטיל, אז מען האט קוים געהערט זיינע טריט, עפעס ווייכע, שטילע, נישט קיין ערדישע טריט האט ער געהאט.

זיין דאַוונען איז געווען שטילער געוויין, רירנדיקע תחנונים. איינ־געוויקלט אין טלית פלעגט ער שטיין קוים שאַקלענדיק און אַ זיסע וויינענדיקע שטים פלעגט זיך צעטראָגן איבער דעם בית־המדרש.

נאָכן דאַוונען פלעגט ער אַזוי שטיל און זיס־תחנונימדיק לערנען.

נאָכן לערנען פלעגט ער זיך מיט אַ טיפן זיפץ נעמען זיך לערנען רוסיש.

איז ער אַמאָל צוגעקומען צו מיר און האָט מיר שטיל, ווייך געזאָגט: דו האָסט באַדאַרפט באַצייטנס זיך נעמען און אָראָפּפּטרן די טומאה, עס איז אַ גזירה, דינא דמלכותא.

און ער האָט מיר אויסגעלייגט צענדליקער שטעלן פון תלמוד, אַז מען מעג בכלל לערנען פרעמדע לשונות און פרעמדע חכמות, בפרט נאָך אַז עס איז אַ גזירה.

הפנים ער האָט געזוכט אַ היתר, כדי צו באַרואיקן זיין געוויסן.

ער האָט געהאַט אַ לערער, וואָס פלעגט מיט אים לערנען אין אָוונט, האָט ער מיר פאַרגעלייגט לערנען מיט אים צוזאַמען.

יעדן אָוונט פלעג איך קומען אין דעם באַלעבאַטישן הויז פון זיין שווער. אין אַ באַזונדער ריינינקן צימערל פלעגן מיר זיך פאַרשפאַרן מיטן לערער און עפּעס ווי זינדיקע, ווי פאַראורטיילטע זיצן און לערנען די־פרעמדע ווערטער און די פרעמדע למודים.

אין מיטן לערנען פלעגט אַריינקומען די יונגע, שיינע רביצין מיט דריי גלעזער טיי, פלעגט אָוועקשטעלן די טיי שטיל און פלעגט ווי אַ שאָטן פאַרשווונדן ווערן. יעדן אָוונט פלעגט זי אַריינגיין שורשנדיק מיט אירע זיידענע קליידער, מיט אירע שטילע, פאַרחלומטע אויגן, זי פלעגט קיין וואָרט נישט זאָגן, נאָר אָוועקשטעלן די טיי און פאַרשווינדן ווי אַ צויבער־מיידל אין אַ מעשהלע.

אויף מאָרגן פלעגן מיר אין בית־המדרש צוגרייטן דאָס, וואָס דער לערער האָט אונדז אַרויסגעגעבן צו לערנען.

דער לערער איז געווען אַ פּשוטער בחור, וואָס האָט געענדיקט אַ רוסישע פאָלקס־שול, אַ בחור מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ פּאָר וואַסער־דיקע אויגן און מיט אַ פּאָר גרויסע, אומגעלומפּערטע הענט.

דער רב האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מסתמא פון דעם רוסיש האָט דער לערער באַקומען אַזאַ מגושמדיקן אויסזען.

פון אָנהייב איז דאָס לערנען געגאַנגען לייכט, אָן קלעמענישן און ערגערנישן; עפּעס נאַרישע מעשהלעך האָבן מיר געלייענט און מיר פלעגן זיי אויפנעמען מיט בטול און חוזק.

שפּעטער האָט דער לערער אָנגעהויבן מיט אונדז לערנען פּושקינס רוסישע פאָלקס־לעגענדע „רוסלאַן און ליודמילאַ”.

און איינמאָל, איבערלייענענדיק דאָס וואָס דער לערער האָט מיט אונדז געלייענט, האָט דער יונגער רב זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרטראַכט און געזאָגט שטיל:

— רבונו של עולם, פאַרוואָס שטראָפסטו אונדז, פאַרוואָס צווינגסטו אונדז צו לערנען אַזעלכע שטותרייען.

און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם יאוש, וואָס איז געלעגן אויף דעם זיידענעם פּנים פון דעם יונגן רב.

מיך האָט דאָס לערנען פאַרכאַפּט, עס איז פאַר מיר געווען אַ נייעס, און ווי איך האָב אָנגעזאַמלט אַ ביסל ווערטער, האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין לייענען רוסישע מעשה־ביכלעך.

דאָס האָט דער רב באַמערקט און האָט מיך אָנגעהויבן מוסרן: דו מאַכסט דעם טפל פאַר אַן עיקר, אַ גזירה מוז מען פאָלגן, אָבער אָפּגעבן זיך מיט די שטותרייען מער ווי מען מוז איז אַ זינד.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, די ביכלעך האָבן מיך פאַרכאַפּט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מיר דער רב געזאָגט, אַז מער נעמט ער מיך נישט מיט זיין לערער.

איך האָב זיך ביי אים געבעטן, איך האָב מבטיח געווען צו אוועקוואַרפן די ביכלעך, עס האָט נישט געהאָלפן. עד האָט געטענהט אַז צוליב אים בין איך נכשל געוואָרן און ער קען אויף זיך נישט נעמען ווײטער די עבירה.

און אַזוי איז צערונען געוואָרן אַ שיינער חלום. דאָס קליינע ריינע צימערל, די יונגע רביצן, וואָס פלעגט אַריינקומען ווי אַ צויבער־מיידל

אין אַ מעשהלע און דאָס גאַנצע ציכטיקע, ליכטיקע וועלטל, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן רב.

⁂

לייענען ביכלעך איז ביי מיר געוואָרן כמעט אַ ליידנשאַפט. אין שטעטל איז גאָרנישט געווען אַזוי פיל ביכער וויפל איך האָב געקענט דורכלייענען. דורך פאַרשידענע וועגן, כמעט מיט שערלאָק האָלמשע מעטאָדן בין איך דערגאַנגען ווו און ביי וועמען עס איז דאָ אַ ביכל, אַ רוסיש, אָדער אַ העברעאיש.

די פיבערהאַפטע זוכעניש נאָך ביכלעך האָט מיך צונויפגעפירט מיט מענטשן, מיט וועלכע איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט אין מיין לעבן.

אין איטלעכן יידישן שטעטל זענען געווען אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער דומע, אַרום דעם פּריסטאַוו, אַרום די פּריזיוום און אַרום געריכט. דאָס זענען געווען מייסטנס ווינקל־אַדוואָקאַטן, פינצ־טערע פּאָליטיקער און הפקר־יונגען, וואָס פלעגן זיין פאַרמיטלער אין כאַבאַר־געשעפטן. די דאָזיקע חברה־לייט האָבן גערעדט און געשריבן רו־סיש, פלעגן פירן חברשאַפט מיט רוסישע עלעמענטן פון שטעטל: מיט דער פּאָליציי, מיטן גלח, מיטן רוסישן לערער פון פאָלקס־שול, מיטן אַקציזניק און מיט אַלע אַנדערע טשינאָווניקעס.

מיין זוכעניש נאָך ביכער האָט מיך פאַרפירט אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע.

צום אָנהויב האָט מיין נאַאיוויטעט מיך פאַרבלענדט. איך האָב זיך גאָרנישט צוגעקוקט צו די דאָזיקע מענטשן, אגב זענען מיינע באַגעגענישן מיט זיי צום אָנהויב געווען זייער קורצע און זאַכלעכע. ביסלעכווייז אָבער בין איך דערנענטערט געוואָרן צו זיי און אַ פינצטערער אָפּגרונט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר.

איינמאָל שבת בייטאָג בין איך אַריין צום ווינקל־אַדוואָקאַט אָפּ־געבן אים צוריק עפּעס אַן אַלטן רוסישן זשורנאַל, וואָס איך האָב ביי אים גענומען. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן טומל און גע־שריי, אַ גאַנצע כאַפּטע מענטשן, אַלע טויט־שכורע, האַלב־נאַקעטע,

צעשויבערטע און ווילדע האָבן געשריגן הייזעריק, געפּאַכעט מיט די קולאַקעס און געקלאַפּט איבערן טיש.

דאָ איז געווען דער פּריסטאַוו, דער שרייבער פון דער דומע, דער פאָלקס־לערער, דער אַקציזניק, מײַן באַקאַנטער ווינקל־אַדוואָקאַט, נאָך אַ ייד אַ כאַבאַר־מעקלער, דעם רבס לערער און אַ פּאָר קריסטלעכע פרויען.

איך בין אַריין אין צימער און איך בין אויף טויט דערשראָקן געוואָרן און זיך אָנגעהויבן רוקן צוריק צו דער טיר, אָבער דאָ איז אויפגעשפּרונגען דער ווינקל־אַדוואָקאַט און מײַן געוועזענער לערער, האָבן מיך גענומען פאַר די הענט און נישט געלאָזט גיין צוריק.

— ניין, ברודערקע, — האָט דער ווינקל־אַדוואָקאַט געשריען — דאָ וועסטו בלייבן, וועסט נעמען אַ כוסה מיט אונדז.

מײַן שרעק און פאַרלאָרנקייט האָט אפנים אַלעמען אַמוזירט און דער גאַנצער עולם האָט זיך גענומען צו מיר. דער פּריסטאַוו האָט געשריגן הייזעריק, אַז אויב איך וועל נישט טרינקען, וועט ער מיך אַרעסטירן, אָוועקשיקן אויף קאַטאָרגע.

און אַ פּאָר ווייבער האָבן געלאַכט היסטעריש.

איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרויסרייסן פון זייערע הענט, דאָס געלעכטער איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און נאָך הילכיקער.

אַ צענדליק געזונטע הענט האָבן מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. מען האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן און אַלע האָבן געפאָדערט, אַז איך זאָל טרינקען. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט: מיר האָט זיך געדוכט, אַז מען וויל מיך פשוט פאַרסמען.

אַלע שכורע, האָט מײַן עקשנות זיי אויפגעבראַכט און זיי האָבן אָנגעהויבן בייז פאָדערן, אַז איך זאָל טרינקען. דער פּריסטאַוו האָט זיך אַזש פאַרמאָסטן צו שלאָגן מיך, דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מײַן געוועזענער לערער און האָט מיר אויף יידיש געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא; מען קען גאָרנישט העלפן, די ערלים זענען שכור און עס איז אַ סכנה צו אַריינברענגען זיי אין כעס. טרינק

אוים אַ גלעזל און איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט זיך אַרויסמאַכן פון זיי.

איך האָב מיט ציטערדיקע הענט גענומען דאָס גלעזל און אַ זופּ געטון אַביסל.

— אינגאַנצן זאָל ער אויסטרינקען, — האָט דער פּריסטאַוו געשריגן — אינגאַנצן!...

— טרינק אוים, און זאָל ער אַ מיתה משונה איננעמען, האָט מיין באַשיצער, דער לערער, מיר געראָטן.

איך האָב האַסטיק אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע גלעזל בראָנפן.

— אָט אַזוי, בראַוואָ! — האָט דער פּריסטאַוו געשריגן.

— איך האָב זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין.

— ניין, באַטיושקאַ (פאָטערל) — האָט דער פּריסטאַוו מיר פאַר־שטעלט דעם וועג צו דער טיר, — דו וועסט טרינקען נאָך אַ צווייטס, אַ דריטס און אַ פערט גלעזל.

— לאָז אָפּ, לאָז אָפּ, — האָט זיך מיין געוועזענער לערער געבעטן ביים פּריסטאַוו — זעסט דאָך, אַז ער איז אַ יינגל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטרונקען, ער איז אַ דוכאָוונער, ער גרייט זיך צו זיין אַ רב.

דאָ ערשט האָט זיך דער עולם צעלאַזן.

— אַ פּאָדראַבינעק (אַ רבל), — האָט דער פּריסטאַוו געשריגן — אַזאַ יונגער, אַזאַ שנעק, אַזאַ מילך־זויגער, גים אים אָן נאָך אַ גלעזל. דוכאָוונע (רעליגיעזע) מענטשן קענען טרינקען, אָט זשליאָקעט (זופּט) אונדזער גלח ווי אַ פּאָזשאַרנע קישקע.

די עטלעכע יידן האָבן זיך שוין אויך דערשראָקן און אַלע האָבן אָנגעהויבן בעטן דעם פּריסטאַוו, אַז ער זאָל מיך אָפּלאָזן, אָבער דער פּריסטאַוו מיט די אַנדערע גויים האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך זאָל נאָך טרינקען.

צוויי צדדים האָבן זיך געשאַפן: די יידן זענען געשטאַנען אויף מיין זייט, אַז איך זאָל נישט טרינקען און די גויים זענען באַשטאַנען מיט אַ ווילדער עקשנות, אַז איך זאָל יאָ טרינקען.

די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט: מען האָט זיך אָנגעהויבן קריגן.

דאָן איז צו מיר צוגעלאָפן דעם באַלעבאָס װײַבל אַ דערשראָקענע און האָט מיר מיט רציחה נעזאָגט אויף ײִדיש:

— װעלכער שװאַרץ יאָר האָט אײַך אָנגעטראָגן אַהער, טרינקט און מאַכט אונדז נישט אומגליקלעך.

זי האָט מיר אָנגעגאָסן אַ צװײט גלעזל און מיט רציחהדיקע אויגן געשטאַנען איבער מיר און געפאָדערט, איך זאָל אויסטרינקען.

איך האָב אויסגעטרונקען האַסטיק דאָס צװײטע גלעזל.

איז געװאָרן אַ שמחה און אַ גדולה בײַ די שכורים.

— נאָך אַ גלעזל, — האָט באַפוילן דער פּריסטאַװ.

און װײַטער האָבן זיך די ײִדן אײַנגעשטעלט פאַר מיר און װײַטער איז שיער נישט געקומען צו אַ געשלעג.

פּלוצלינג איז דעם פּריסטאַװ אײַנגעפאַלן אַזאַ המצאה:

ער װיל, אַז די װײַבער זאָלן מיך בעטן טרינקען.

— קאַטיאַ, — האָט ער זיך געװענדט צו אײנער פון די פרויען, — בעט אים, ער זאָל טרינקען, בעט אים גוט, װי װײַבער קענען בעטן.

אַ געזונטע, שטאַרקע רוסישע פרוי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ היסטעריש געלעכטער צוגעגאַנגען צו מיר, גענומען מיך גלעטן, מאַכן קאָמישע חנדלעך און בעטן מיך, איך זאָל טרינקען אַ דריט גלעזל.

— גיב אים אַ קוש, קאַטיאַ, — האָט דער פּריסטאַװ באַפעלעריש אַ געשריי געטון.

די פרוי האָט זיך צעלאַכט און האָט מיר אַ קוש געטון, און צוגע־טראָגן דאָס גלעזל צו מײַן מויל און מיט גװאַלד אַרײַנגעגאָסן דעם בראָנפן אין מײַן מויל אַרײַן.

עס איז מיר פינצטער געװאָרן אין די אויגן, איך בין בלײַך גע־װאָרן און מײַן קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש װי אַן אָפּגעהאַקטער.

װאָס עס איז געװען װײַטער געדענק איך נישט.

איך בין אַ קראַנקער, אַ דערשלאָגענער און עפּעס אַ באַשפּיגטער אַרויס פון דעם אַדװאָקאַטס הויז.

מײַנע מאָראַלישע יסורים זענען געװען שרעקלעכע: איך האָב גע־קוקט אויף מיר עפּעס װי אויף אַ פאַרשװעכטן, װי אויף אַ געפּסלטן און װי אויף אַ פאַראומרײניקטן. און אַלץ װאָס האָט מיך געפירט צו

דעם איז פסול און טמאדיק געוואָרן אין מיינע אויגן: די רוסישע שפּראַך, די רוסישע ביכלעך, די וואָס רעדן רוסיש און די, וואָס האָבן אַ וועלכע עס איז מגע־ומשא מיט רוסיש און מיט רוסן.

און אויף מיין גאַנץ לעבן איז מיר געבליבן אַן עקל צו משקה און עפּעס אַ פאַראורטייל קעגן טרינקער.

איך האָב זיך מיט אַ דריקנדיק תשובה־געפיל ווידער גענומען צו דער גמרא, דורך איר האָב איך זיך געוואָלט רייניקן און אָפּווישן די טומאה פון מיר.

עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָב איך מיט אַ משונהדיקער התמדה געלערנט.

מיין יונגער קערפּער און די יונגע נשמה זענען גיך אויסגעהיילט געוואָרן: עס איז אַלץ ווי פאַרגעסן געוואָרן און ביסלעכווייז האָב איך זיך צוריקגעקערט צום ביכל, אָבער נישט צום מעשה־ביכל, נאָר צו אַ לערן־ביכל. שטיל און מיט גרויסע עקשנות האָב איך זיך גענומען צו לערנען. און איטלעכעס שטיקל וויסן, וואָס איך האָב אויסגעלערנט פון די לערן־ביכער, האָט מיך געשטאַרקט מאָראַליש און מיך געפּעסטיקט אויך פיזיש.

אָבער עלנט, אַן אַ פירער, אָן אַ וועג־ווייזער איז מיין זעלבסט־בילדונג געווען אַ כאַאָטישע, אַ סיסטעמלאָזע און אַ צעטומלטע. און דאָ האָט מיך דער גוטער שיקזאַל צונויפגעפירט מיט איינעם, וואָס האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג.

XXII

אַ וועג־ווייזער אויף אַ ווייל

געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ ייד, אַ מלמד אין אונדזער אָרימער און פאַרוואָרלאָזטער ת״ת איז ער געווען.

עפּעס דער איינזאַמסטער ייד איז ער געווען ביי אונדז. ער האָט נישט געהאַט קיין פרוי, קיין קינדער אַרום זיך, קיין קרובים, קיין פריינט. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין דירה, קיין חדרל צו שלאָפן, דאָס וואָס דער אָרימסטער ייד אין שטעטל האָט געהאַט, ווייל אַלץ איז געווען ביליק, און ביליקער פאַר אַלץ זענען געווען דירות.

ער פלעגט שלאָפן אין דער ווייבערשער שול פון דעם גרויסן בית־המדרש.

אָבער אַ ריינער איז ער געווען.

ער האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואו פון אַ באָד.

בטבע אַ גרויסער שווייגער, פלעגט ער אָבער זיך גערן צערעדן וועגן דעם ענין באָד; ער האָט געהאַט אַ גאַנצע באָד־פילאָזאָפיע, די באָד רייניקט דעם גוף און די נשמה, די באָד גיט געזונט, זי צעבויטעט דאָס בלוט, מאַכט עס פריש און לעבעדיק א. א. וו.

געוווסט האָט מען, אַז ער האָט צוויי זין אין וואַרשע, זיי לערנען דאָרט, זיי שטודירן דאָרט.

וואָס זיי לערנען, וואָס זיי שטודירן האָט קיינער נישט געוווסט.

און וויסן דאַרפט איר, אַז ביי אונדז אין שטעטל האָט מען געוווסט

אלץ וועגן יעדן ייד און זיין משפחה, און וועגן אלץ און אלעמען האט מען געהאט מעשהלעך.

מ׳האט נישט שטארק ליב געהאט קיין טרוקענע פאקטן; אפט פלעגט מען לאזן די פאנטאזיע פלעכטן ארום וויטע מענטשן א מעשהלע פול מיט לשון־הרע, אדער סתם עפעס נישט געשטויגנס און נישט־גע־פלויגנס...

בכלל האט מען מורא געהאט צו פארוואכעדיקן א מעשה מיט רע־אליסטישע פרטים; עפעס האט זיך אלעמען געוואלט מאכן פון אלץ א לעגענדע, א מעשהלע; דאס לעבן, דאסווירקלעכע לעבן, איז געווען אזוי גרוי, אז מען האט געבענקט ממש נאך א מעשהלע.

מען פלעגט עס טון דורך גוזמא; סיי דאס גוטע און סיי דאס שלעכטע האט מען מוראדיק מגזם געווען.

עפעס האט מען אויסגעמיטן צוצוגיין נאענט צו א געשעעניש און באטראכטן דאס ניכטער, אפנים דאס ארימע פינצטערע לעבן האט ארויפגעווארפן א מורא פאר דער ווירקלעכקייט, פלעגט מען פאנטאזירן אנשטאט דערציילן פאקטן.

אבער וועגן די זין פון דעם מלמד האט קיינער נישט געוווּסט צו זאגן עפעס.

דער אלטער תלמוד־תורה־מלמד האט זיכער געוווּסט עפעס געענוי־ערס וועגן זיינע צוויי קינדער ערגעץ אין מרחקים, אין ווארשע, אבער ער איז געווען סתם א קליינער שמועסער און צו דעם האט ער נישט געוואלט האבן זיינע צוויי קינדער אויף פרעמדע צינגער.

וויפל איך האב נישט געזוכט צו דערגיין ביי אים עפעס וועגן זיינע קינדער, האב איך גארנישט ארויסבאקומען ביי אים.

אין א שיינעם פרימארגן איז איינער פון זיינע זין געקומען אין שטעטל. אן ארימער, אין אלטע קליידער, א בלייכער און א שטילער איז ער געקומען. פלעגט ער זיצן אין דער שוסטערישער שול אין א ווינקל און לייענען, לייענען און מיט קיינעם קיין מגע ומשא נישט געהאט.

און איינמאל אין א ווינטער־אוונט, ווען קיינער אויסער מיר און אים זענען נישט געווען אין דער דאזיקער שול, האב איך זיך צוגערוקט צו אים און מיר האבן זיך פונאנדערגערעדט. ער האט זיך פאראינטע־

רעסירט מיט מיין לערנען און ער האט מיך אנגעהויבן אויספרעגן, אנ־טאפּן מיינע ידיעות און ער האט זיך אנגעשטויסן אויף דעם כאאס אין מיינע ידיעות, וועלכע איך האב אליין, בלאנדזשענדיק, אנגעהויפט אן א סדר און אן א טעם.

ביז שפּעט אין דער נאכט האט ער מיך עקזאמינירט: ער איז אבער נישט פּארטיק געווארן. דעם צווייטן טאג האט ער מיך ווידער גענומען אויפן פאַרהער. אין א דריטן טאג און אין א פערטן טאג האט ער געניש־טערט אין מיין אָרימען גייסטיקן פאַרמעגן.

און אויפן פערטן טאג שפּעט אין דער נאכט, האט ער רואיק ארויסגעגעבן זיין משפּט:

— איין געגנשטאנד קענסטו גוט, דו קאנסט העברעאיש. חוץ דעם דאַזיקן געגנשטאנד ווייסטו אזוי גוט ווי גאַרנישט.

איך האב אויסגעהערט מיין אורטייל מיט א זייער שווערן געמיט. ער האט עס מסתמא באמערקט און האט מיך אנגעהויבן טרייסטן, און צום סוף האט ער מיר פאַרגעלייגט צו זיין מיין וועג־ווייזער.

און עס האט זיך פאַר מיר אנגעהויבן די בעסטע צייט פון מיין לערנען. נעכט פלעג איך אפּזיצן מיט אים, און דאס זענען געווען די ליכטיקסטע נעכט: יעדער למוד איז פאַר מיר געווארן קלאר, דייטלעך. מיינע ידיעות זענען בולטער געווארן. זיי האבן זיך עפּעס געבונדן איינע מיט די אנדערע; אין כאאס איז אריינגעדרונגען קלאַרקייט, ווונ־דערלעכע קלאַרקייט.

א קלאָרן קאפּ האט דער יונגער מענטש געהאט און אלץ וואס ער האט געלערנט, האט ער געוווסט מיט א גרויסער גרינטלעכקייט און מיט דער גרעסטער פשטות. ער האט אפילו אין מיינע קענטעניש פון העברעאיש, וואס זענען געווען גרעסערע פון זיינע, אריינגעבראכט זין, סיסטעם און באוווסטזיניקייט.

א פּאָר חדשים האט עס געדויערט.

אלמעכטיקער גאט, וואס פאר א וווּנדערלעכע חדשים דאס זענען געווען.

דער נעפּל אין מיין מוח איז צערונען געוואָרן, יעדער למוד האט

באקומען קלאָרע און שאַרפע ליניעס, ער האָט באקומען זיין באשטימטן טעם און ריח און זיין אייגנארטיקן כאראקטער.

פון כאָאס איז באשאפן געוואָרן א סיסטעמאטישע וועלט.

איך האָב אָנגעהויבן דערפילן א בוך, דערשפירן זיין גייסט, אָנטאפן זיין פארב און נאָכפאָלגן זיין אידעען־גאַנג.

דער אָנגעהויפטער באַלאַסט פון נישט פאַרדייטן ווייסן איז אראָפּגעפאַלן, דער פּלפּולדיקער צוגאַנג צו פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס איך האָב דערוואָרבן פון לערנען אין די ישיבות, איז צערונען געוואָרן. שטרענגע לאָגיק, פּשטות און גרינטלעכקייט האָבן פאַרנומען זיין אָרט.

און איינמאָל, אויך שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער מיר שטיל און פּשוט געזאָגט:

— איך פאָר אוועק די טעג. דו ביסט שוין אויפן וועג, אָבער דאָ אָן א פירער, אָן ביכער און אָן א סביבה, וועט פון דיר גאָרנישט אַרויסקומען; פאָר אוועק פון דאַנען אין גרעסערע שטעט, דאָרט גרייט זיך צו און פאָר קיין אויסלאַנד.

איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן:

— ווי וועל איך פאָרן, מיינע עלטערן זענען נישט קיין רייכע. איך האָב קיינעם נישט אין קיין שטאָט...

און דאָ האָט מיין נייער, שטילער און דערוואַקסענער פריינט צום ערשטן מאָל מיר דערציילט, ווי אַזוי ער און זיין ברודער זענען אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען און וואָס זיי שטייען עד־היום אויס.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז געקומען צו זיין פאָטער אין אונדזער קליין שטעטל צו אָנעסן זיך מיט שוואַרץ ברויט צו זאַט, כדי ער זאָל קענען הונגערן ווייטער אין וואַרשע.

און דאָ האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז זיין שטילער, גוטער טאַטע, שלאָפט אין דער ווייבערישער שול, ווייל ער שיקט אים און זיין ברודער כמעט אַלץ וואָס ער פאַרדינט; ער לאָזט פאַר זיך איבער בלויז אויף ברויט און באַר־געלט.

ער שלאָפט אין דער ווייבערשער שול און שפּאָרט איטלעכן גראָשן פאַר אונדז.

און ער האָט מיט די שוואַרצסטע פאַרבן געשילדערט זײַן לעבן אין וואַרשע.

אַ שרעקלעך בילד איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן.

ער האָט מיר דערצײלט, אַז ער און זײַן ברודער זענען פיל נעכט אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, ווײל זײ האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר זײער צימער, ער און זײַן ברודער טוען אָפט שוואַרצע אַרבעט, כדי צו פאַרדינען עטלעכע קאָפּיקעס.

און אַרײַנציענדיק זיך אין זײַן דערצײלונג וועגן זײַן און זײַן ברודערס גורל, איז ער געוואָרן ביטער: ער האָט אָנגעהויבן שיטן שוועבל און פעך אויף די פאַרמעגלעכע ײדן, אויף די ײדישע געזעלשאַפטן און אויף די קהלשע קליאַמקעס; זײערע הערצער זענען פון שטײן און זײערע קאָפּ־קאַסטנס זענען אָנגעשטאָפּט מיט טראַטשינע אנשטאַט מאָרך.

מיט שרעק און שטױנונג האָב איך אויסגעהערט זײַנע ביטערע איבערלעבונגען.

— מען דאַרף אַנטלויפן פון ײדן... — האָט ער אײנמאָל מיט צאָרן אויסגעשריגן.

ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און האָט מיט אַ ביטערן שמײכל געזאָגט:

— דו וועסט אַלץ אַלײן זען און איבערלעבן, ווען דו וועסט אַרויס אין דער גרויסער וועלט.

און מער האָט ער מיט מיר נישט גערעדט וועגן זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ער איז געווען אַ פאַרשלאָסענער מענטש, אָבער יעדער פאַרשלאָסענער מענטש מוז אַמאָל אויסלאָדן די ביטערקײט, וואָס זאַמלט זיך אָן אין אים.

איך האָב אָבער טעג און נעכט געטראַכט — מיר איז אויסגעקומען, אַז די וועלט איז פול מיט גזלנים און רויבער...

און דערוווּסט האָב איך זיך גאָר אַ סך רעאַלע אײנצלהײטן וועגן זײַן און זײַן ברודערס שטודירן.

דער ברודער איז שוין ווי עס איז אויף אַ דרך; ער איז אָקאָרשט אָנגעקומען אויפן אוניווערזיטעט, אָבער ער קען נישט לערנען ווי געהע־

ריק, ער מוז די בעסטע שעהען פון זיין צייט אפגעבן אויף פרנסה, בלויז צו דערהאלטן די נשמה אין גוף.

ער מוז לערנען מיט קינדער, גרייטן זיי צו אריינקומען אין גימנאזיע. פאר זיך אליין בלייבט אים די נאכט בלויז. איז ער אבער מיד פון דער זייטיקער ארבעט און ער קען גארנישט טון פאר זיך.

זיין ברודער איז קראנק געווארן פון דחקות, זייער קראנק; דער ברודער איז א שוואכערער פון אים, אבער ער איז ווי עס איז געקומען צו זיך.

— זיי ויסן, זאגט ער מיר, אז דער וועג אויף וועלכן דו פארנעמסט זיך, איז פול מיט דערנער און מיט שטרויכלונגען.

אבער איך ראט דיר פונדעסטוועגן, אז דו זאלסט זיך נישט אפשרעקן, פון דיר קען עפעס ארויס.

גערעדט האט ער קאלט, לאגיש, אן א פונק פון ענטוזיאזם און אן א פונק ווארעמקייט.

מיט יארן שפעטער, ווען איך האב געלעבט אין ווארשע און האב געהאט ממש הונדערטער און הונדערטער באקאנטע פון אלע שיכטן פון דער יידישער ווארשעווער באפעלקערונג, האב איך אנגעהויבן זוכן די צוויי ברידער.

אבער כמעט אלע האבן געקוועטשט מיט די פלייצעס — זיי האבן נישט געהערט פון אזעלכע מענטשן.

בלויז איינמאל האב איך זיך אנגעשטויסן אויף איינעם, וואס האט מיר געקענט געגעבן זייער נעפלדיקע ידיעות וועגן זיי.

און פון זיינע נעפלדיקע רייד און השערות האב איך געקענט צוזאמענשטעלן א בילד פון דעם לעבן פון די דאזיקע צוויי ברידער:

זיי זענען צוויי נישט־קאנטיקע מענטשן אין דעם גרויסן און ברויזנדיקן יידישן מיטל־קלאס אין ווארשע.

זיי האבן גענומען יידיש־פוילישע פרויען, פרויען פון מיטל־קלאס, וואס רעדן פויליש, און דאס איז זייער איינציקער שטאלץ און אטעמטאט פון אינטעליגענץ.

זיי האבן קינדער אין א גאנץ היפשער צאל.

זיי האָבן שטענדיק, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט צו לעבן אַ נישט־איבעריק זאַטן און נישט־איבעריק קאַנטיק לעבן.

זיי זענען גוטע קליינבירגער.

זיי פּאַרטשעפּען זיך מיט קיינעם נישט, זיי זענען אויסערסט סאָליד; זיי צאָלן זייער דירה־געלט און די גאַז־און־עלעקטריק חובות מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

זיי לעבן שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען הערט זיי נישט.

זיי לעבן עפּעס אין אַ זייט, אַז מען זעט זיי נישט.

אָט ריכטיק ווי זייער טאַטע דער מלמד אין תּלמוד־תּורה, וועלכן קיינער זעט נישט און הערט נישט.

יאָ, די לעגענדע וועגן די צוויי קינדער פון דעם אָרימען תּלמוד־תּורה מלמד איז אינגאַנצן צערונען געוואָרן, ווען איך האָב דערזען מיינע אַמאָליקע העלדן ווי זיי זענען אויס אין דער ווירקלעכקייט.

איך האָב עפּעס מורא געקריגן צו באַגעגענען זיך מיט די צוויי ברידער אין וואַרשע, מיט די אָפּגעבליאַקירטע העלדן פון מיין יוגנט; איך האָב דאָן געזען טאָג־טעגלעך פאַר מיינע אויגן אַן אמתע לעגענדע, אַ לעבעדיקע און אַ ווירקלעכע לעגענדע, איך פלעג זען כמעט טעגלעך י. ל. פּרצן...

***

יאָ, דער בעסטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיינע יונגע יאָרן איז אוועקגעפאָרן. איך בין געבליבן אַליין, אַזוי עלנט און אַזוי אומבאַהאָלפן.

און קיין אַנדערער מיט וועמען אַן עצה צו האַלטן איז נישטאָ; די עטלעכע כלומרשטע אינטעליגענטן זענען געווען ציניקער און טאַקע אויך אַנטוישטע, ביטער אַנטוישטע. זיי האָבן, מסתּמא ווי איך, געבלאָנ־דזשעט, ביז זיי זענען באַין ברירה געוואָרן ווינקל־אַדוואָקאַטלעך, שריי־בערלעך, אָט ווי די, וואָס איך האָב געטראָפן שיכורע און האָבן מיך געצוווונגען צו טרינקען מיט זיי.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן יאוש, איך פלעג אַרומ־בלאָנדזשען הינטער דער שטאָט אַליין, זיצן אין וועלדל ביים שטעטל.

וואָכן בין איך געווען אַ הולך בטל, איך האָב נישט געלערנט קיין זאַך.

ביז איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיין ליידיק־גיין, דער מתמיד אין מיר האָט זיך דערשראָקן אויף טויט — וואָס הייסט אַרומגיין ליידיק און גאָרנישט טון.

עס שטאַרבן טעג אָן אַ תיקון, יונגע טעג...

און די יוגנט האָט געטון דאָס איריקע; אין אַ שיינעם פרימאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען אַ מונטערער און מיט אַ פעסטן באַשלוס וואָס צו טון:

איך פאָר אוועק פון שטעטל, איך פאָר אוועק קיין פינסק.

און אַזוי האָב איך אין עטלעכע וואָכן אַרום געטון.

יאָ, איך פאָר אוועק פון מיין שטעטל, פון מיין היים, ווו אַלץ איז היימיש און ליב, עס איז אפילו ליב די פינצטערע אָרימקייט, עס זענען אפילו ליב די אַלע אָרימע און פינצטערע מענטשן.

איך פאָר אוועק.

דאָס הייסט, איך נעם מיין גורל אין מיינע אייגענע יונגע, נישט־דערפאַרענע הענט.

וואָס עס דערוואַרט מיך ווייס איך נישט.

אָבער אַ געזונטן בטחון טראָג איך אין מיין יונג האַרץ. אַ בטחון, וואָס גיט מוט, זיכערקייט און גלויבן.

און אין אַ גרויען פרימאָרגן, ווען מיין שטעטל האָט געקרעכצט פון שלאָף, האָט דער בעל־עגלה מרדכי „הורג״ אָנגעקלאַפּט אין מיין פענצטער. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האַסטיק, גענומען מיין אָרים און קליין פּעקעלע, אין וועלכן עס זענען געווען עטלעכע לער־ביכער און עטלעכע העמדער, פאַרלאָזט מיין שטעטל און אוועקגעפאָרן קיין פינסק. איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון מיין שטעטל ווי פון אַ שרעקלעכן שונא, וואָס האָט געלויערט אויף מיר.

און ווען די באַן האָט אַ פייף געטון, איז מיר געוואָרן אַזוי לייכט: עפּעס זענען קייטן אַראָפּגעפאַלן פון מיינע הענט און פיס, עפּעס זענען טירן פון תפיסה געעפנט געוואָרן און מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

אײנער אלײן, א זיבעצן־יעריק בחורל לאָזט זיך אין דער גרויסער, געהײמניספולער װעלט ארײן. אָבער א פרײער, אָן התחיבותן צו קײ־נעם, אָן אַ האר איבער זיך און אָן א געביטער, װאָס האלט דיך אונ־טערטעניק.

אין דער פרי, װען מײן װאגאָן איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, יידן האָבן זיך געװאשן, געדאװנט און אָנגעהויבן עסן, דורכשמועסן זיך און באַקענען זיך, בין איך אויך אַרײנגעצויגן געװאָרן אין דעם לעבן פון װאגאָן.

מען האָט מיך אויך ארומגעטאַפּט פון אַלע זײטן: װער בין איך, װוהין פאָר איך און װאָס איז מײן טועכץ.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פינסקער ייד, האָב אים אָנגע־הויבן אויספרעגן װו פאָרט מען ארײן, װו ליגט מען אװעק מײן פעקל, װי זוכט מען חיונה און צו װעמען קען מען זיך װענדן נאָך אן עצה און פרײנטשאַפט.

אָבער זײער טרויעריקע ידיעות האָב איך באקומען פון מײן נײעם באַקאַנטן: אין פינסק איז אַלץ דאָ מיט א װערך, איך װעל דאָרט זײן אינגאַנצן איבעריק. דאָס איז געװען דער סך־הכל פון מײן שמועס מיט דעם פינסקער ייד.

א קאַלטע און א פרעמדע װעלט באַגעגנט מיך באַלד...

אָבער דאָ װאַקסט נעבן מיר אוים א ייד מיט גוטע, שמײכלענדיקע אויגן. זעצט זיך אװעק נעבן מיר און זאָגט מיר פשוט און האַרציק:

— הערט זיך נישט צו צו דעם דאָזיקן ייד, עס איז א ייד, װאָס זאָגט כסדר קדיש נאָך דער װעלט; ער האַלט, אז די װעלט איז שוין לאַנג טויט, אָבער קײנער װײסט עס נישט. ער אַלײן װײסט בלויז דעם סוד, אז די װעלט איז נסתלק געװאָרן און ער זאָגט קדיש נאָך איר.

פינסק איז אַ שטאָט מיט גוטע און האַרציקע יידן.

— איר װײסט גאָר װאָס, זאָגט דער ייד, הפנים זעענדיק מײן יאוש, איר פאַרפאָרט גאָר צו מיר און זײט בײ מיר עטלעכע טעג, ביז איר װעט אָפּזוכן אַ צימערל.

באַלד האָט זיך צוגעזעצט צו אונדז נאָך אַ פינסקער ייד און א

דריטער און אַ פערטער. מען האָט מיך אַריינגענומען אין דער חברה צו כאַפּן אַ ביס.

עס איז געוואָרן לעבעדיק און היימיש אַרום מיר.

און ווען דער ייד, דער פּעסימיסט, איז פאַרבייגעגאַנגען אונדזער חברותא, האָבן אים די יידן גענומען אויפן צימבל:

— זע נאָר, יידל, ווי לאַנג זאָגט מען קדיש נאָך אַ בר־מינן? דאַכט זיך, נישט מער ווי אַ יאָר, און דו זאָגסט קדיש, זינט איך קען דיך, שוין גוטע עטלעכע און דרייסיק יאָר.

דער ייד האָט גאָרנישט געזאָגט.

ער איז אוועק אויף זיין אָרט און איז געזעסן אַליין און אָנגע־דרודלט.

איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען פאַר זיך לעבעדיקע, פריילעכע, וויציקע און שפּאַס־מאַכנדיקע יידן.

און מעשיות האָבן זיי דערציילט טשעקאווע, אַלץ סוחרישע, אַלץ הענדלערישע, אָבער פול מיט גוטן הומאָר און ביז גאָר טשעקאווע.

איך בין אַריין קיין פּינסק מיט אַ בינטל גוטע פריינט, וועלכע איך פלעג שפּעטער אָפט באַגעגענען.

און דער ייד, וואָס האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון יאוש, פלעגט מיך אַמאָל אָפּשטעלן אין גאַס און אַ פרעג טאָן לאַכנדיק:

— נו, די וועלט איז נישט טויט, עס לעבט און וועט לעבן אונדזער טייער און גוט וועלטל.

און איך פלעג מסכים זיין מיט אים.

יאָ, די וועלט לעבט, מען דאַרף קיין קדיש נישט זאָגן נאָך איר.

און עד היום שטייט פאַר מיר דער דאָזיקער שמייכלענדיקער און גוטמוטיקער ייד און כסדר פרעגט ער:

— נו, איז די וועלט טויט?

און איך ענטפער אים:

— יאָ, זי לעבט און וועט לעבן...

XXIII

פינסק

אין די פּאָליעסער בלאָטעס מיט זייערע אומעטיקע און פאַרחושכטע וועלדער ליגט די שטאָט פּינסק. אַרום דער שטאָט ליגן אָרימע, פינצטערע דערפער, אין וועלכע עס לעבן פּויערים נאָך אַזוי ווייט און פרעמד פון קולטור ווי די ווילדע שבטים אין אפריקע.

די הייזער אין די דערפער האָבן נאָך נישט קיין קוימענס און די מלבושים האָבן נאָך נישט קיין קנעפּלעך. די איינוווינער זענען נאָך צו אַ קעמל צו קעמען די האָר פון קאָפּ און זייף צום וואשן זיך נישט דערגאנגען. מענטשן מיט משונהדיקע קאָלטענעס קריכן אַרום אין די בלאָטעס. זייער שפּראַך איז אָרים און ווילד און זייערע אבערגלויבנס זענען געדיכט ווי אין די אוראַלטע געצנדינערישע צייטן.

און אין מיטן דער דאָזיקער ווילדער געגנט ליגט אַ יידישע שטאָט, אַ לעבעדיקע, אַ מונטערע, אַ שטאָט מיט קלוגע, טיכטיקע, שעפערישע און פיינע יידישע מענטשן.

פּינסק איז דאַן געווען די לעבעדיקסטע, די געבילדעטסטע און די פיינסטע שטאָט אין אונדזער געגנט.

פון מיין פאַרזאָרגט און פאַראומערט שטעטל בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָט פון געזונטע, לעבעדיקע און קערנדיקע יידישע מענטשן.

פּינסקער יידן רעדן הויך, שאַרף און וויציק, פּינסקער יידן לאַכן הויך.

זיי האָבן פיינט דעם צעקראַכענעם, ווייכן און יויכיקן „ייד״: זיי זאָגן נישט אַ „טויער״, זיי זאָגן — א „טעווער״; זיי זאָגן נישט אָן „אויער״, זיי זאָגן — „אַן עווער״. דאָס וואָרט איז פולבלוטיק און קנאַלנדיק.

און אַ קלוגער שמייכל ליגט ביי אַלעמען אויף די ליפּן, ענערגיש און זיכער זענען זייערע באַוועגונגען.

און א גוטן, געזונטן און אָפּטימיסטישן הומאָר פאַרמאָגן זיי: זייערע בייזע צינגער בייסן מיט געפּעפּערטע ווערטלעך, פּליעשטשען מיט שאַרפע וויצן, און גוט־ברודעריש, קלאַפּנדיק איינע די אַנדערע איבער די פּלייצעס, פאַלן די ווערטלעך און די וויצן.

די יידישע באַפעלקערונג איז פאַרשידנפאַרביק, פאַרשידנאַרטיק און פילאַרטיק.

און אַ יידישע יוגנט איז שוין דאָרטן דאַן געווען, וואָס איז נישט געווען פאַרשפּאַרט אין בית־המדרש, אַ יידישע יוגנט פון לאַכנדיקע, טומלדיקע, שטרעבנדיקע און דרייסטע בחורים און מיידלעך האָט באַלעבט די גאַסן און געסלעך.

פינסקער מיידלעך: פרישע, געזונטע מיט געזונטער פאַרב אין די באַקן, מיט פרייע באַוועגונגען און מיט שווארצע, ווילערישע אויגן.

שבת שיטן זיי זיך ארויס אין גאַס אין די הונדערטער און עס הילכט אַ יונגער געלעכטער, עס קלאַפּן די געזונטע טריט איבער די שטיינערנע און הילצערנע טראָטוארן און די שווארצע ווילערישע אויגן ברענען און בריען יעדן יונגנמאַן.

אַלע לערנען, די בחורים, די מיידלעך און אויף קיינעם ליגט נישט די מרה־שחורה פון ישיבה־בחורים, אַלע ארבעטן, מסחרן, קרעמערן און פון קיין ברוסט רייסט זיך נישט ארויס קיין שווערער און דריקנדיקער זיפץ.

אַ לעבעדיקע, אַ פרישע התמדה צום לערנען האָט ארומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט, סיי בחורים און סיי מיידלעך. אַלע האָבן געלערנט מיט פרייד, מיט הנאה און מיט האַפּערדיקייט.

דאָס לערנען האָט די פּלייצעס נישט געבויגן, האָט די פּנימער נישט פאַרמרה־שחורהט און דעם געמיט נישט געדריקט.

מײנע באגעגענישן

לערנען העברעאיש איז געװען דאָרט אין דער מאָדע: צענדליקער העברעאישע לערער זענען פאַרנומען פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאכט, צענדליקער רוסישע לערער זענען ארומגעלאָפן פון הויז צו הויז.

איר האָט נישט באַגעגנט קײן יונג מײדל און קײן שום יונגן בחור אָן אַ ביכל אונטערן אָרעם.

אַ ליבטיקע פרײד פון לערנען האָט ארומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט.

בחורים מיט געדיכטע טשופּרינעס, מײדלעך מיט לאַנגע, שװערע צעפּ. יונגעלײט מיט דרײסטקײט אין די אויגן און פרויען עפּעס שטאָלצע, מוטיקע האָבן זיך אָפּן געחברט מיט זײ.

װיפל פרישקײט, דרײסטקײט און זאָרגלאָזיקײט האָב איך אײנגעזויגן אין זיך אין די ערשטע חדשים פון מײן זײן אין דער דאָזיקער ייִדישער שטאָט!

איך האָב זיך אויסגעגלײכט, איך האָב באַקומען לשון, זאָרג און פּראָװינציעלע שעמעװדיקײט זענען פאַרשװונדן געװאָרן.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום בין איך שױן אַרומגעגאַנגען אין פּינסק מיט אַ גאַנצער כאַפּטע יונגעלײט פרײלעכע לונג־און־לעבערס. איך האָב אָנגעטון אַ העמדל, פאַרלאָזט אַ געדיכטע געקרױזטע טשופּרינע, אָנגעטון אַ פּאָר ברילן און בין געװאָרן אַן אמתער „עקסטערן".

עקסטערנס האָבן געהײסן די יונגעלײט, װאָס האָבן נישט געקענט אַרײנפאַלן אין דער רוסישער מיטל־שולע און זײ האָבן זיך פּריװאַט געגרײט צו אַן עקזאַמען אָדער אויף אַלע זיבן קלאַסן מיטאַמאָל, אָדער צום אָנהויב אויף פינף קלאַסן און שפּעטער אויף די איבעריקע.

דער עקסטערן האָט געהאַט געװענלעך אומזיסטע לערער, ייִדישע שילער פון דער רעאַל־שולע פלעגן מיט זײ לערנען, אָבער דער עיקרשט פלעגן זײ אַלײן דורכקריכן דעם קורס.

אָרים איז געװען דער עקסטערן, אָבער ער האָט זיך נישט געשעמט מיט זײן אָרימקײט, פאַרקערט, ער האָט בראַװירט מיט איר.

ער איז געװען אַ שטיקל ניהיליסט און אַ שטיקל הפקר־מענטש בנוגע געלט התחײבותן. האָט ער נישט באַצאָלט דירה־געלט פאַר זײן צימערל, איז װאָס? און װען די באַלעבאָסטע האָט אַרױסגעװאָרפן זײן פּעקל, איז ער נישט שטאַרק נתפעל געװאָרן און האָט עס נישט גענומען שטאַרק

צום הארצן. ער האָט זיך נישט געשעמט צו אָפּעסן ביי א פרעמדן. אים האָט נישט געאַרט, וואָס זיין רעקל איז אָפּגעריבן און די שיך מיט לע־כער; ער האָט נישט מקפיד געווען איבעריק אויף ריינקייט און אפילו אויף עסן.

אָרימע, אָפּגעריסענע, פלעגן די באַלעבאַטישע מיידלעך מיט זיי שפּאַצירן, אָפּגעלאָזענע פלעגן זיי אין די בעסטע הייזער אריינקומען, ווייל דער עקסטערן איז געווען באַלייענט. ער איז געווען שטאָלץ, פריי און שאַרף אין גשפּרעך.

איך בין געוואָרן אַן עקסטערן מיט אַלע הידורים.

מיר איז געפעלן געוואָרן אָט דער דאָזיקער „זשע מאַ׳ן פו״ (איך פייף אויף אַלץ) שטייגער פון לעבן.

מיין גרויסע, געדיכטע טשופּרינע האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן און איך האָב זי געלאָזט וואַקסן נאָך גרעסער. די אָפּצאַסן פון מיינע שיך זענען געווען אויסגעדרייט. האָב איך קאָקעטירט מיט דעם, איז מיין רעקל אָפּגעריבן — וואָס גייט עס מיך אָן? איך לערן, איך שטרעב, איך וועל זיך דערשלאָגן צו בילדונג. דאָס וויסן אַלע און דאָס אכטן אַלע.

אין צימערל געלערנט מיט ברען און מיט דבקות און ארויס אין גאַס אריין, איז א גאַנצע כאַפּטע אזעלכע ווי איך ארום מיר. מיר גייען און טומלען, מיר לאַכן, מיר ווילצלען זיך, מיט באַגעגענען זיך מיט יונגע מיידלעך, מיר זענען ניהיליסטיש, בראַוו, אפּיקורסיש און ראַדיקאַל, אַז הימל עפן זיך...

דעם עקסטערן האָט איר געזען אין אַלע גרעסערע שטעט, וואָס האָבן געהאַט מיטל־שולן, גימנאַזיעס און רעאַל־שולן.

כמעט אַלע זענען געווען נעכטיקע ישיבה־בחורים, קינדער פון דער יידישער אָרימשאַפט, קינדער פון דעם קליינעם יידישן שטעטל.

זיי זענען אין עצם געבליבן די זעלביקע ישיבה־בחורים און די זעלביקע לערנער.

אָבער זיי האָבן אראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שווערן עול פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן מיט זיינע שטרענגע רעסטריקציעס.

און ווי יעדער, וואָס רייסט איבער מיט זיין נעכטיקן שטייגער פון

לעבן, האָבן זײ געװאָלט, אַז מען זאָל עס זען אויף זײ, אַז מען זאָל עס ממש אָנטאַפּן...

דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער שטײגער פון לעבן איז, אַגב, געװען אַ שאַרפער פאַר זיך גופא און מען האָט אים געמוזט באַמערקן, אָבער זײ האָבן עס נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן מיט זײער גאַנצן הילוך, מיט זײער באַנעמען, מיט זײער קלײדונג און זײער גאַנץ אויסערלעך אויסזען.

די נעכטיקע פרומע און שעמעװדיקע ישיבה־בחורים זענען געװאָרן עזות־פּנימער, מענטשן, װאָס רעכענען זיך מיט קײנעם נישט און האָבן פאַר קײנעם נישט קײן שום אכטונג.

אָבער דאָס האָט געדױערט נישט לאַנג: האָט אײנער דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען, איז ער אַװעק קײן אױסלאַנד שטודירן, איז ער באַלד געװאָרן אַן אַנדערער.

ער איז געװאָרן סאָליד, ערנסט, האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ פּאַרטײ און געװאָרן אַ פּרומער איבערגעגעבענער פּאַרטײ־מענטש.

און אין אוניװערזיטעט איז ער געבליבן דער זעלביקער מתמיד װאָס אַמאָל, דער זעלביקער חריף, אָדער בקי װאָס אַמאָל.

דער עקסטערניזם איז געװען אַ מין גײסטיקע מאָזלען אָדער פּאָקן אין יענער צײט.

יעדער ישיבה־בחור, װאָס איז אַװעק פון דער גמרא צום ביכל, האָט געמוזט דורכמאַכן אָט דעם פּעריאָד מיט אַלע זײנע גײסטיקע קראַנקהײטן.

***

אַ הײסער פאַרלאַנג צו קאָנען מענטשן האָט מיך אַרומגעכאַפּט: זײ זענען פאַר מיר געװען אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק די מענטשן פון דער דאָזיקער שטאָט. נײ איז געװען פאַר מיר זײער גרופּירונג, שיכטונג און זײערע באַציאונגען אײנע צו די אַנדערע. מיט דורשטיקע בליקן האָב איך געקוקט אויף איטלעכס נײ פּנים, מיט טיפן אינטערעס האָב איך זיך צוגעקוקט צו זײער שטײגער לעבן און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײט זיך צוגעהערט צו זײערע רײד.

אָבער ביסלעכװײז איז דער ראָזער שלײער, דורך װעלכן איך האָב

נעקוקט אויף דער נייער פאר מיר שטאָט, אראָפּגעפאלן פון מיינע אויגן און איך האָב דערזען מענטשן אין זייער אמתער געשטאלט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסשיילן קאָמישע שטריכן פון די מענטשן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסשיילן אויך מאָראלישע פגימות, צביעות, פחדנות, געלט־גייציקייט, נישט פארגינעריי און דאָס גאנצע בינטל פון מענטשלעכע שוואכקייטן.

און מיין באוואונדערונג איז פארשווונדן געוואָרן און איר אָרט האָט פארנומען בייזע קריטיק, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט לשון־הרע.

דאָס איז הפנים געווען די פרוכט פון אנטוישונג.

אפילו דער ברען פון דער יוגנט צו לערנען העברעאיש און רוסיש האָט אויך געהאט זיין קאָמיזם; אזוי, למשל, האָבן די העברעאישע לע־רער פארטייטשט תנ״ך פאָלאָווינע רוסיש, כדי צו אונטערהעלפן דאָס לערנען פון רוסיש, און די רוסישע לערער, פון זייער זייט, האָבן א סך רוסישע ווערטער פארטייטשט אין העברעאיש; עס איז געווען עפּעס א מין נישט אָפּגערעדטע שותפות.

און עס זענען געשאפן געוואָרן אַ סך בייסיקע וויצן אויף דער דאָזי־קער שותפות פון רוסיש און העברעאיש.

דער העברעאישער לערער פלעגט אָפט קאָמיש פארטייטשן אַ פּסוק אין רוסיש, און דער רוסישער לערער פלעגט טון דאָס נעמלעכע מיט העברעאיש.

פינסק האָט דעמאָלט געהאט א סך, א סך לערער, און אַלע זענען געווען פארנומען פון אין דער פרי ביז נאכט.

ווען איר האָט געזען איינעם לויפנדיק אָן אן אָטעם, אזוי ווי ער האלט ביי פארשפּעטיקן די באן, האָט איר געוווסט, אז דאָס לויפט א העברעאישער, אָדער אַ רוסישער לערער פון איין לעקציע (אוראָק) אויף דער אנדערער.

נאָך מער וויצן זענען געשאפן געוואָרן וועגן די תלמידים, וואָס פלעגן אזוי צעמישן העברעאיש מיט רוסיש, אז אפילו דער גאָר קליינער קענער פוןביידע לשונות האָט זיך געהאלטןביים בויך לאכנדיק.

ווי יעדע מאָדע, האָט דאָס לערנען העברעאיש און רוסיש פאר־

כאפט אלעמען, זענען אומפעאיקע און טעמפּע מיידלעך און בחורים אויך געוואָרן לערנערס.

די לערערס פלעגן אויסגעריסן ווערן פון אזעלכע תלמידים, און אין די הייזער איז געווען חושך, די טעמפּע קינדער פלעגן וויינען, טאטע־מאמע פלעגן ביי זיי פאָדערן רעזולטאטן פארן געלט, וואָס זיי גיבן אויס.

מען פלעגט אָפט בייטן די לערער, אפשר וועט מען אָנטרעפן אויף אזא לערער, וואָס קען פון א האָלץ מאכן א למדן.

*
**

פינסק האָט דעמאָלט געהאַט גאָר א סך נייע גבירים, אויפגעקומענע יידן.

זיי זענען געווען אָט נעכטן ביטערע קבצנים און מיט אמאָל זענען זיי גבירים און דאַרפן פירן א גבירישן שטאַט. ווייסן זיי אָבער נישט ווי מען פירט א גבירישן שטאַט — זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט די גע־לעגנהייט צו זיין אפילו אין א גביריש הויז.

אגב, דער נייער גביר, דער אויפגעקומענער, איז קאָמיש ביי אַלע פעלקער, דער גרעסטער טייל פון די דערפאָלגרייכע און אמת קאָמישע קאָמעדיעס אין דעם אייראָפּעאישן רעפּערטואַר, זענען פון דעם לעבן פון אָט די נייע גבירים פון די „נוואָריש".

עס איז געווען אן עקאָנאָמישע אויפלעבונג דאַן אין לאַנד, און די דאָזיקע אויפלעבונג האָט אָנגעפּלאָדיעט אויף דער יידישער גאַס א סך נייע גבירים, וואָס האָבן אונדז קיין נחת נישט פארשאַפט, ווען כבוד איז אָפּגערעדט.

אין פינסק זענען געווען א היבש ביסל משרתים אין האָטעלן, וואָס זענען פון העלער הויט רייך געוואָרן; א פּריץ, וואָס פלעגט פאַרפאָרן אין א האָטעל, פלעגט דעם יידישן משרת געבן א מעגלעכקייט צו כאַפּן עטלע־כע רובל מעקלעריי, ווען ער פלעגט פארקויפן א שטיק וואַלד, אָדער געהילץ, וואָס ער פלעגט לאָזן האַקן אין זיין וואַלד.

אָט די נעכטיקע משרתים פלעגן ממש קריכן אויף די גלאַטע ווענט; זיי איז געגאַנגען אין לעבן ממש צו פירן א גבירישן שטאַט, זיי האָבן זייער נעכטן פשוט פיינט געהאַט, ער איז געווען עפּעס א פּלעק,

א מום און זיי האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פאַרגעסן אַליין זייער נעכטן און מאַכן, אַז אַנדערע זאָלן אים פאַרגעסן.

פּלענן זיי זיך פאַרשטעלן, ווי קינדער, פאַר רייכע, אָבער זיי פּלעגן שפּילן פּורציש די ראָלע פון רייכע.

און אָט די פאַרשטעלענישן, אָט דאָס שפּילן שלעכט די ראָלע פון גבירים איז געווען גוואַלדיק רייך מיט קאָמיזם.

א מענטש מיט אַביסעלע הומאָר, א מענטש מיט אַביסל באָאַ־באַכטונגס־פעאיקייט האָט געהאַט א תהום מיט קאָמישן שטאָף.

און היות ווי איך בין, מסתמא, געווען אזא איינער, פּלעג איך האָבן פּעק גאַנצע מיט אַנעקדאָטן און מיט הומאָריסטישע מעשהלעך.

דער דערפאָלג פון די וויצן און די מעשהלעך האָט מיר נאָך צוגע־געבן מוט, און אַזוי אַרום האָב איך אָנגעהויבן גילטן אין מיין קרייזל ווי א מענטש מיט א שאַרף צינגל און מיט א בייסנדיקן הומאָר.

איך האָב, אגב, געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן אַזאַ איינעם גביר פון דער נאָענט; איך האָב געהאַט א קרוב, וואָס איז געווען א משרת אין א האָטעל און איז רייך געוואָרן פון מעקלעריי ביי פּריצים.

ער איז געווען א שיינער מאַנספּערשוין און פּלעגט זיך גוט קליידן און האַלטן זיך גאַנץ פאַרנעם. זיין פּעך־שוואַרצע באָרד איז געווען פּרי־ציש געבאַליעט. זי איז געווען געטיילט אין צוויי גלייכע טיילן, א שרונט, וואָס איז געגאַנגען פון דער אונטערשטער ליפּ ביזן סוף פון דער מאָרדע, האָט זי צעטיילט אין צוויי שוואַרץ־גלאַנצנדיקע בינטלעך האָר.

דאָס איז אָן א ספק געווען א קאָפּיע פון א פּריצס א באָרד.

זיין קליידונג איז אויך געווען קאָפּירט פון דעם זעלביקן פּריצס קליי־דונג, ווייל די קליידונג האָט גוט האַרמאָנירט מיט דער באָרד.

האָב איך אַמאָל דערציילט א וויץ, אַז דער פּריץ האָט דערקענט זיין באָרד אויפן פּנים פון מיין אויפגעקומענעם קרוב.

— עס איז מיין באָרד, דו פּשאַקרעוו — האָט דער פּריץ געשריגן און געטופּעט מיט די פיס — גיב מיר אָפּ מיין באָרד, דעם וואַלד מיינעם קענסטו אָפּקויפן, אָבער נישט מיין באָרד. עס איז די באָרד פון מיין טאַטן, גראַף דוראַצקי, אין אָט דער באָרד האָט זיך פאַרליבט א פראַנצוי־זישע אָפּערע־זינגערין, און זי איז געווען מיין מוטער...

אַן אומשולדיקער װיץ, אָבער ער האָט געהאַט דערפאָלג אין מײן קרײז.

אָט דער דאָזיקער נײער גביר, װאָס האָט קאָפּירט אַ פּריץ אין זײן גאַנצן הילוך, איז אין דער הײם בײ זיך שוין גאָרנישט געװען קײן פּריץ. ער איז געװען דער זעלביקער קבצן, װאָס איז אַמאָל ברוטאַל, טעמפּ און מוראַדיק אָפּגעלאָזן, און זײן פּשוטע פרױ פלעגט אַמאָל קוקן אױף איר מאַנס באָרד און פלעגט זיך פלוצלינג שלעכט צעלאַכן...

נײן, די פּריצישע באָרד איז געװען אַ פרעמדע, אײנגעאַנצן אַ פרעמ־דע, עפּעס אַ צוגעקלעפּטע, אין זײן הױז, און די פּראָסטע פרױ האָט הפּנים דערשפּירט די דאָזיקע פרעמדקײט און קאָמישקײט.

צו דעם איז הפּנים צוגעקומען אַ באַהאַלטענע אײפערזוכט־טראַגע־דיע: דער נײער גביר איז געװען דאָ און דאָרט נישט געטרײ צו זײן פרױ...

צװישן די אױפגעקומענע גבירים זענען אָבער אױך געװען גוטע און קערנדיקע פאָלקס־מענטשן, און זײ זענען געבליבן פאָלקס־מענטשן, קלוגע, טיכטיקע און דורכאױס יידישע מענטשן.

עס איז דאָס נעמלעכע, װאָס מיר זעען איצט אױף טריט און שריט אין אַמעריקע; דאָ זענען כמעט אַלע יידן אױפגעקומענע, װער פריער און װער שפּעטער, װער האָט אַ טאַטן אַן אױפגעקומענעם גביר און װער עס האָט אַ זײדן און אַן עלטער־זײדן אַן אױפגעקומענעם.

אַלע זענען געקומען קײן אַמעריקע אָרים, אפילו די קריסטן אױך; רײכע זענען נישט געפאָרן צו באַזעצן זיך אין אַמעריקע, אָרימע זענען געלאָפן פון הונגער און נױט אין אײראָפּע קײן אַמעריקע.

דאָס איז קײן נײעס נישט און קײן חידוש נישט, אָבער אין מײן שטעטל איז געװען בלױז אײן אײנציקער „נײער גביר", און אַזױ האָט מען אים טאַקע גערופן. אַ נײער גביר איז ער געװאָרן אין אַמעריקע, ער האָט דאָרט געװונען אין דער יידישער לאָטעריע, אָדער אין אַן אַנדער לאָטעריע אַ היפּשע סומע געלט, מען האָט גערעדט — 30 טױזנט רובל, איז ער געקומען צוריק אין אונדזער שטעטל, געקױפט אַן אָרט אין מזרח־װאַנט, אַ שײן הױז און האָט געלעבט װי אַ גביר, אָבער ער איז געבליבן אַ פײנער יידישער פאָלקס־מענטש װי געװען.

ביי אונדז אין שטעטל זענען געווען בלויז צוויי־דריי רייכע משפחות און זיי זענען געבליבן די גבירים אין אונדזער שטעטל.

און די דאָזיקע גבירים זענען געווען פרומע יידישע מענטשן: די שלישים און די שישים זענען געווען זייערע, דאָס איז געווען דער קאָנטיקסטער סימן פון זייער גבירישקייט.

זיי האָבן געוווינט אין בעסערע הייזער, זיך אפשר געקליידט אביסל בעסער, אָבער אין אַלע אַנדערע פּרטים איז זייער גבירישקייט נישט געווען קאָנטיק, זי האָט זיך נישט געוואָרפן קיינעם אין די אויגן און זיי האָבן קיינעם נישט נאָכגעמאַכט און קיין פרעמדע ראָלעס נישט געשפּילט.

דעריבער זענען די נייע גבירים אין פּינסק געווען פאַר מיר אַ נייעס און אַ חידוש.

שפּעטער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אין אַמעריקע אויף די „אַלרייטניקעס" אונדזערע, אויף די נעכטיקע אָרימע אַרבעטער, וואָס זענען געוואָרן רייך, און זיי האָבן מיר דערמאָנט די נייע גבירים אינעם אַמאָליקן פּינסק.

דער אַמאָליקער יידישער גביר איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן, ער האָט פון קיין אַנדער לעבן נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן.

געלט האָט נישט געענדערט, נישט צעטרייסלט און נישט חרוב געמאַכט זיין גייסטיקע וועלט. אַזוי ווייט איז די השפּעה פון געלט נישט געגאַנגען.

אין אַלע פּרטים זענען זיי געווען ווי אַלע רייכע, זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך מער געלט, זיי זענען געווען פאַרקאַכט אין געלט, די תאווה צו געלט האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט. אָבער אַרויסרייסן זיי פון זייער יידישן שטייגער פון לעבן האָט דאָס געלט נישט געקענט.

אין פּינסק האָב איך דערזען ווי נעכטיקע שטילינקע, גוטינקע און פרומינקע יידישע מענטשן זענען עפּעס איבער נאַכט געוואָרן אַנדערע, ממש נישט צו דערקענען זיי, זייער שטייגער פון לעבן איז אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנדערער.

און זיי זענען געוואָרן חצופים, זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן הויך, זיי האָבן אַלץ געטון עפּעס מיט געפּילדער.

און זייער באַנק־ביכל איז זיי ממש געהאָנגען אויף דער נאָז.

XXIV

די לוריעס אין פינסק

פינסק האָט געהאַט גבירים פון דורות, איינגעפונדעוועטע גבירים מיט אַ גרויסער יידישער פירונג, אַנגעזען און פּארנעס. דאָס זענען געווען גבירים, וואָס האָבן באַשיינט און באַחנט פינסק, דאָס זענען געווען גבירים, מיט וועלכע פינסק האָט זיך געגרויסט.

די לוריעס זענען געווען אַזעלכע גבירים.

דער הויפּט פון דעם דאָזיקן רייכן שבט איז געווען גראד אַ פרוי, חיהלע לוריע האָט זי געהייסן. ווען איר מאַן האָט מען ווייניק געוווסט. הפנים, אַז חיהלע לוריע איז עס געווען די אשת־חיל, זי איז עס נתעשר געוואָרן און זי איז עס געווען דער הויפּט פון דער לוריע־דינאַסטיע.

ממש אַ „מירעלע אפרת", אַ גליקלעכערע און מיט מער מזל ווי יעקב גאָרדינס מירעלע.

ווען איך בין געקומען קיין פינסק, איז שוין חיהלע לוריע געווען לאַנג טויט. זי איז שוין געווען כמעט אַ לעגענדע, אָבער איר האָט נאָך געפילט איר אָנוועזנהייט. דאָ האָט איר זיך אָנגעשטויסן אויף חיהלע לוריעס אַ בית־המדרש, אַ מויער און סתם זאַכן, וואָס האָבן דערמאָנט די שפּורן פון דער דאָזיקער פרוי, די מוטער פון די לוריעס.

איך האָב נאָך געפונען איר זון משה לוריע, שוין אַן אַלטער מאַן, אַ צוריקגעצויגענער פון אַלע געשעפטן און פון אַלע אַנדערע טעטיקייטן. מען פלעגט אים בלויז זען פאַרנדיק אין אַ קאַרעטע מיט זיין אַלטער

פרוי; דאָס אַלטע פאַר־פאָלק פלעגט זיצן עפּעס פריילעך אין דער קאַ־רעטע.

ביידע זענען געווען ווייס, ביידע אַפּאַטיש און ביידע רעזיגנירטע, ווי אַלע עלטערע מענטשן, אָבער נאָך אַלץ שטאָלצע לוריעס. די פּינסקער לוריעס:

זיי האָבן געהאַט, פאַרשטייט זיך, קינדער. דער בכור, אהרן לוריע, איז שוין אליין געווען אַ באַיאָרנטער מענטש.

דער דאָזיקער אהרן לוריע איז געווען אַ משכיל, אַ וויצלינג, אַ דע־מאָקראַט און איז שוין געווען אויסגעמישט מיטן פאָלק.

ער האָט געפירט אַ ליבע מיט אַ שווארץ־הנעוודיק ווייבל און פלעגט מיט איר שפּאַצירן אָפן אויף דער הויפּט־גאַס.

גאַנץ פּינסק האָט געוווסט וועגן אהרן לוריעס ליבע און גאַנץ פּינסק האָט גענומען עפּעס אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דער דאָזיקער ליבע־אפערע.

אהרן לוריע, ווי אַ משכיל, האָט געקענט גוט העברעאיש, האָט גע־שריבן העברעאיש. ער האָט זיך אפילו דורכגעשריבן מיט דעם העברעאישן דיכטער יהודה־לייב גאָרדאָן.

אהרן לוריע האָט נישט געפירט דעם גרויסן גבירישן שטאַט, וואָס זיין פאָטער משה לוריע האָט געפירט. ער איז נישט געווען אַזוי רייך און איז סתם געווען נענטער צום פאָלק.

מיט אהרן לוריע אגב האָבן זיך פאַרענדיקט די יידישע נעמען פון די לוריעס.

די נעמען חיהלע לוריע, משה לוריע און אהרן לוריע זענען געווען די לעצטע היימיש־יידישע נעמען.

דער ייִנגערער ברודער האָט שוין געהייסן אַלעקסאַנדער און אהרן לוריעס קינדער האָבן שוין געהייסן גריגאָרי לוריע און די אַנדערע האָבן געהאַט אַנדערע רוסישע נעמען.

מיט אהרן לוריע ענדיקט זיך אָבער נישט די יידישקייט פון די לו־ריעס. גריגאָרי לוריע, זיין זון, איז געווען אַ ציוניסט, אַ טוער און אַ רעדנער. די ייִנגערע קינדער אהרן לוריעס האָבן שוין געהאַט אין זיך ווייניק דאָס לעגענדאַרישע און דאָס פאַרנעמע פון די אַלטע לוריעס.

אהרן לוריעס ברודער, אלעקסאנדער, האָט איבערגעבראָכן די ליניע אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט שוין שטודירט אין אויסלאַנד, האָט גענומען אַ פרוי אַ טאָכטער פון אַ דײַטש־ײדישן גביר.

דאָס דאָזיקע פּאָרל, וואָס האָט גערעדט דײַטש, פלעגט מען אָפּט זען שפּאַצירן שנעל, עס איז געווען אַ פּאָרל, וואָס איר האָט געמוזט באַמערקן; ער הויך, פעט און סתם גרויס, און זי קלײן, מאָגער, מיניאַ־טוריש, דערהויפּט ווען זי האָט שפּאַצירט מיט איר מאַן, דעם גרויסן, פעטן אַלעקסאַנדער.

אויסלאַנד, דער דײַטשישער יאַהודי, האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער לוריע־דינאַסטיע.

צוויי שטרעמונגען זענען, הייסט עס, געווען אין דער פאַמיליע, די אהרן־לוריע־שטרעמונג, זי איז געווען ײדיש־משכיליש, דעמאָקראַטיש און דערנאָך רוסיש און די אַלעקסאַנדער לוריע־שטרעמונג, וואָס איז געווען יאַהודימיש אַסימילאַטאָריש.

⁂

די לוריעס האָבן געהאַט פאַבריקן אין פּינסק, איינע אַ שוועבעלעך־פאַבריק און אַ צווייטע אַ פלעקל־פאַבריק, וואָס פלעגט פאַבריצירן הילצערנע טשוועקעלעך פאַר שיך; דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווסט פון צונייען די פּאָדעשוועס מיט שטאַרקן פאָדים, ווי היינט, די פּאָדעשווע האָט מען צוגענעגלט מיט די הילצערנע טשוועקלעך.

דער שוסטער פלעגט האַלטן אַ רײ הילצערנע טשוועקלעך אין מויל, פלעגט מיט אַ נאָל מאַכן אַ לעכל אין דער פּאָדעשווע און אין לעכל פלעגט ער אַרײַנקלאַפּן שנעל־שנעל די הילצערנע טשוועקלעך.

דאָס פלעגט געטון ווערן מיט אַ גרויסער שנעלקייט און אין דער זעלבער צייט אַפילו מיט אַ געוויסן גראַד פון עסטעטישקייט. אויף דער פּאָדעשווע האָבן זיך געצויגן צוויי רייען מיט ווייסע קעפּלעך פון די הילצערנע טשוועקלעך.

געאַרבעט אין די צוויי פאַבריקן, אין דער שוועבעלעך פאַבריק און אין דער פלעקל פאַבריק, האָבן ײדישע מיידלעך פון דער ײדישער אָרימ־שאַפט, קינדער פון אַרבעטער, פון מלמדים און סתם פון אָרימע עלטערן.

די באציאונגען צווישן די ארבעטארינס און די באלעבאטים, די לוריעס, איז געווען פון אנהויב ממש אן אידילישע. אזוי פלעגט מען רעדן. די לוריעס האבן געצאָלט רויבערישע געהאלטן, אבער די מיידלעך, און איבערהויפּט די עלטערן פון די מיידלעך, זענען געווען גליקלעך, וואס די קינדער פארדינען אויף א פּאר שיך און אויף א קליידל און עס בלייבט נאך א רובל צושטייער אויף דער הוצאה.

ווען איך בין אוועק פון פּינסק, איז שוין די אידיליע געווען א היפּש ביסל צעשטערט. עס האבן זיך שוין באוויזן אגיטאטארס, וואס פלעגן אויפקלערן די אָרימע מיידלעך און באווייזן זיי ווי מען בארייסט זיי.

אגב האט מען אין שטאט אנגעהויבן אפּט הערן וועגן אומגליקן; דא האט א מאשין אפּגעהאקט א פינגער ביי א מיידל, דא צוויי און אפילו די גאנצע האנט.

די מאשינען, טאקע לוריעשע, האבן געהאקט פינגער, געריסן הענט פון די יונגע מיידלעך...

און בייזע בליקן זענען געווארפן געווארן אין דער ריכטונג פון די פאבריקן און אויף די לוריעס.

דער יראת הכבוד, דאס גרויסן זיך מיט די לוריעס, האט אנגעהויבן צו פארשווינדן. די לוריע־דינאסטיע איז אראפּ אביסל פון איר פּעדעסטאל, זיי זענען דעמאקראטיזירט געווארן און זיך אנגעהויבן אויסצומישן מיט דעם פאלק.

דאס פאלק אליין איז שוין אויך נישט געווען אזוי גוט און פרום, דאס פאלק האט אנגעהויבן ברעכן זיינע אפּגעטער, און די ערשטע אפּ־געטער, וואס זענען צעבראכן געווארן, זענען געווען די רייכע לוריעס.

דער יראת־הכבוד פאר רייכע איז אריבער אין פּעביקער שנאה און דאס גרויסן זיך מיט די רייכע איז אריבער אין אפּענעם קאמף קעגן זיי.

איך האב ממש געזען מיט מיינע אויגן ווי די דאזיקע גרויסע ענדע־רונג איז פארגעקומען.

די כוואליעס פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג האבן פארפלייצט גאנץ רוסלאנד. פון פּעטערבורג, מאסקווע, אדעס ביזן קלענסטן שטעטל אין רוסלאנד האט זיך פארשפּרייט מיט א גוואלדיקער שנעלקייט די

רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, זי האָט ארומגעכאפּט ווי א פייער, בשעת א גרויסן ווינט, גאנץ רוסלאנד.

מיטאמאָל, עפּעס ווי פון אַ העלער הויט, איז לעבן דיר אויסגעוואקסן אַ פלאם־פייערדיקער רעוואָלוציאָנער; דו האָסט אים געקאָנט ווי א שטיל באלעבאטיש בחורל, ווי א טאטנס אַ קינד, ווי אַ בחורל, וואָס שטייט אין שידוכים און קלייבט זיך צו לעבן שטיל און ארטיק ווי אלע גוטע און פרומע לייט הייסן.

אָט דער דאָזיקער שטילער יונגערמאן האָט באקומען פייער אין די אויגן, א גוואלדיקן ברען אין זיין רעדן און א מוראדיקן פאנאטיזם, וואָס איז גרייט צו גיין אין פייער און אין וואסער, האָט איר דערשפּירט אין אים.

אַ סך פון מיינע פריינט זענען עפּעס פלוצלינג, ממש איבער נאכט געוואָרן אנדערע, אָט ביסטו געזעסן און געשמועסט מיט זיי, געשטיפט, געלצעוועט, פאנטאזירט וועגן א שיינער קאריערע, אַ קאריערע פון לער־נען, פאָרן קיין אויסלאנד שטודירן און דערנאָך נעמען זיך איבערצובויען דאָס יידישע לעבן אויף גאָר נייע יסודות, און אין א פּאָר וואָכן ארום ממש איז ער אַן אנדערער, ער איז קאָנספּיראטיוו, ער ווערט פּארפאלן און דו ווייסט נישט, ווו ער ווערט פאַרפאַלן.

און אין א קורצער צייט איז זיין קליידונג שוין אפילו אַן אנדערע, אַ שווארץ העמדל איבער די הויזן, א צערודערטע טשופּרינע איבערן שטערן, אויגן וואָס קוקן מיט חשד אויף אַלעמען און א מויל א פאר־זיגלטס, און עפנט זיך דאָס מויל, איז עס ממש אַן ערופּציע פון אַ ווולקאַן.

און די הייסע לאַווע, וואָס זעצט פון זיין מויל, פארברענט אַלץ, וואָס איז נעכטן געווען טייער, הייליק, שיין און דערהויבן.

און אָט בין איך אַליין שוין אין אַ וואלד און איך הער אַ פייערדיקע רעדע

דער רעדנער רעדט מוראדיק זיכער, ער האָט דערטאַפּט דעם גרויסן אמת, ער האָט אים געפונען און יעדער, וואָס אנערקענט נישט אָדער דערשפירט נישט דעם דאָזיקן גרויסן אמת, איז ער א שונא פון פאָלק, א פארעטער פון די ארבעטער.

און די אַרבעטער, אָט די אָרימע מענטשן וואָס ארבעטן שווערער

פון אַלעמען און לעבן אין גרעסערן דחקות פון אַלעמען, אַט די שטילע אַרבעטער, וואָס טראָגן דעם שווערן יאָך פון לעבן אַזוי שטיל, אַזוי אונ־טערטעניק און אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיי, די דאָזיקע אַרבעטער, וועלן ברענגען די גרויסע, די אמתע גאולה דער גאַנצער וועלט.

און, אַלמעכטיקער גאָט, פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ שאַרף לשון, אַזאַ חיתוך־הדיבור, אַזאַ פייער און אַזאַ אייזערנע לאָגיק ביי די אָרימע עקסטערנס, ביי די שטילע און פרומע יידישע יונגע מענטשן?!

***

איך בין אַמאָל בסודי־סודות אַוועק מיט מיינעם אַ פריינט אין וואַלד אַריין, שטיל זענען מיר געגאַנגען דעם גאַנצן וועג. וואָס נעענטער צום וואַלד, אַלץ אָפטער האָבן מיר באַגעגנט יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן אונדז דורך פאַרשטעלטע ווערטער געלאָזט וויסן, אַז מען קען גיין און ווו מען דאַרף גיין.

אין וואַלד זענען שוין אויף טריט און שריט געווען יונגעלייט, וואָס האָבן אונדז געזאָגט קורץ „רעכטס“, אָדער „לינקס“. באַלד זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער מאַסע פון מענטשן, וואָס איז געזעסן שטיל מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַ רעדנער אָנגעהויבן רעדן. ער האָט אָנגעהויבן שטיל, אָבער וואָס ווייטער האָט ער זיך מער צעפלאַקערט. זיין שטים איז געוואָרן דונערדיק, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם בלו־טיקן צאַר, וועגן די עקספּלאָאַטאַטאָרס, וועגן די רייכע. זיין שטים איז געוואָרן ליריש, ווען ער האָט גערעדט וועגן די ליידן פון די אַרבעטער און פון אַלע אונטערדריקטע, און בייז, סם־המותדיק איז ער געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו פּאָלעמיזירן מיט די אַנדערע פּאַרטייען, דערהויפּט מיט די ציוניסטן אויף דער יידישער גאַס און די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן אויף דער רוסישער גאַס.

ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַ גוואַלדיקן פּאַטאָס. ער האָט ממש עלעקטריזירט דעם עולם און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך דער עולם צעשריען ממש היסטעריש.

מיט דער גרעסטער מי האָט זיך איינגעגעבן די פירער צו איינ־שטילן דעם עולם, צו באַרואיקן אים, דערמאָנענדיק אים די געפאַר, וואָס לויערט אויף אַלעמען — פּאָליציי און זשאַנדאַרמען קענען פאַלן אויפן שפּור פון דער פאַרזאַמלונג.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען דעם רעדנער, אַ קוק טון אויף דעם דאָזיקן ווונדער, אָבער ער איז געווען באַהאַלטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און פון וואַלד.

אַ פריינט מיינער האָט מיך געפירט פאַר דער האַנט און האָט מיך צוגעפירט צום העלד פון אָוונט. די אויגן מיינע זענען שוין געווען צוגע־ווינט צו דער פינצטערניש און איך האָב געקענט זען בלויז דעם סילועט פון אַ מענטש און אפילו דערקענען אַ באַקאַנטן.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קליין, דאַר מענטשל, ממש די גרויס פון אַ צוועלף יעריק ייִנגל. ער האָט געווישט דעם שווייס פון פּנים און איז אַליין געווען מוראדיק אויפגערעגט. די צוויי שעהדיקע רעדע האָט אים פאַרמאַטערט, ער איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון אויפרעגונג און אַנשטרענגונג.

פון אַזאַ קליין קערפּערל איז אַרויס אַזאַ דונערדיקע שטימע, אַזאַ רעדנער־קראַפט און אַזאַ לאַווע פון ווערטער...

דער נאָמען פון דעם רעדנער איז פאַרשטייט זיך געווען אַ סוד. עס איז געווען אַ צייט פון פּסעוודאָנימען, מען האָט זיך באַהאַלטן אונטער פאַרשידענע נעמען. אַזאַ רעדנער האָט זיכער געהאַט אין יעדער שטאָט אַן אַנדער נאָמען, און בלויז אייניקע נאָענטע האָבן געוווּסט דעם אמתן נאָמען פון אַזאַ אַגיטאַטאָר.

ווי איך האָב אָבער שפּעטער משער געווען, איז דער רעדנער געווען קאָליע טעפּער, אַ באַקאַנטער רעוואָלוציאָנערער רעדנער, וואָס איז שפּע־טער אַ צייט געווען אין אַמעריקע און האָט געשפּילט אפילו אַ ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

איך האָב בשעת דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיך באַגעגנט מיט אים אין מאָסקווע. ער איז געפאָרן אין סאַמאַרע מיך זען און מיך דאָרט נישט געטראָפן. פאַר מיר איז געשטאַנען דער זעלביקער קליינינקער קאָליע טעפּער.

און עפּעס ווי אויף צו להכעיס האָט ער אַ זאָג געטון אָן הקדמות:

— איך בין איצט אַ מאַנאַרכיסט.

און שפּעטער האָב איך אים נאָכאַמאָל באַגעגנט אין מאָסקווע, און ווידער אָן הקדמות האָט ער מיר דערקלערט:

— איך בין איצט אַ פּראַוואָסלאַוונער.

איך האָב לאַנג נישט געקענט זיצן מיט אים. איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַוועק...

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געזאָגט דעם ריינעם אמת. ער האָט זיך טאַקע געשמדט און איז געווען ערגעץ אַ קליינער טשינאָווניק.

ער איז געווען אַן איפּכא־מסתבראַניק און אַ צו־להכעיסניק. ווען אַלע זענען געוואָרן רעוואָלוציאָנער איז ער געוואָרן אַ מאַנאַרכיסט, און ווען די באָלשעוויסטישע מאַכט איז אָפיציעל געוואָרן אַנטי־רעליגיעז איז ער געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַוונער.

אפילו די הלבשה זיינע איז געווען שרייענדיק אָפּגעלאָזן; מיר זענען אַלע ארומגעגאַנגען אָפּגעריסענע, אָבער מיר האָבן זיך נישט געגרויסט מיט דעם און עס נישט דעמאָנסטרירט. קאַליע טעפּער האָט עס דעמאָנסטרירט.

זיין פּאַרפּאַטשקעטער שטרויענער קאַפּעליוש האָט נישט געהאַט קיין דעקל, און דער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעזען. דאָס רעקל איז געווען פול מיט גוואַלד־ריסן און מיט שרעקלעכע פלעקן.

און ווען דו האָסט אים באַטראַכט, האָט ער געקוקט אויף דיר עפּעס ווי אַ זינגער, ווי אַ העלד — בלויז ער קען גיין איבער די מאָסקווער גאַסן אין אַזאַ הלבשה, קיין אַנדערער וועט נישט האָבן די דרייסטקייט.

אָט אַזוי איז קאַליע טעפּער, דער גרויסער רעוואָלוציאָנער, דער שאַרפער קאָפּ, דער גרויסער רעדנער און דער שאַרפער יידישער שריפטשטעלער, באַגאַנגען דעם מיאוסטן און שענדלעכסטן גייסטיקן זעלבסטמאָרד.

דאָס איז געווען אַ זעלבסטמאָרד, וואָס האָט נישט אַרויסגערופן ביי קיינעם קיין מיטלייד, קיין צער און ווייטיק.

קאַליע טעפּער, אַ משומדל, אַ טשינאָװניקל ערגעץ אין אַ סאָװעט־טישער קאַנצעלאַריע. דאָס איז נישט טראַגיש, דאָס איז גראָטעסק־קאָמיש.

יאָ, טשעקאָװע איז דער יידישער עלוי, און קאַליע טעפּער איז געװען אַן עלוי.

⁂

אַט די קאַליעס, די גייסטיק קראַנקע און די גייסטיק געזונטע, אַט די קאַליעס, די גרויסע און די קליינע, האָבן צעטראָטן די גלאָריע פון אַ סך לוריעס, יידישע און קריסטלעכע.

אַט די קלייניקע קאַליעס זענען געװען שטאַרקער פאַר די לוריעס אין פּינסק, פאַר די מאָראָזאָװס אין מאָסקװע און אפילו פאַרן צאַר אליין.

די לוריעס זענען נאָך אַלץ געװען די סמעטענע פון דער שטאָט פּינסק. זיי זענען נאָך אַלץ געװען די רייכסטע מענטשן און די גרעסטע מיוחסים אין שטאָט.

די לוריעס האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, װי אַן איזאָלירטע העכערע קאַסטע; זייערע הייזער זענען געװען עפּעס פאַררינגלט, די פענצטער כסדר פאַרהאנגען.

און אַ יונגער לוריע איז פאַר אַ פּינסקער באַלעבאַטיש מיידל געװען דער פּרינץ פון אַ צױבער־מעשהלע. אפילו די האַלבע רעװאָלוציאָנערקעס, די ניהיליסטקעס און די ערנסטע מיידלעך זענען געװען גליקלעך, װען אַ יונגער לוריע האָט זיי אַרויסגעװיזן אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן זיך געפילט פאַר אַ װייל װי סינדערעלאַס...

און עס איז טאַקע געװען אַ גאַר גרויסער אונטערשיד צװישן די אַנדערע פּינסקער גבירים און די לוריעס. עס איז געװען עפּעס אַריסטאָקראַטישעס. יידיש־אַריסטאָקראַטישעס אין די לוריעס. עס איז געװען עפּעס פאַרנעמס אין זייער האַלטונג און אין זייער באַנעמונג.

אָבער די צייט, די גרויסע פּרעסערין, פּרעסט מיט אירע שאַרפע ציינער אויף אַלץ.

איך האָב שפּעטער באַגעגנט לוריעס גרויע און אומבאַהאָלפענע מענטשן. אין זיי איז ממש קיין זכר פון די אַמאָליקע לוריעס נישט געבליבן.

עס איז אויך מעגלעך, אז איך האָב זיך געענדערט. איך האָב שוין געזען די גרויסע וועלט מיט אירע גאָר גרויסע מיוחסים, און ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיי פון נאָענטן, האָב איך דערזען קליינ־קע און גרויאינקע מענטשעלעך, מענטשעלעך גייציקע, מענטשעלעך, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ ברעקל כבוד מיט אַ משוגענעם יצר הרע, מענ־טשעלעך, וואָס זענען געבליבן קליין און נישטיק.

דאָס געלט האָט זיי אויף אַ האָר נישט גרעסער געמאַכט, און ווענן בעסער — איז אַפגערעדט.

איך האָב עס געזען גאָר שאַרף און בולט בשעת דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע:

נעכטיקע אדירים, נעכטיקע מיניסטאָרן, גענעראַלן און גובערנאַ־טאָרן זענען געוואָרן עפּעס אַזוי גרוי, אַזוי קליין, אַזוי אונטערטעניק און אַזוי נישטיק, אַז דו האָסט זיך געוווּנדערט ממש, ווי אַזוי די דאָזיקע מענטשן האָבן געקענט האָבן די גרויסע דעה אין אַזאַ גרויס לאַנד.

ווו איז אַהינגעקומען זייער נעכטיקער שטאָלץ זייער גאווה און זייער גאַנצער שטאָל.

בשעת דער רעוואָלוציע האָט איר אויך געזען די אַנדערע זייט פון דער מטבע; איך האָב געזען ווי נעכטיקע נישט־קאָנטיקע מענטשעלעך זענען געוואָרן העלדן און גרויסע, גאָר גרויסע דעה־זאָגער.

אָבער די לוריעס זענען דאָך געווען אַ שיינע גבירישע דינאַסטיע. זי איז געווען שיין מיט איר יידישן שטאַט, מיטן יידישן אַריסטאָקראַטיזם.

ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַסימילירן מיט דייטשע יידן, ווי נאָר זיי זענען געוואָרן רוסיפיצירט, איז אַראָפּ דער גלאַנץ פון זיי. עפּעס זענען זיי געוואָרן האַלבע רוסישע אינטעליגענטן אָן אַן אייגן פּנים און אָן אַ ברעקל אַריסטאָקראַטיזם.

זיי זענען אין אַ געוויסן זין געוואָרן גרויער פון די אויפגעקומענע גבירים. צווישן די נייע גבירים זענען געווען פאָלקס־מענטשן, צווישן זיי שיינע טיפּן פון פאָלקס־מענטשן און זיי זענען געבליבן גוטע יידישע פאָלקס־מענטשן.

זיי האָבן זיך אויסגעלעבט ווי יידן, זיי האָבן אַלע גערעדט אַ קע־

רנדיקן און זאפטיקן יידיש, און דאָס געלט האָט ארויסגעבראכט אָפט דאָס שיינע און דאָס הארציקע אין זיי.

פארשטייט זיך, אז א סך פון די דאָזיקע נייע גבירים זענען געווען גראָב, חוצפהדיק און טעמפּ.

שפּעטער האָב איך געהאט די געלעגנהייט צו באקענען זיך נאָענט מיט אַנדערע מינים פון יידישע מאגנאטן אין קלענערע שטעט.

אָבער וועגן זיי שפּעטער.

די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין דעם אמאָליקן רוסלאנד האָט ממש צעבראָכן גייסטיק די אַלטע וועלט ארום זיך, אזוי צעבראָכן, אז אַלע באגריפן האָבן זיך געענדערט. אַלע באציאונגען האָבן זיך ממש געשטעלט מיטן קאָפּ אראָפּ.

דאָס וואָס איז נעכטן געווען הייליק, איז היינט געוואָרן העסלעך־פאַלש און אָפּנאַרעריש.

דאָס וואָס איז נעכטן געווען גרויס, איז היינט געוואָרן קליין און נישטיק.

דאָס וואָס איז נעכטן געווען מעכטיק, איז היינט געוואָרן שוואַך און נעבעכדיק.

דאָס וואָס האָט נעכטן אין דיר דערוועקט רעספּעקט, אכטונג, האָט היינט דערוועקט ביטול און ממש עקל.

מענטשן האָבן זיך ממש אויף אייערע אויגן געענדערט. איר האָט ממש נישט דערקענט א נעכטיקן פריינט און א נעכטיקן חבר. ער איז געוואָרן אינגאנצן אַן אַנדערער.

א נעכטיקער משכיל, א הייסער העברעער, האָט היינט, פון העלער הויט ממש, אָנגעהויבן שפּייען מיט קלעק אויף העברעאיש.

א נעכטיקער פּרומינקער ישובה־בחור האָט היינט געשפּיִיט מיט קלעק אויף רעליגיע און האָט געטון פּשוט מומר־להכעיסדיקע מעשים.

איך האָב געקענט שטילע און שעמעוודיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך כסדר געררויטלט רעדנדיק מיטן קלענסטן מענטש, אָבער אין א שיינעם פרימאָרגן האָב איך דערזען פאַר זיך א טראַציק פּנים, עזותדיקע בליקן, א ביטערן שמייכל אויף די ליפּן און ווערטער ווי שפּיזן האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל.

טויזנט יעריקע אונטערטעניקייט האָט אויסגעגלייכט די פּלייצע, אָבער אויסגלייכנדיק די פּלייצע מיט אַזאַ האַסטיקייט, האָט זיך די פּלייצע איבערגעבויגן אין דער פאַרקערטער זייט, און עס האָט זיך באַקומען עפּעס אַ חוצפּהדיקע פּאָזע אנשטאט דער פריערדיקער אונטערטעניקער פּאָזע.

עס האָט זיך באַקומען אַ גראָטעסקער קאָנטראַסט פון נעכטן.

דער גרעסטער וואונדער איז געווען דער שטילינקער יידישער ארבעטער, דער שטילער, אונטערטעניקער יידישער ארבעטער, וואָס פלעגט ארבעטן טאָג און נאכט אָן דעם מינדסטן פּראָטעסט.

ער איז פאר אייערע אויגן אויסגעגלייכט געוואָרן. ער האָט מיט אייך גערעדט, אָדער ווי מיט אַ גלייכן, אָדער פון אויבן אַראָפּ.

דער יידישער ארבעטער האָט זיך שנעל, ממש אין אַ הרף־עין אנטוויקלט, געוואָרן אַ גוטער קענער פון דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע, ער האָט איינגעביסן אַ שווערע סוגיא אין דעם „קאַפּיטאַל״ פון מאַרקס און זי גוט פאַרדייט.

ער האָט באַקומען אַ שאַרפן חוש פאַר פּאָליטיק.

ער איז געוואָרן אַ פלייסיקער לייענער פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

ער איז געוואָרן אַ שטאָלצער מענטש, אַ גוטער חבר און אַ דרייסטער מענטש, וואָס שרעקט זיך פאר קיין זאַך נישט אָפּ.

יאָ, דער יידישער ארבעטער האָט געהאַט פלייסיקע און איבערגעגעבענע לערער, אָבער קיין ארבעטער האָט אַזוי שנעל נישט צעקייט די רעוואָלוציאָנערע פילאָזאָפיעס ווי דער יידישער ארבעטער, דאָס האָבן מיר געזאָגט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהאַט צו טון אי מיט רוסישע און אי מיט יידישע ארבעטער.

דער יידישער ארבעטער איז געווען דאָס וואונדער־קינד אין דער רעוואָלוציע.

די שענסטע וואונדער־מעשיות וועגן דעם יידישן ארבעטער האָב איך געהערט גראָד פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

דער זייטיקער זעט בעסער און באַמערקט דאָס, וואָס דער נאָענטער באַמערקט נישט.

XXV

די ווייצמאַנס

די יידישע אַרבעטער, די דערשלאָגענע, די פינצטערע און אָרימע, האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָרן שטאָלץ, באַוווסטזיניק און רעוואָ־לוציאָנער.

איך האָב געזען ממש מיט מיינע אויגן די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע, די דאָזיקע איבערקערעניש, די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג פון דערשלאָגענע און פינצטערע יידישע אַרבעטער אין שטאָלצע רעוואָלוציאָנערע מענטשן, מענטשן, וואָס מאָנען זייער רעכט ווי יידן, ווי מענטשן און ווי אַרבע־טער.

יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין גאַס, די גאַס האָט געקאָכט, געברויזט ממש פון זיי, אַ באַשטימטע גאַס איז געוואָרן זייערע, דאָרט פלעגן זיי זיך באַגעגענען, דיסקוטירן, לאָזן וויסן איינע די אַנדערע וועגן פאַרזאַמלונגען, וועגן דעמאָנסטראַציעס און וועגן „סכאָדקעס" (גרופּן צוזאַמענקונפטן), די דאָזיקע באַגעגענישן אין דער באַשטימטער גאַס האָט געהייסן „בירזשע". פאַרוואָס „בירזשע" — ווייס איך נישט.

אַ פּלוצלינגע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין די פינצטערע געסלעך מיט די געבויגענע הייזלעך און אין די דערשלאָגענע מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די דאָזיקע געסלעך און הייזלעך.

דער „בונד", די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט אָר־

גאַניזירט די יידישע אַרבעטער, געקנעלט מיט זיי דעם אַלף־בית פון סאָציאַליזם און פון רעוואָלוציאָנערער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט.

די יידישע אינטעליגענץ פון אַנדערע פּאַרטייען, רוסישע און ציוניסטישע, האָבן אויך אָנגעהויבן אַגיטירן צווישן די יידישע אַרבעטער.

דער יידישער אַרבעטער איז געוואָרן דער נאַשער־ביסן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. מען האָט פּלוצלינג אַנטדעקט, אַז דער דאָזיקער דערשלאָגענער יידישער אַרבעטער כאַפּט אויף שנעל די סאָציאַליסטישע תורה און ווערט דער בעסטער, פאַרשטענדיקסטער און געטרייסטער רעוואָלוציאָנער.

גלייך מיט דעם אַרויסטריט פון דעם יידישן אַרבעטער אויף דער פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער אַרענע איז אויך אַרויס דער יידישער מיטל־קלאַס.

פריער די שטילע, באַשיידענע חיבת־ציון באַוועגונג און דערנאָך דער שטורמישער פּאָליטישער ציוניזם מיט ד״ר. טעאָדאָר הערצל בראש.

דער יידישער מיטלקלאַס האָט באַקומען אַן אידעאַל ריכטיק ווי דער יידישער אַרבעטער, און אין דעם יידישן מענטש פון מיטלקלאַס איז פאָרגעקומען די זעלביקע מעטאַמאָרפאָזע, וואָס אין דעם יידישן אַרבעטער.

ער איז גיך געוואָרן נאַציאָנאַל־פּאָליטיש באַוווסטזיניק. די יידישע מיטלקלאַס מענטשן האָבן אויך געהאַט זייערע פאַרזאַמלונגען, זייערע אַגיטאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן.

ווען עס איז אויפגעקומען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, זענען היפּשע מאַסן פון די יידישע אַרבעטער אַריבער צום ציוניסטישן סאָציאַליזם. אויף די „בירזשעס", אויף די גאַסן, ווו די אַרבעטער פלעגן זיך באַגעגענען, האָבן זיך אָנגעהויבן היציקע דעבאַטן צווישן די בונדיסטן און די ציוניסטישע סאָציאַליסטן.

די דעבאַטן זענען נישט איינמאָל געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. אָפט פלעגט דאָס מויל נישט זיין גענוג איבערצייגנדיק און העגט צונויפגעקוועטשט אין קולאַקעס פלעגן אונטערהעלפן דעם מויל.

אַמאָל פלעגט עס דערגיין צו בלוטיקע געשלעגן ממש, און נישט

וויניק האָבן באַקומען מומים אויף זייער גאַנץ לעבן ווי אַ רעזולטאַט פון אַ הייסער דעבאַטע, אין וועלכער דאָס מויל און דער קולאַק האָבן אַ גענומען גלייכן אַנטייל.

עס זענען אפילו געווען פאַלן פון טויט ווי רעזולטאַטן פון אַזעלכע הייסע דעבאַטן.

אָבער דאָס איז געווען אומפאַרמיידלעך ביי אַזאַ מעטאַמאָרפאָזישער איבערקערעניש אין דעם לעבן און אין דער מענטאַליטעט פון דעם יידישן אַרבעטער.

און אין דעם ערנסט האָבן זיך אַריינגעריסן מאָמענטן פון קאָמיזם; קאָמיזם איז דער אייביקער באַגלייטער פון דעם ערנסט.

יאָ, געווען אויך אַרבעטער, וואָס האָבן נאָך נישט צעקייט גוט דעם טייטש פון אַ סך אויסלענדישע ווערטער, מיט וועלכע די געבילדעטע אַגיטאַטאָרן פלעגן זיך באַנוצן אין זייערע רעדעס.

האָט מען דערציילט אַזאַ קאָמיש מעשהלע:

אַן אָרגאַניזירטער קצב־יונג דערציילט אַ חבר זיינעם אויף דער בירזשע, אַז ער האָט געהאַט אַ דעבאַטע מיט אַ פּועלי־ציוניק. דער דאָזיקער פּועלי־ציוניק האָט זיך צעלאָזט וועגן אונדז בונדיסטן, אַז מיר זענען אַ בלינדע סטאַדע פון שעפּסן, וואָס ווערן געפירט פון אַסימילאַטאָרן.

— איז וואָס האָסטו געענטפערט? — פרעגט זיין חבר.

— איך האָב אים דריי מאָל איגנאָרירט, אַז ער האָט זיך באַ'דמ'ט, אָט מיט מיינע קצבישע ידים האָב איך אים אַזוי איגנאָרירט, דריי מאָל איגנאָרירט אין פּרצוף אַריין, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ ברמינן...

***

דער פּינסקער מיטלקלאַס האָט אויך אַזוי אויפגעלעבט.

ער איז צוגעפאַלן צום ציוניזם ממש ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר צו אַ קאַלטן קוואַל פון וואַסער.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם מיטלקלאַס איז געוואָרן בעסער אַ דאַנק דער אויפלעבונג פון דער פאַרשפּעטיקטער רוסישער אינדוסטריאַליזאַציע.

דער יידישער מיטלקלאַס אין פינסק האָט זיך „געשאַרט אַרום וואַלד־געשעפטן", אַרום „ספּלאַוון" (געהילץ, וואָס גייט מיטן וואַסער), די געשעפטן אין די קראָמען זענען געוואָרן בעסער און דער מיטלקלאַס־מענטש אין פינסק האָט געלעבט ברייט, נישט געדאַגהט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און ער איז געלאָפן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, געלאָפן הערן די נייע ציוניסטישע מגידים ווי מאַסליאַנסקין און די נייע ציוניסטישע רעדנער.

די קינדערס ,סיי די יינגלעך און סיי די מיידלעך, האָבן געלערנט העברעאיש, רוסיש — איר פּלעגט זיי זען אויף די גאַסן מיט ביכלעך לעבעדיקע, מונטערע און בליענדיקע.

דאָס יידישע לעבן איז באַנייט געוואָרן.

און פינסק, כמעט אַ דורכאויס יידישע שטאָט, האָט געלעבט און געשוועבט.

אַ טיפּישע מיטלקלאַס־פאַמיליע, וואָס דער יידישער רענעסאַנס האָט זי פאַרכאַפּט, איז געווען די וויצמאַן־פאַמיליע.

אין אַ גרויס הויז מיט אַ סך פענצטער, אויף דעם ברעג פון דעם טייך פינע, האָט געוווינט די דאָזיקע צאַפּלדיקע און טומלדיקע פאַמיליע. אין אָוונט און ביינאַכט האָט מען געזען ליכט אין די פענצטער. די טירן פון הויז האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרמאַכט. מענטשן זענען אַריין און אַרויס אין דעם דאָזיקן הויז ווי אַ טומלדיקע בירזשע: צום פאָטער זענען געקומען סוחרים, צו דער מוטער באַלעבאַטישע פרויען, צו די בחורים חברים, באַקאַנטע, צו די מיידלעך פריינדינעס, און אַ טומל איז געשטאַנען טאָג און נאַכט אין הויז. אָבער דער טומל איז נישט געווען קיין הו־האַאישער, נישט קיין כאַאָטישער און נישט קיין צעשויבערטער. דער טאַטע האָט טיכטיק געמסחרט, די קינדער האָבן פלייסיק און ענער־גיש געלערנט, פליים, געזונטע ארבעטזאַמקייט און לעבנס פריידיקייט איז געווען אין הויז. דאָס האָט נייע, פרישע ענערגיע זיך אויסגעלאָדן מיט אַזאַ רעש און געפילדער.

די וויצמאַנס האָבן אַלע גערעדט הויך און שאַרף; אַלע, אפילו די מיידלעך, האָבן גערעדט שניידיק, קערענדיק און טומלדיק. אַ וויצמאַן אין גאַס האָט מען געהערט איבערן גאַנצן גאַס זיין שטים און זיין ענער־

גישע פעסטע טריט. די ווייצמאַנס זענען מיט אַלעמען געווען גוטע ברידער, אַלעמען געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. די מיידלעך האָבּ מאַנסבּיליש, די בחורים אינטעליגענט־ווילעריש, אַלע עפּעס זיכערע און ווילערישע.

מיט באַזונדערע טאַלאַנטן איז קיין איינער פון די ווייצמאַנס נישט געבענטשט געווען.

זייער איינציקע באַגאַבונג איז געווען — זיכערקייט אין זיך. און די דאָזיקע זיכערקייט איז בפירוש נישט געווען קיין עניוותדיקע, זייער זיכערקייט האָט כסדר געשמעקט מיט אַרויספאָדערונג, אָבער מיט גלויבן:

זיי זענען כמעט אַלע געווען פּעאיק. בריהש און מען האָט עפּעס פון יעדן ווייצמאַן דערוואַרט מער, ווייל ער איז פּעאיק צו געבן.

די ווייצמאַנס זענען געווען דער סימבאָל פון דעם נייעם יידישן מיטלקלאַס אין יענע יאָרן. אַרום די ווייצמאַנס האָבן זיך קאָנצענטרירט די אַנדערע קינדער פון מיטלקלאַס.

דער אַלטער יחוס פון די לוריעס, זייער סנאָבּישער אַריסטאָקראַטיזם און זייער גבירישע גאווה, האָט אָנגעהויבן אַרויסצורופן בטולדיקע קריטיק. זייער נגידישע פאַרצערטלטקייט האָט אָנגעהויבן צו אַרויסרופן געלעכטער: נייע מענטשן, מענטשן פון פאָלק, האָבן זיך באַוויזן און זיי האָבן געלאָזט וויסן בקול רם, אַז זיי זענען גרייט צו איבערנעמען די פירערשאַפט אין דעם יידישן לעבן.

און זיי האָבן טאַקע איבערגענומען די פירערשאַפט אין יידישן לעבן.

זיי זענען געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע טוערס, זיי זענען געוואָרן די יידישע פּאָליטיקער, זיי האָבן געשאַפן די יידישע פּרעסע, די יידישע פאַרלאַגן, זייערע קינדער זענען געוואָרן די זשורנאַליסטן, די שרייבער, די גרינדער פון די נייע יידישע שולעס און פון נייע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס.

און אַלץ האָבן זיי געטון מיט ברען, מיט ענטוזיאַזם, ווי יעדער יחיד און יעדע גרופּע, וואָס איז פּיאָנעריש און רעוואָלוציאָנער.

די גבירים זענען געשטאַנען אין א זייט ברוגזע, זיי האָבן געוואַרט,

מען זאָל זיי, ווי דער שטייגער איז געווען, אונטערטראָגן די ברייטע דעה אויף אַ טעלערל.

אַנדערע זענען געווען אָפּן־פּיינטלעך צו די נייע אידעען און צו די נייע דעה־זאָגערס, וואָס האָבן זיך באַוויזן.

און מען האָט כמעט פאַרגעסן אין זיי, אין די רייכע.

אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן די יידישע מיליאָ־נערן געגלאַנצט מיט זייער אָפּוועזנקייט.

שפּעטער זענען איינצלנע, דרייסטערע און פאַרשטענדיקערע צוגע־שטאַנען צום ציוניזם, אָבער די טוער, די פּאָליטיקער און די גרויסע ציוניסטישע מאסע, זענען געווען מיטלקלאַס מענטשן און די יידישע אינטעליגענץ — די קינדער פון דעם מיטלקלאַס.

***

דריי זענען זיי געווען די יונגע מאָנסבילישע ווייצמאַנס — חיים, משה און שמואל.

חיים ווייצמאַן איז דאַן, ווען איך בין געווען אין פּינסק, געווען א סטודענט אין אויסלאַנד, און פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּלאָזן אַהיים. ער איז געווען אַ טונקעלער און א שלאַנקער, א זיכערער און אַן ענערגישער, ווי אַלע ווייצמאַנס.

און היות ווי פון א ווייצמאַן האָט מען דערוואַרט עפּעס איבער־ראַשנדיקס און עפּעס גרויסעס, האָבן פּינסקער יידן קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן, ביז די ווייצמאַנס וועלן צייטיק ווערן און קענען עפּעס אויפטון, איז בשעת חיים ווייצמאַן איז נאָך געווען בלויז אַ סטו־דענט, האָט פּינסק געקאָכט שוין מיט דערפינדונגען, וואָס חיים ווייצמאַן זאָל האָבן געמאַכט אין דער כעמיע.

און מען האָט שוין געוווסט געניי, וויפל געלט ער וועט באַקומען, אָדער באַקומט שוין פאַר זיינער אַ דערפינדונג, עס איז געווען געניי 150 טויזנט רובל.

פּינסקער יידן זענען געווען גוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין דער דערפינדונג, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען שותפים צו איר.

איך ווייס עד היום נישט, וויפל אמת און וויפל פאנטאזיע עס איז געווען אין די מעשיות וועגן חיים ווייצמאנס דערפינדונגען. ווען איך בין געקומען קיין בערן, האב איך געפרעגט סטודענטן כעמיקער וועגן חיים ווייצמאנס דערפינדונגען.

זיי האבן אבער געקוועטשט מיט די פלייצעס:

זיי ווייסן נישט, אלע ווייסן, אז חיים ווייצמאן איז א יונגער, אנגעזעענער ציוניסט, א גוטער רעדנער, א שארפער דעבאטאנט, א פעאיקער וויסנשאפטלער, אבער וועגן זיינע דערפינדונגען ווייסן זיי נישט.

וועגן זיין ריכטיקער דערפינדונג אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועגן וועלכער אלע יידן האבן גערעדט און וועגן וועלכער אויך ענגלענדער האבן גערעדט, האב איך שפעטער געהערט פארשידענע ווערסיעס.

איין ווערסיע האט צוגעטשעפעט א שותף צו דער דערפינדונג, און דוקא איינעם פון מיינע אמאליקע פריינט, טאקע אין בערן.

ער איז געווען שאץ־אנינס א שוואגער, אויך א ריגער ווי שאץ־אנין.

דער דאזיקער ריגער יידישער וויסנשאפטלער האט געארבעט יארן און יארן אין דעם בארימטן פאסטער־אינסטיטוט אין פאריז: דער דאזיקער געלערנטער זאל האבן געקומען אויף דעם שפור פון דער דאזיקער דערפינדונג.

געהאנדלט האט זיך עס וועגן דעם ווי אזוי צו פארהיטן שיס־פולווער פון ווערן פייכט. פולווער ציט דוקא צו פייכטקייט, און דאס איז דער גרעסטער שטער אין א מלחמה.

ער זאל האבן פארטרויט ד״ר חיים ווייצמאנען און אים איבער־געגעבן, אז ער, ווי א כעמיקער, זאל עס פארענדיקן, אדער אנטוויקלען און מאכן פון דעם א פולע דערפינדונג.

די דאזיקע ווערסיע האב איך געהערט פון קאמפעטענטע מענטשן, אבער דער חסרון איז געווען, וואס אט די קאמפעטענטע מענטשן זענען געווען קרובים פון דעם יידישן געלערנטן אין דעם פאסטער־אינסטיטוט.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם דאָזיקן ענין.

איך וויל בלויז אַרויסברענגען, אַז פון ד״ר ווייצמאַן האָט מען אין דער סאַמע יוגנט דערוואַרט עפּעס גרויסעס, און היות ווי ער איז לויטן פאַך אַ כעמיקער, האָט מען דערוואַרט פון אים דערפינדונגען.

מעגלעך, אַז די דערוואַרטונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו פּרי, די פּינסקער יידן און יידן בכלל האָבן זיך אפשר אביסל צוגעאיילט.

ווי די מעשה איז — די גרעסטע קרוין זיינע איז — די פּאָליטישע פירערשאַפט אין ציוניזם.

יידן האָבן אַ מדינה און ווייצמאַן איז דער צייטווייליקער פּרעזי־דענט (איצט אַן אויסדערוויילטער פאַר אַ טערמין). קיינער קען נישט זיין קיין פּרעטענדענט אויף דעם דאָזיקן הויכן אַמט מיט מער רעכט ווי ד״ר חיים ווייצמאַן.

וועגן די ייִנגערע ווייצמאַנס, וועגן משהן און שמואלן, האָט מען קיין וואונדער נישט דערציילט, כאָטש ביידע זענען זיי טיפּישע ווייצמאַנס און ביידע פּעאיקע, אָבער דער עלטערער ווייצמאַן, חיים, האָט זיי פאַרטונקלט הפּנים.

ווי דאָס פּאַסירט אין יעדער פאַמיליע, וואָס האָט איינעם אַ גאָר גערעכטענעם זון, זעט מען נישט צוליב דעם גערעכטענעם, די וויניקער גערעכטענע.

פון די דאָזיקע דריי ווייצמאַנס בין איך געווען באַפריינדעט מיט משהן.

און ווען איך האָב באַזוכט אין יאָר 1932 ארץ ישראל, האָב איך אין דעם ירושלימער אוניווערסיטעט זיך באַגעגנט מיט משה ווייצמאַן, דעם הויפּט פון דער כעמישער אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַלטע גוטע פריינט, און משה האָט גערעדט הויך דעם געשמאַקן פּינסקער יידיש, און האָט געלאָזט אויפן אָרט מיר וויסן זיין מיינונג וועגן ד״ר מאַגנעס, „מיין״ אַמעריקאַנער פּרעזידענט פון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט.

די מיינונג איז געווען נישט קיין גאָר הויכע, אָבער אַרויסגעזאָגט געוואָרן איז זי דווקא גאָר הויך און הילכיק.

די גאַנצע משפחה ווייצמאַן איז געווען ציוניסטיש. שמואל ווייצ־מאַן איז געווען אַ צייט אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, ער איז אָבער געבליבן אין סאָוועט רוסלאַנד. איך האָב וועגן אים נישט געהערט און איך ווייס נישט, צי אַנדערע האָבן פון אים געהערט.

איך בין שטאַרק מסופק, צי שמואל רעדט אַזוי הויך און אַזוי פריי אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווי ער האָט גערעדט אַמאָל אין פינסק און אין אַנדערע שטעט.

סאָוויעט־רוסלאַנד האָט דעם גוואַלדיקן כוח צו מאַכן, אַז מען זאָל אפילו אַ ווייצמאַן נישט הערן...

ווען איך בין געווען אַ סטודענט אין דער שווייץ, פלעג איך אָפט זען חיים ווייצמאַנען. דאָ איז ער געווען אַ פּריוואַט־דאָצענט (אַ מין ערב פּראָפעסאָר), דאָ איז ער אויפגעטרעטן אויף אַ דעבאַטע מיט כל המינים יידישע סאָציאַליסטן און דאָ איז ער געווען דער קאָנטיקער מיטגליד פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

די דעמאָקראַטישע פראַקציע איז באַשטאַנען פון אַ בינטל יונגע אינטעלעקטואַלן. דאָס איז געווען דער שענסטער בוקעט פון דער ציוניס־טישער יוגנט.

און ווי יעדע יוגנט איז זי געווען ראַדיקאַלער פון דעם דורכשניט־לעכן באַלעבאַטישן ציוניסט.

זיי זענען געווען ציוניסטן ווי אַלע גוטע ציוניסטן, אָבער זיי זענען געווען דעמאָקראַטן, נייע מענטשן, מיט נייע פּאָליטישע דרכים און מאַנירן.

דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן גרונט־פּרינציפּן, ניין, דאָ האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן דעמאָקראַטיזירן דעם ציוניזם, אָדער ריכטי־קער די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

און דער ראש המדברים איז געווען ד״ר חיים ווייצמאַן, דער טיפּישסטער און דער גרעסטער פון דעם שבט ווייצמאַן.

יאָ, ווייצמאַן, דער פּאָרזיכטיקער, קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיקער אין ציוניזם, איז אויך געווען אַמאָל יונג און האָט געהאַט טענות צו די אַלטע קאָנסערוואַטיווע ציוניסטן.

אָבער אַמאָל האָבן די עלטערע ציוניסטישע פּאָליטיקער זיך גע־נחתט פון דער דאָזיקער יוגנט און זיך געגרויסט מיט איר.

עס האָט געהייסן — די אַקאַדעמישע יוגנט איז אריין מיטן קאָפּ און האַרץ אין ציוניזם, און ציוניסטישע טאַטעס און פעטערס האָבן אָנגעקוואָלן פון דער לעבעדיקער יוגנט, וואָס האָט זיך ארייגעריסן ווי אַ שטורעם אין ציוניזם און האָט אַלץ עפּעס אָפּגעפרישט און געמאַכט יונג.

יאָ, איך האָב אָפט געזען חיים ווייצמאַנען, אָבער איך האָב זיך אפילו נישט באַקאַנט מיט אים.

פאַרוואָס — ווייס איך אַליין נישט.

***

די ציוניסטן זענען געווען אפּענער און פרייער. אָפיציעל איז דער ציוניזם געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד, אָבער היות ווי די ציוניסטן אין יענער צייט זענען נאָך נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, האָט די צאַרישע רעגירונג נאָך נישט פארפאָלגט די ציוניסטן.

איך האָב געהערט און געזען ה. מאַסליאַנסקין רעדנדיק אין אַ שול.

ער איז דעמאָלט געווען אין פריע מיטליאָרן. זיין שטים און זיין רעדנער־טאַלאַנט זענען געווען אין סאַמע בלי.

זיין רעדע האָט געהייסן „העצמות היבשות", יחזקאל הנביאס וויזיע וועגן טאָל, אין וועלכן עס זענען געווען צעשפּרייט טרוקענע ביינער פון מתים, און דער נביא האָט געזען ווי אויף די טרוקענע ביינער ציען זיך ארויף פלייש און הויט און זיי ווערן לעבעדיק...

די דאָזיקע וויזיע פון יחזקאל הנביא האָט זיך ממש געבעטן צו מאַכן פון איר אַ ציוניסטישע דרשה.

איז קיין אינטעלעקטועלע דערפינדערישקייט האָט דאָ ה. מאַס־ליאַנסקי נישט באַוויזן, ער האָט אָבער יאָ אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָלע־רישע קראַפט, אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט און אַ היבש ביסל דרייסטקייט.

און די דרייסקייט איז געווען אַ טאָפּלטע: ראשית, איז געווען ממש רעוואָלוציאָנער פאַר אַ מגיד צו האַלטן אזעלכע דרשות; די פרומע יידן

האָבן געקוקט קרום אויף אַזעלכע מגידים און די רוסישע צאַרישע פּאָליציי האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן אַן אויג אויף אַזעלכע רעדנער.

אָבער דאָס איז אויך געווען מאסליאנסקיס זכות: די יוגנט, וואָס איז געווען שוין רעוואָלוציאָנער, איז געקומען אים הערן. זיין אוידיטאָריום איז געווען א יונגע, וואָר־נישט־ווו פלעגט זיך דורכוואָרפן אַן עלטערער מענטש אויף זיינע דרשות. האָט איר געזען אַן עלטערן מענטש, איז עס געווען איינער, וואָס איז אָדער על פּי טעות אריינגעפאַלן אין שולעכל אין דער דאָזיקער צייט, אָדער עס איז געווען אַן עלטערער משכיל.

***

אזוי איז דאָס לעבן אין פּינסק געווען דאָן פילפּארביק און זייער ברויזנדיק. אלע גרופּן פון דער באַפעלקערונג זענען געווען פארכאַפּט פון נייע אידעען, פון דער גאָר יונגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פון די נייע שטרעמונגען.

מיין גרויסע נייגעריקייט, מיין דורשט צו זען און צו הערן נייעס, האָבן מיך געשטויסן צו אַלץ, וואָס איז ניי און פריש, און ווי צוויי, בין איך געווען א דריטער. איך בין נאָך געווען זייער יונג, האָב זיך ווייניק פונאנדערגעקליבן, האָב נישט געוואָלט זיין פּעדאַנטיש און פאַנאַטיש, האָב איך זיך געחברט מיט אַלעמען, מיטן משכיל, מיטן רעוואָלוציאָנער, מיט דעם שטרעבנדיקן נאָך בילדונג. אלע זענען מיר געווען ליב, אלע זענען געווען פאר מיר אינטערעסאַנט.

איין אָוונט האָב איך דיסקוטירט מיט א חברה היציקע יונגעלייט וועגן אחד העמס אַן עסיי. דעם אַנדערן אָוונט האָב איך געפירט קאָנספּיראַטיווע געשפּרעך מיט א באַהאַלטענעם רעוואָלוציאָנער, אַן אַנדער אָוונט האָב איך זיך מיט אַנדערע געקאָכט וועגן א נייעם בעלעטריסטישן בוך אין העברעאיש און אין רוסיש.

איך האָב געלעבט מיט אַלע חושים. איך האָב נישט געפילט די דחקות און די נויט, אין וועלכער עס איז מיר אויסגעקומען צו לעבן. איך האָב זיי מקבל באהבה געווען, נאָכמער — איך האָב זיך געגרויסט מיט זיי.

יידן הארטע און קמצנישע פּלעגן מיר זייער אָפט נישט באַצאָלן פאר מיין לערנען מיט זייערע קינדער. יידן קרעמער פּלעגן מיר מאַכן „שניידערישע" חשבונות, איך האָב עס נישט גענומען צום האַרצן.

איך האָב געלעבט און געשוועבט.

***

אינמיטן האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט אין מיין שטעטל און זיך געמעלדעט צום צאַר — צי טויג איך זיך אויס צו זיין א זעלנער אין זיין ארמיי און צו פארטיידיקן זיין טראָן.

זיינע דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אז איך בין היבשלעך קורצ־זיכטיק און מען קען אויסקומען אָן מיר.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען מיך גע־וואָלט מאָביליזירן, אָבער די צאַרישע דאָקטוירים האָבן ווידער אויסגע־פונען, אַז זעלנער אין בריליאַן זענען נישט ראוי צו זיין אין דער אַרמיי.

און איך האָב ביידע מאָל איינגעשטימט מיט דער צאַרישער רעגירונג.

עס איז אפשר געווען די איינציקע צוויי מאָל, וואָס איך האָב מסכים געווען מיט איר.

ביידע מאָל האָט מען מיך גענומען אין א שפּיטאָל פאר אויגן קראַנקע, כדי צו אויסגעפינען גענוי ווי עס שטייט מיט מיין ראיה.

און ביידע מאָל איז קיין חילוקי דעות נישט געווען צווישן די דאָקטוירים.

XXVI

אין אַ סיבירער הויז

אין פּינסק האָב איך צוויי יאָר געלעבט ביי אַ טשעקאווער פאַמי־ליע, ביי אַ פאַמיליע פון סיבירער יידן.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ זיידן, אַ באָבען, פון אַ פאָטער, מוטער און דריי קינדער, צוויי מיידלעך און אַ יינגל.

דער זיידע איז אַמאָל פאַר אַ זינד אָדער פאַרברעכן, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. וואָס איז געווען די זינד, אָדער דאָס פאַרברעכן, האָב איך נישט געקענט דערגיין, דאָס איז געווען דער סוד פון דער פאַמיליע.

אין זייער פאַרשיקונג זענען די איצטיקע באָבע און זיידע נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, זיי און זייער איינציקער זון האָבן גע־מסחרט, געקרעמערט און געמאַכט אַ פאַרמעגן, און פאַרן סוף פון דעם טערמין פון זייער פאַרשיקונג זענען זיי געווען רייכע מענטשן.

האָבן זיי נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין סיביר, און די גאַנצע משפחה איז אַוועק פון סיביר, איבערגעלאָזט די סיבירער גליקן און געקומען קיין פּינסק לעבן צווישן יידן.

ווען איך האָב זיך באַזעצט אין איינעם פון די חדרים פון דעם גרויסן הויז, וואָס די סיבירער האָבן אויסגעבויט, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ בינטל מאָדנע מענטשן — ראשית כל זענען אַלע געווען פאַר־

גויאישט, זיי האָבן גערעדט יידיש מיט אַ שטאַרקן סיבירער־רוסישן אַקצענט, דאָס יידיש זייערס איז געווען האַלב רוסיש און האַלב יידיש.

אפילו די באָבע און דער זיידע האָבן אַזוי גערעדט.

דער זיידע, פאַר וועמעס זינד די פאַמיליע איז אַמאָל אַרויסגע־שיקט געוואָרן קיין סיביר, איז שוין געווען אַן עובר־בטל, מען האָט אים נישט געהערט און נישט געזען, ער פלעגט טון און דאַווענען, זאָגן תהילים און זיך עוסקן שטיל אַרום הויז.

דער קאָפּ פון הויז איז געווען די באָבע און דער זון, אַ בלאָנד, בייכיק און זאַרגלאָז קאַצאַפּל.

די פרוי פון דעם זון איז געווען אַן אויסערסט שיינע פרוי, הויך־סיביריש געוואַקסן, מיט לאַנגע האָר, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט פאַר־פלאָכטן, פלעגט זי זיצן ווי אַ פאַרחלומטע בת־מלכה און שווייגן.

זי איז געווען גייסטיק קראַנק: אַ שטאַרקע פינצטערע מעלאַנכאָליע האָט זיך פאַרצויגן אויף איר פאַרשטאַנד, אויף איר יוגנט און אויף איר שיינקייט.

זי פלעגט זיצן ווי אַ זייטיקע, ווי אַ פרעמדע אין הויז און שווייגן.

זי האָט בלויז מורא געהאַט פאַר דער אַלטער, פאַר דער שוויגער אירער, ווען יענע קורצע, בייזע און קלוגע אַלטע פלעגט אַ קוק טון אויף איר, אָדער אַ וואָרף טון צו איר אַ בייז און שווער וואָרט, ווי אַ שטיין, פלעגט זי זיך צונויפקאָרטשען אין דרייען און בלייבן אין אַזאַ צושטאַנד לאַנג, לאַנג; בלויז איר מאַן פלעגט קענען זי אַרויסנעמען פון איר פאַרגליווערט־דערשראָקענעם צושטאַנד.

די צוויי מיידלעך — איז איינע פון זיי געווען און געבליבן אַ סיבירער שיקסל מיט בלאָנדע האָר, מיט בלויע אויגן און מיט אַ קינדישן פאַרשטאַנד.

דאָס מיידל איז געווען שיין ווי די מאַמע, אָבער אויסערסט טעמפּ און אומפעאיק צום לערנען.

דאָס צווייטע מיידל איז געווען אַ טיפּיש יידיש מיידל, שוואַרץ־חנעוודיק, מיט קאַסאָקע שוואַרצע אויגן און מיט אַ לעבעדיקן, רירעוו־דיקן יידישן פאַרשטאַנד.

דאָס ייִנגל איז נאָך געווען צו יונג, און ער האָט זיך ביז נאָר אַקלי־

מאַטיזירט אין דער יידישער סביבה, ער איז געוואָרן אַ פּינסקער יידיש יינגל, אַזוי ווי ער האָט סיביר קיינמאָל אין זיינע אויגן נישט געזען.

דער פֿאָטער פון די קינדער האָט געהאַנדלט מיט וואָס אַלע פֿאַר־מעגלעכע יידן אין פּינסק האָבן געהאַנדלט, מיט וואַלד און מיט פֿאַרשידענע מינים געהילצן.

אין שטוב איז געשטאַנען אַ יאַריד פון מעקלערס, וואָס זענען געקומען פֿאַרלייגן געשעפֿטן, איינקאַסירן מעקלער־געלט און סתם אַ שמעק טון, אַ טאַפּ טון אין וואָגן, אפשר וועט מען אויפֿן אָרט זיך צו עפּעס צושאַרן, זיך צולאַנטשען צו אַן אַנדער מעקלער.

פירן די געשעפֿטן פֿלעגט כלומרשט דער זון, אָבער די אַלטע, די באָבע, פֿלעגט זיצן כסדר ביים טיש און זיך צוהערן און זיך גוט צוקוקן, און דער זון, דער גרויסער סוחר, פֿלעגט בגנבה כאַפּן אַ קוק אויף דער מאַמען און אויפֿכאַפּן אירן אַ שטילן ווונק אָדער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ", אָדער „ניין". אַמאָל פֿלעגט זי אים אַ ווינק טון, זיך אויפֿ־הייבן פון אָרט און פֿאַרשווונדן ווערן אין אַ זייטיקן צימער, באַלד פֿלעגט דער זון זיך אויפֿהייבן און פֿלעגט אויך פֿאַרשווינדן אין דעם זייטיקן חדר.

ער פֿלעגט קומען צוריק אָדער אַן אויפֿגעלייגטער און שליסן דאָס געשעפֿט, אָדער אַ דערשלאָגענער און דערקלערן — ער מאַכט נישט דאָס געשעפֿט.

ווען איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט די מענטשן פון הויז, און דער עיקרשט מיט דער איבער זיבעציק יאָריקער זקנה, האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַ זעלטן קלוגע, אַ זעלטן דורכגעטריבענע און אַ זעלטן האַרטע סוחרטע.

און זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט קורץ און שאַרף:

— עס איז נאָך דערווייל נישט געבוירן דער סוחר, וואָס וועט מיך אָפּנאַרן, אָדער ארייננאַרן אין אַ שלעכט געשעפֿטל.

דאָס געלט, האָט זי אין אַ מינוט פון אָפּנהאַרציקייט מיר געזאָגט, האָב איך געמאַכט, איך האָב נאָך מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק דער־זען, אַז איך האָב זיך נישט אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן און איך האָב

אליין אָנגעפירט די געשעפטן, און אינגאנצן געגנט אין סיביר האָט מען געוווּסט, אַז מיך קען מען נישט נאַרן.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל פאַר די צוויי יאָר, וואָס איך בין געווען ביי די סיבירער, וואָס זי איז געווען אָפנהאַרציק.

און זי האָט אָפן און כמעט ציניש דערקלערט די סיבה פון איר אָפנהארציקייט מיט מיר:

איך האָב געוואָלט אייך לאָזן ווּיסן, אַז איר זאָלט זיך היטן, א יונגער מענטש, שיינע, יונגע מיידלעך אין שטוב...

זאָלט איר זיין פאָרזיכטיק, ווארום איך האָלט אָן אויג אויף אייך און זי האָט געהאַלטן אַן אויג.

די מיידלעך זענען געווען אין א שטענדיקן פּחד, זיי האָבן מורא געהאַט א לאַך טון און א שטיף טון אין מיין קעגנוואַרט.

זיי האָבן אומעטום געזען דער באָבעס אויגן, די קאַלטע און דורכ־עגבערנדיקע אויגן...

איך האָב זיך דערוווּסט פון האַלבע ווערטער און פון טאָג־טעג־לעכע פאַקטן, אַז די מעלאַנכאָלישע שיינע שנור מיט די פונאנדערגע־לאָזטע האָר איז א קרבן פון דער אַלטער.

איך האָב אַמאָל געהערט פון א צימער היסטערישע געשרייען פון דער מעלאַנכאָלישער שיינהייט און דאָס שטילע שיפּען פון דער שלאַנ־גישער זקנה.

באַלד האָט אַלעמען אין הויז אַרומגעכאַפּט א פּחד, אַלע האָבן דערשראָקן זיך געלאָזט אַהין אין צימער. עס איז באַלד שטיל געוואָרן, אומהיימלעך שטיל, די מיידלעך זענען אַרויס צוריק פון צימער מיט פאַרוויינטע אויגן און נאָך זיי איז אַרויס דער פאָטער א צעטראָגענער און אַן אומגליקלעכער, און שפּעטער האָט זיך באַוויזן די אַלטע, בייז, קאַלט און מכשפהדיק.

דאָס ערשטע וואָס זי האָט געפרעגט ביי מיר איז געווען — איר זענט שוין לאַנג דאָ?

און ווען איך האָב געענטפערט — אַט די רגע בין איך אַריינגע־קומען, האָט זי שעלמיש א קוק געטון אויף מיר און האָט זיך שטאַרק

מישב געווען, צי גלויבן מיר, צי נישט, און איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט באַשטימט — נישט צו גלייבן...

שפּעטער פלעגן די מעקלערס און די סוחרימלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אין שטוב, מיך כאַפּן אין גאַס און מיר דערציילן טויזנט מיט איין נאַכט וועגן אָט דער אַלטער.

אַ היפּש ביסל גוזמא און סתם אויסטראַכטעניש זענען געווען אין די מעשיות, אָבער פון אַלע מעשיות איז מיר נישט געוואָרן קלאָר — צוליב וואָס איז דער אַלטער, איר מאַן, דער איצטיקער עובר־בטל, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, אָבער קלאָר איז, אַז אַ דאַנק איר איז די פאַמיליע רייך געוואָרן און אַ דאַנק איר האָבן זיי געקענט פאַרלאָזן סיביר, איידער דער טערמין פון דער פאַרשיקונג האָט זיך געענדיקט. זי איז דאָס אומגליק פון דער פאַמיליע, אָבער זי איז אויך די רעטערין פון דער פאַמיליע.

דער זון אירער האָט אָנגעהויבן פירן אַ יידישן שטאַט אין פּינסק. ער איז געוואָרן אַ גבאי אין אַ שול, אַ טוער אין צדקה־חברות, ער איז אַריין, הייסט עס, אין דעם פּינסקער באַלעבאַטישן שטייגער פון לעבן, וואָס איז געווען ביז גאָר נאַטירלעך.

איינמאָל איז ער געקומען שבת פון שול מיטן טלית אונטערן אויבערמאַנטל ווי עס האָבן געטון אַ סך אַנדערע פרומע באַלעבאַטים.

האָב איך באַמערקט אַ שמייכעלע אויף די פאַרוועלקטע ליפּן פון דער אַלטער, און עס האָט מיך איבערראַשט די באַציאונג פון דער אַלטער צום יידישן שטאַט, וואָס איר זון פירט.

און ווען דער זון איז אַוועק אין אַ צווייטן חדר, האָט זי אַ זאָג געטון ציניש:

— מיין בן־יחיד רבלט זיך...

און איך מוז מודה זיין, אַז דאָס בלאָנדע קאַצאַפּל האָט טאַקע אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש אין דער ראָל פון אַ פרומאַק.

אָבער איך האָב עס נישט דערוואַרט פון אַן אַלטער יידישער פרוי, און איך האָב זיך גענומען צוקוקן צו איר אין דעם פּרט פון יידישקייט און איך האָב אויסגעפונען, אַז זי איז לחלוטין נישט רעליגיעז. וועגן פרומקייט איז אָפּגערעדט.

יאָ, שוין איינמאָל אָן אַלטע.

איינמאָל האָט זי מיך׳ איבערגעשראָקן, איך האָב זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט ביינאַכט און דערזען די אַלטע מיט אַ ליכט ביי מיין בעט.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרשלאָפענער און דערשראָקענער.

— גאָרנישט, שלאָפט, שלאָפט, — האָט זי אַ זאָג געטון, און איז אַרויס.

אויף מאָרגן האָב איך זיך געפרעגט, וואָס אַזוינס האָט זי געזוכט אין מיטן דער נאַכט, האָט זי שעלמיש אַ קוק געטון אויף מיר און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— עס האָט מיר געפעלט אַן איינקל אין אַ בעט, האָב איך זי געזוכט, אָבער איך האָב זי געפונען נישט דאָרט, וווּ איך האָב חושד געווען...

***

מיט דעם גאַנצן ווילן האָט די פאַרגויאישטע פאַמיליע זיך נישט געקענט אַרויסרייסן פון איר גויאישקייט, זי האָט אַלץ געטון צו ווערן אַ גוטע און פרומע פּינסקער פאַמיליע, אָבער זי איז געבליבן סיביריש־גויאיש.

דאָס גויאישע האָט זיך איינגעגעסן אין זיי ווי זשאַווער.

קיינער פון דער פאַמיליע, אויסער דער אַלטער און דער זון, האָבן נישט געקענט אויסרעדן אַ יידיש וואָרט ווי געהעריק, אין די יידישע ווערטער פלעגן זיי כראַמטשקען האַרטע „ר״ן און אַרויסזאָגן פול־מויליקע און קיילעכדיקע סיבירישע „אָ״ען און בכלל האָט זיך געהערט רוסישקייט פון אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט און געטון.

אפילו די אַלטע און דער אַלטער זענען שטאַרק פאַררוסישט געוואָרן, אַזוי פאַררוסישט געוואָרן, אַז זיי איז געווען שווער צוריקצו־קומען צום יידישן שטייגער.

די מעלאַנכאָלישע שיינהייט האָט גערעדט בלויז עטלעכע ווערטער יידיש, און פאַר איר שוויגעניש איז דאָס געווען אַ סך.

וויפל איך האָב נישט פּרובירט אַ רעד טון מיט איר, אָבער אַלץ

אומזיסט. איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ פּאַרעקשנטער שווייגעניש און אויף אַ פּאָר דערשראָקענע שיינע, בלויע אויגן.

בלויז איינמאָל האָט זי מיך אַ פרעג געטון אין רוסיש:

— ווי לערנען זיך מיינע קינדער?

איך האָב אַ קוק געטון אויף איר און אַ טיפער רחמנות האָט זיך דערוועקט אין מיר און איך האָב געענטפערט:

— גוט, זייער גוט.

איר פּנים האָט אַ לייכט געטון מיט פרייד אויף אַ רגע בלויז, באַלד איז זי צוריק אַריינגעפאַלן אין איר פינצטערן געמיט און מיט דעם האָט זיך אונדזער שמועס געענדיקט.

צום סוף איז מיר געוואָרן ענג און שטאַרק לאַנגווייליק אין דעם דאָזיקן פאַרגוואַלטן הויז, און איך האָב באַשטימט אַרויסצוציען זיך.

איך האָב עס געזאָגט דעם באַלעבאָס, דעם זון, און ער איז געווען אַביסל איבערראַשט, ער איז געווען זיכער, אַז איך פיל זיך גוט ביי זיי.

אָבער ווען איך האָב עס געזאָגט דער אַלטער, האָט זי זיך ממש דערפרייט:

— גוט, — האָט זי געזאָגט.

און מיט שעלמישער אָפנהאַרציקייט האָט זי מיר געזאָגט — מען טאָר נישט האַלטן אַ קאַץ ביי סמעטענע, דערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ סמעטענע ווי ליבע. מען טאָר נישט האַלטן אַ קאַביקל יונגן מענטש אין הויז, וווּ עס זענען דאָ יונגע מיידלעך.

ווי איר זאָלט נישט היטן יונגע מענטשן, וועט מען זיי נישט איינהיטן.

אגב זענט איר צו־קלוג פאַר מיינע נאַרישע אייניקלעך. איר קענט זיי אַרומדרייען אַרום פינגער און זיי וועלן נישט וויסן, ווער עס האָט זיי געשלייערט.

איך בין קיין נעכט נישט געשלאָפן, איך פלעג מאַכן ביינאַכט רעוויזיעס אין די בעטן, איך האָב קיין זאַך נישט אַנטדעקט.

און באַהאַלטן זיך פון מיר איז זייער אַ שווערע זאַך, איר האָט עס זיכער באַמערקט.

אָבער איך בין זיכער, אַז איר און מיינע לעמעשקעס־אייניקלעך האָבן מיך פאָרט געגאַרט...

⁂

אין אַ כמורנעם פינסקער אָוונט האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע סיביריאַקעס.

מיר האָבן לאַנג געטרונקען טיי, ביז דער בייכיקער סאַמאָוואַר האָט אויפגעהערט צו אַרויסווייזן לעבן, ער איז קאַלט און אויסגעלאָשן געוואָרן.

און איך האָב אָנגעהויבן צו געזעגענען זיך.

ווען איך האָב געגעבן די האַנט דער בלאָנדער, בלוי־אויגיקער שיקסל, האָט זי זיך צעכליפּעט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

דאָס מיידל האָט זיך פשוט צוגעוווינט צו מיר.

אָבער די אַלטע האָט געקוקט אויף מיר און געזוכט אויף מיין פּנים עפּעס אַן ענטפער.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען איך האָב געגעבן דעם אַנדערן מיידל, דער קאַסאַקער, דורכאויס אידיש אין איר אויסזען, די האַנט, זי האָט זיך אויך צעכליפּעט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

די אַנדערע זענען אַוועק טרייסטן די קינדער און איך בין געבליבן מיט דער אַלטער אַליין.

— איך וויל זיך מיט אייך געזעגענען באַזונדער, — האָט זי געזאָגט, — עס איז געווען גוט צו האָבן אַזאַ מענטש ווי איר אין שטוב, אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז איך האָב אין סיביר איבערגעלאָזט אַ גרויסע שפּע, עס האָט אויף אונדז געפּגנט מיט גאָלדענע רענדלעך. מיר האָבן בלויז באַדאַרפט זיך איינבייגן און צונויפקלייבן זיי.

מיר זענען רייך געוואָרן, שטאַרק רייך.

אָבער איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז די אייניקלעך וואַקסן אונטער, זיי וואַקסן אַלע גויעס, אַרום איז קיין ייד אויף אַ רפואה נישטאָ, איז וואָס וועט ווערן פון זיי, זיי וועלן חתונה האָבן מיט שקצים.

אויף מײן זון קען מען נישט בויען, איך דאַרף כּסדר שטײן הינטער זײַנע פּלײצעס און אונטערזאָגן אים װאָס צו טון און װאָס נישט צו טון.

און די מוטער זײערע, זעט איר דאָך, זי איז פּשוט משוגע, מען רעדט, אַז איך בין שולדיק אין דעם, זאָג איך אײך, אַז עס איז אַ ליגן. זי איז אַ ײדישע גויע און איך בין אַ ײדישע טאָכטער און עס איז אונדז פּשוט שװער אויסצוקומען.

הכּלל — איך האָב איבערגעלאָזט אַ גרויסע שפע און געלאָזט זיך צו ײדן, אין פּינסק, װו מײן פאָטער, עליו השלום, האָט געלעבט.

און דאָ ציטערט אויף מיר װידער די הויט —

פּינסקער מײדלעך װײסן װי צו אַכטונג געבן אויף זיך, זײ זענען קלוג, אָפט צו־קלוג, אָבער מײנע אײניקלעך... איר זעט דאָך.

אַ פּינסקער מײדל װאָלט זיך נישט צעװײנט פאַר אַלעמען אין די אויגן, װען איר יונגער לערער קלײבט זיך אַרוים פון איר הויז, זי װאָלט אפשר אויך געװײנט, אָבער בײ זיך אין צימער.

איך האָב מײדלװײז נישט אײנמאָל נאָס געמאַכט דאָס קישן מיט טרערן, װען מען איז יונג לאַכט מען לײכט און מען װײנט לײכט.

אָבער קײנער האָט עס נישט געזען.

יאָ, עס איז געװען גוט צו האָבן אײך, אַזאַ לעבעדיקן ײדישן יונגן מענטש אין הויז, אָבער איך בין צופרידן, װאָס איר גײט אַװעק; איך בין שוין אַלט, איך קען שוין נישט זײַן כּסדר אויף דער װאַך.

— זײַט געזונט.

און אין רוסיש:

— דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן; איך האָב מיר מײן מערכה נישט אויסגעקליבן, דער ביטערער מזל האָט די מערכה אַרויפגעלײגט אויף מײנע פּלײצעס; איך בין נישט שולדיק, װאָס מײן זון, דער װאַלד־סוחר און אַ טאַטע פון דרײ קינדער, דאַרף נאָך אַ מאַמעס פאַרטוך, איך בין נישט שולדיק אין דעם, װאָס מײן זונס קינדער האָבן נישט קײן מאַמע און איך מוז זײַן די מאַמע...

און דאָ האָט די אַלטע גענומען װישן די אויגן.

— איך האָב אין מײן לעבן קײן מינוט רו נישט געהאַט און קײן ברעקל פרײד נישט געהאַט. יאָ, גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַביסל

פארשטאנד, און אלע, אלע האבן ארויפגעלייגט זייערע פעקלעך אויף מיינע פלייצעס...

יא, אפשר האב איך פארדינט די שטראף...

יא, ווי מען בעט זיך אזוי שלאפט מען.

איך האב געהאט א מאן א שלים־מזל, האב איך, א יונג מיידל, באדארפט נעמען די זארג פון פרנסה אויף מיר, א יונג נאריש מיידל בין איך געווען. בין איך ארייגעפאלן און פארווארפן געווארן אין סיביר...

אבער איך האב דאך ארויסגעראטעוועט מיין פאמיליע...

נו, זייט געזונט, איך האב זיך צערעדט ווי א יידענע, וואס גייט אייך אן, איר גייט אוועק און מארגן פארגעסט איר אינגאנצן אין אונדז.

און פארגעסט טאקע, געדענקט דאס ביסעלע גוטע, דוכט זיך, אז מיר האבן אייך באהאנדלט גוט, דערמאנט אונדז נישט צום בייזן.

איך בין אוועק און טאקע פארגעסן אינגאנצן דאס הויז מיט א סך גרויסע פענצטער און מיט א סוד, וואס קיינער, קיינער האט נישט געקענט דערקלייבן זיך צו אים.

XXVII

יידישע מאַגנאַטן

אַ פּאָר יאָר האָב איך געלעבט אין אַ גליקלעכער גייסטיקער שכרות. עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו קלערן וועגן אַ תכלית: איך האָב געלערנט, געטומלט זיך און געווען דער זאָרגלאָזסטער מענטש.

אָבער פּלוצלינג האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך בין נאָך ווייט, זייער ווייט פון מיין ציל, וואָס מיין אַמאָליקער לערער אין שוסטע־רישן בית־המדרש האָט פאַר מיר געשטעלט.

די לאַגע פון אַ יידישן לערנענדיקן אָרימען יונגן מענטש איז אין רוסלאַנד געווען אַ זייער שווערע: וועגן אָנקומען אין אַ מיטל־שול איז גאָר קיין רייד נישט געווען. אַהין האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט מענטשן מיט שטאַרקע עלנבויגנס: קינדער פון רייכע עלטערן, קינדער פון דאָק־טוירים און פון פּריווילעגירטע.

לערנען אַליין און האַלטן עקזאַמען איז אויך געווען זייער שווער: איך האָב געהאַט חברים, וואָס האָבן שוין צען מאָל געהאַלטן עקזאַ־מענס און זענען דורכגעפאַלן. זייערע רייכע תלמידים זענען שוין געווען אין די לעצטע קלאַסן און זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געקענט דורכשפּאַרן זיך אין רעאַל־שול. שוין געווען צווישן זיי אַלטע בחורים, וואָס זענען פאַרחושכט געוואָרן אויף די עלעמענטאַרע לער־ביכלעך, דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ גוטער בילדונג, מיט גוטן וויסן, אָבער ביי דעם איינפאַכסטן עקזאַמען זענען זיי דורכגעפאַלן.

איך האָב געפּרוווט האַלטן דעם עקזאַמען אויף אַ גאַנצן קורס פון אַ מיטל־שול, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל דורכפאַלן ווי אַלע מיינע חברים.

די צאַרישע רעגירונג האָט אונדז נישט געוואָלט קרוינען מיט אַטעסטאַטן.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך באַשטימט, אַז איך לאָז זיך אַוועק קיין אויסלאַנד. איך האָב אַוועקגעוואָרפן די לערער־ביכער און בין געוואָרן אינגאַנצן אַ לערער. 12־13 שעה אַ טאָג פלעג איך געבן לעקציעס. איך האָב געאַרבעט שווער און ביטער צוויי יאָר, ביז איך האָב אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט.

דערפילט אַביסל געלט אין קעשענע, האָב איך באַשטימט אַוועק־צולאָזן זיך קיין אויסלאַנד. בינו לבינו האָב איך געפּטרט דעם פּריזיוו און איך האָב אָנגעהויבן „כלאַפּאָטשען" וועגן אַן אויסלענדישן פּאַס־פּאָרט. איך האָב ליקווידירט אַלע מיינע לעקציעס און געווען גרייט אין וועג אַריין. אָבער דאָ האָט זיך עפּעס פאַרהאַלטן מיין אויסלענדישער פּאַספּאָרט. איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טון און איך בין אַוועקגע־פאָרן צו מיינעם אַ חבר, וואָס איז געווען אַ לערער ביי אַ יידישן מאַגנאַט אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון פּינסק.

דער דאָזיקער קליינער און אומוויכטיקער צופאַל האָט מיך פאַר־פּלאָנטערט אַזוי, אַז מיין ציל איז אָפּגערוקט געוואָרן אויף צוויי יאָר. מיין צופעליקע באַגעגעניש מיט דער משפּחה פון אַ יידישן מאַגנאַט האָט מיך, דעם אָרימען „עקסטערן", געקאָסט זייער טייער.

איך, דאָס אָרימע שעפעלע, בין, אַזוי גוט, ווי פאַרצוקט געוואָרן פון אַ וואָלף, אָבער צוליב מיין אייגענער שולד.

די מעשה איז געווען אַזוי:

אין אַ קליין, חושכדיק און פאַראָרימט שטעטל בין איך אַריינ־געפאַלן צו געסט צו מיין חבר. גאַסן קרומע, הייזלעך צעהויקערטע און מענטשלעך ווי טרויעריקע שאָטנס דרייען זיך אַפּאַטיש אַרום.

צווישן דעם הייפל קבצנישע הייזלעך שטייט איין הויז אַ גע־מויערט, אַ געלבלעך. דאָס הויז שטייט אין צענטער, אויפן מאַרק. דאָס הויז שטייט ברייטלעך־נגידיש, עפּעס בייכיק, רויט־האַלדזיק און

צופרידן, און אַרום דעם געמויערטן הויז שטייען דערשראָקענע, אונ־טערטעניקע און געבויגענע די אַלע אָרימע, קליינע הײַזלעך.

אין דעם דאָזיקן געמויערטן הויז זיצט דער נגיד — דער יידישער מאַגנאַט.

די פאַמיליע אין הויז איז גרויס: דער יידישער מאַגנאַט האָט צען קינדער, ניין פון זיי באַווייבטע און באַמאַנטע, זיי האָבן שוין אויך אַ סך קינדער און אייניקעס שוין אפילו אייניקלעך.

נישט אַלע, פאַרשטייט זיך, וווינען אין הויז, אָבער אַלע קומען אין הויז; פון די אָרומיקע וועלדער און הייף, וואָס דער מאַגנאַט האָט, קומען זיי. צום הויז ציט זיך אויך דאָס גאַנצע שטעטל יידן, וואָס רייבן זיך אַרום דעם מאַגנאַט. דאָס הויז האָט גרויסע, העסלעכע צימערן און אין די צימערן שטייט אַן אייביקער יאַריד פון אינדערפרי ביז בײַנאַכט.

געלט, געלט, דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס גראַגערט, גרילצט און הילכט אין דער לופט דעם גאַנצן טאָג.

געלט! דאָס דאָזיקע וואָרט רייסט זיך אַרוים דאָ מיט ווילדער פרייד און דאָ מיט שרעק, דאָ מיט געוויין און דאָ מיט האָפערדיקייט, דאָ מיט רציחה און דאָ מיט תחנונים, דאָ מיט אונטערטעניקייט און דאָ מיט גאווה.

און אין מיטן זיצט דער אָפּגאָט, דער אַלטער מאַגנאַט, צו וועלכן אַלע קולות ציען זיך, צו וועלכן דאָס וואָרט „געלט" איז געווענדט.

דער מאַגנאַט אַליין איז אַן אַלטער ייד אין אַ וואַטאָווער קאַפּאָטע, אַ ייד מיט בייזע, שטעכעדיקע אויגן, אַ ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, מיט גראָבע, מגושמדיקע פּאות און מיט גלאַנציקע, האָריקע הענט.

ווי אַן אור־אַלטער אָפּגאָט זיצט ער און אַלע פּרעפּעלן אַרום אים, ווי געצנדינער.

פרעמדע, קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך קוקן מיט שרעק אין זיינע אויגן, און זאָגט ער עפּעס מיט אַ הייזעריקער, שווערער און אומהיימלעכער שטים, ווערט שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין.

זיין וואָרט איז געלט...

ער רעדט שטרענג, כסדר עפּעס מיט כעס און כסדר בייז.

ווען ער רעדט, קוקט ער אויף קיינעם נישט.

און אַלטיטשקע, אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע מיט אַ פּאָר קליינע, גוטע, דערשראָקענע אייגעלעך דרייט זיך אַרום אין שטוב ווי אַ פאַרלוירענע, דאָס איז די פרוי פון מאַגנאַט: זי ווייסט גאָרנישט, וואָס מען טומלט, זי פאַרשטייט גאָרנישט, זי דרייט זיך אַרום ווי אַ יתומהלע, דערשרעקט זיך כסדר פאַרן מאַן, טוליעט זיך צו די דערוואַקסענע קינדער, צו די אייניקלעך און אור־אייניקלעך, אָבער קיינער גיט זיך נישט אָפּ מיט איר, אַלע קוקן אויפן אַלטן, אויף דעם גרויסן דיקטאַטאָר.

יונגע מיידלעך און בחורימלעך, אייניקלעך קוקן אויף דעם פּנים פון דעם אַלטן, זוכן אַ געלעגנהייט צו חנפהנען זיך צו אים און אויס־פּועלן ביי אים עפּעס.

גיט ער מיט אַמאָל אַ זאָג:

— עטל, קום אַהער, אַ גרויסע מויד, קיין עין־הרע נישט, אויסגע־וואַקסן, וואָס, דו ביסט נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין די ביכלעך! מילא, קליגער וועסטו פון זיי נישט ווערן, מילא, דוד, וועגדט ער זיך באַפּע־לעריש צום פאָטער פון דעם מיידל, זאָל זי לערנען דערווייל, נאָך פרי צו חתונה האָבן...

און עטל, אַ יונג מיידל, הויך און פעסט געוואַקסן, מיט לאַנגע צעפּ און מיט בלויע אויגן ווערט רויט, לאָזט אַראָפּ די אויגן און רוקט זיך אָפּ אַ פאַרשעמטע און אַ גליקלעכע...

און פלוצלינג שניידן זיך אַריין זיינע אויגן אין אַ דערשלאָגענעם ייד און אַ שלעכטע, הייזעריקע שטים וואַרפט אויף אַלעמען אַ פּחד.

— ווו איז די קליעפּקע (ברעטלעך פאַר פעסער)? זי האָט שוין באַ־דאַרפט זיין אין מעמעל, ווו איז זי? איך וועל פון דיר די הויט אַראָפּ־שינדן, אויף מיין שוועל וועסטו נישט קומען, איבער די הייזער וועל איך דיך לאָזן גיין, אַ שיינער מעקלער ביסטו, אַ דרדקי־מלמד באַדאַרפסטו זיין און נישט קיין מעקלער פון האָלץ.

דער ייד ציטערט, שטאַמלט עפּעס.

און דער אַלטער לאַכט:

— זעט ווי דער סוחר קוקט אויס, אַ לעמעשקע ביסטו, אין באָד אַריין דאַרפסטו רופן, כאַ, כאַ.

און אַלע פרעמדע, קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך לאַכן...

די זין זענען אַלע פּשוטע יידן. שטענדיק אונטערטעניק צו דעם טאַטן, זיי זענען אויך האַרטע יידן, אַזעלכע געלט־גייציקע, אַזעלכע פּאַר־מסחרטע ווי דער טאַטע. אָבער עפּעס נישט קיין זעלבסטשטענדיקע מענטשן זענען זיי, ווייל דער אַלטער האַלט זיי כסדר אין אָפּהענגיקייט פון אים. זיי האַנדלען נישט זעלבסטשטענדיק, עפּעס זענען זיי אַלע אָנ־געשטעלטע ביי אים. בלויז די צוויי יינגסטע זינדלעך זענען שוין אַביסל היינטוועלטיקע. איינער שרייבט געצירקלט אַן אַדרעס און דער לעצטער, דער מוזיניקל, לערנט זיך שוין רוסיש, חשבונען ביי מיין חבר.

דערפאַר זענען די פינף־זעקס שוויגער־טעכטערלעך פרייער מיטן אַלטן: זיי זענען ווייבלעך דורכגעטריבענע, קליגער, געשיקטער און וועלט־לעכער פון די מענער, באַאַרבעטן זיי דעם שווער מיט ווייבערישע חנד־לעך. דער אַלטער האָט אַ שוואַכקייט צו זיינע שניר.

זיי קענען אַלע אים אַזוי גוט הנפהנען און צוגיין צו אים מיט פּו־טערדיקע ריידעלעך.

— שווער־לעבן, געבן אייך אַ גלעזל טיי, שווער־לעבן, איר האָט זיך באַדאַרפט אַביסל צולייגן. שווער־לעבן, איר שטרענגט זיך אָן צופיל. און אַלץ איז פאַרן שווער, טוט מען אָן אַ ניי קלייד, איז עס פאַרן שווער, האָט מען אַ קינד איז פאַרן שווער, און אַלע פלייסן זיך פאַרן שווער מיט זייערע קליידער, מיט זייערע קינדערלעך און מיט זייער שיינקייט.

האָט דער שווער ליב אַן איינקיל מער ווי אַן אַנדער אייניקל, איז די שנור גליקלעך און די אַלע איבעריקע שניר ברענען און בראָטן זיך פון קנאה. פּוצט מען די קינדערלעך, מען לערנט זיי חכמותלעך, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם שווער.

דאָס גאַנצע לעבן פון דער גרויסער פאַמיליע איז קאָנצענטרירט און אָנגעשטרענגט צו געפעלן, צו אויסנעמען, צו געפינען חן ביים אַלטן.

און געפינט מען חן, בעט מען אויס עפּעס פאַר די מענער, פאַר זיך און פאַר די קינדער.

און דער אַלטער קאָן אַלעמען דורך און דורך, אַ קלוגער, דורכגע־טריבענער ייד, ווייסט ער ווי צו צו־טיילן זיין גנאָד אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט ווערן צו־פיל יחסן, צופיל אומאָפּהענגיק.

ער איז זייער צוגעלאָזן צו זיין פאַמיליע, אָבער די צוגעלאָזנקייט

איז געמישט מיט הארטן חשבון; ער האלט אלעמען אין מורא, ער קוקט אלעמען אויף די פינגער און קיין זאך איז פון אים נישט פארהוילן. דער־זעט ער אויף איין שנור א טייערן פעלץ, מאכט ער א הקירה ודרישה, ס׳טייטש, מען פארטאכלעוועט געלט, און אז איינע טראגט אזא פעלץ, וועלן דאך אלע וועלן, און אלעמען פעלצן איז דאך דאס א מוראדיקע פארשוועגדעריי. ער, דער אלטער טאטע, האט קיין כוח נישט צו הארע־ווען, צו ברעכן דעם קאפ אויף פעלצן.

און די ווייבלעך ווערן צעטומלט: עס ווערט א לעקעריי, א חניפהריי, ביז דער שווער ווערט ווייך און אין איין פרימארגן זענען אלע שניר אנגעטון אין גוטע פעלצן. און ער, דער אלטער, שטעלט אוים די שניר, באטראכט זייערע פעלצן, גיט יעדן א קניפ אין באק מיט צוויי פינגער און זאגט:

— טראג געזונטערהייט.

און די שמחה איז גרויס.

אבער דער דאזיקער דיקטאטאר ווערט גאר אן אנדערער ווען א פריץ קומט צו אים אריין.

אין שטוב ווערט שטיל, אלע צעגייען זיך אויף די שפיץ־פינגער, דער אלטער ווערט אונטערטעניק, ער כאפט אראפ די יארמולקע, הייבט אן שטאמלען און קריכן אויף אלע פיר פארן פריץ.

און דער פריץ ליגט אין זיינע הענט, ער איז אייגנטלעך דער פריץ, ווארום אלץ וואס דער פריץ פארמאגט, איז שוין ביי אים, אדער עס איז אפגעקויפט, אדער עס איז פארמשכונט.

כמעט אלע לייכטזיניקע און שוואכזיניקע פוילישע פריצים פון דער גאנצער געגנט זענען אין זיינע הענט, אלע זענען אים שולדיק געלט, אלעמענס וועלדער האקט ער, אין אלעמנס הייף האט ער זיינע מענטשן, זיינע זין און קרובים.

אבער דער פריץ איז פארט א פריץ, א קבצן, א האלעדריגע, אבער א פריץ, ער ווערט בטל פאר אים, ער שטייט כעבדא קמא מרא פאר אים.

דאס איז אבער איידער דער פריץ בעט געלט, איידער דער פריץ שרייבט אונטער א קאנטראקט. קומט צו דעם, איז דער אלטער הארט

ווי אַ שטיין און דער פּריץ צאַפּלט זיך אין זיינע הענט ווי אַ פישל אויף דער ווענטקע.

אָט אין אַזאַ סביבה בין איך צופעליק פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ קורצער צייט.

די וואַרטעניש אויף מיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט האָט זיך פאַר־צויגן. איך האָב געמוזט בלייבן אין שטעטל לענגער. איך האָב געוווינט אין אכסניא. אַ ריינינקע, אַ שטילינקע אכסניא. די דאָזיקע אכסניא איז אויך געווען אונטערן אויג פון דעם אַלטן מאַגנאַט. דאָס האָט ער זיינע אַ קרובה איינגעאָרדנט די דאָזיקע אכסניאַלע און די געסט זענען געווען כסדר דעם אַלטנס משפחה. ווער עס האָט נישט געפונען קיין געלעגער אין דעם אַלטנס מויער, פלעגט גיין צו חיה־ריבהן, די אכסניא איז אַזוי אַרום געווען עפּעס אַן אָפּטיילונג פון דעם אַלטנס הויז.

שטיל און איינזאַם פלעג איך זיצן איבער מיינע ביכלעך אין אַ צימערל פון דער אכסניא. בלויז צו עסן פלעג איך זיך באַגעגענען מיט דער „משפחה", אין אָוונט פלעג איך אַריינקומען אין געלן הויז, צו מיין חבר.

אַ פּיקאַנטער פאַרשוין בין איך געווען פאַר דעם דאָזיקן וועלטל. אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרף צינגל, אַ פרייער, אַ שטאָלצער און אַ זאָרג־לאָזער, וואָס שטייט אויפן וועג קיין אויסלאַנד צו שטודירן.

איך האָב שוין דעמאָלט געשריבן און דאָס האָט זיך באַלד צעטראָגן און מען האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר מיר. דער אַלטער פלעגט מיר קלאַפּן איבער דער פּלייצע, געווען מיט מיר אַזוי־צו־זאָגן גוט־ברודעריש און פלעגט אונטערשטרייכן, אַז ער איז אַ וועלטלעכער מענטש. די עלטערע זין האָבן פּשוט זיך געשראָקן פאַר מיר און פלעגן מיך אויסמיידן. די עלטערע ווייבלעך פלעגן מיך נאָך מער אויסמיידן. דערפאַר זענען די יינגערע שניר, די יינגערע זין און אייניקלעך שטאַרק באַפריינדעט גע־וואָרן מיט מיר. עפּעס איז זיי, די קליינשטעטלדיקע, געפעלן געוואָרן אַזאַ נייער מענטש, וואָס שרעקט זיך פאַר קיינעם נישט און האַלט זיך אומ־אָפּהענגיק שטאָלץ און אפילו אביסל עזותדיק. און דער אַלטער, דער אַלטער אַליין, קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע און לאַכט פון מיינע ווערטלעך...

— מען זאָגט מיר, אַז איר שרייבט קריטיקע, איר נעמט אַ מענטשן, הייסט עס און קריטיקירט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פּיס — און רופט אייך קנאַק־ניסל.

— זאָגט מיר, מעג מען עס? איז לית דין ולית דין? אָט נעמט איר, למשל, און קריטיקירט מיך אָפּ, און גאָרנישט, פאַרפאַלן, לייענט אַ וועלט און לאַכט אין די הויפּנס, און איך קען גאָרנישט טון. ניין, עס קען דאָך נישט זיין, אַ וועלט איז דאָך נישט הפקר!

דערקלער איך אים, אַז עס איז דאָ אַ דין און אַ דיין, מען טאָר פּער־זענלעך איינעם נישט אָנרירן, מען קען אָנקלאָגן אַזאַ איינעם, און מען שרייבט נישט פּערזענלעך וועגן דעם, אָדער יענעם מענטש, מען שרייבט בכלל וועגן מענטשן און אַ סך דערקענען זיך ווי אין אַ שפּיגל.

— איז ווי, למשל, וועט זיין, ווען איר וועט נעמען מיך און אָנרופן מיט אַן אַנדער נאָמען, קען דער סאַנד גאָרנישט טון?

— ניין, ער קען גאָרנישט טון.

און אויב איינער דערקענט זיך, דאַרף ער מאַכן אַ שווייג, און נישט טון ווי יענער נאַר, וואָס רופט זיך אָפּ ווען איינער שרייט — נאַראָנים פון באָד אַרויס.

— אַזוי, אַזוי, — קייט דער אַלטער די געדיכטע באָרד זיינע — הייסט עס, ווי ישעיה הנביא זידלט יידן, שטראָפט יידן, אָבער רופט, חלילה נישט אָן קיין נעמען, — האָט זיך דער אַלטער באַרואיקט.

— איצט זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, איז עס אַ פּרנסה אַזאַ, מען קען האָבן חיונה פון דעם?

פּרוביר איך דערציילן דעם אַלטן, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע שרייבער, וואָס מאַכן בעסערע געשעפטן, פאַראַן אַזעלכע, וואָס מאַכן קלענערע, ווי אין אַלע געשעפטן, נישט אַלע, וואָס מסחרן זענען רייך.

— איך האָב נאָך אַזעלכע בעלי־פּרנסות נישט באַגעגנט, און איר מאַכט פּרנסה פון אייערע קריטיקעס?

— דערווייל נאָך נישט, עס איז אַ זייער האַרבע און זייער שווערע פּרנסה, מען דאַרף לאַנג לערנען און אַרבעטן.

— פּאָרט איר, הייסט עס, אין אויסלאַנד לערנען זיך ביי די דייטשן די דאָזיקע מלאכה, די דייטשן קענען אַלץ, אהא, די דייטשן...

— איך פאַר שטודירן, שרייבן קען מען זיך נישט אויסלערנען, אָדער מען קען, אָדער מען קען נישט.

— אַזאַ חכמה איז עס, אַלץ אויף דער וועלט קען מען זיך אויס־לערנען.

— ניין, נישט אַלץ קען מען זיך אויסלערנען, אַט זענט איר אַ סוחר, עס זענען דאָ אַ סך אַנדערע סוחרים, און זיי מאַטערן זיך, פּלאָגן זיך און ווערן נישט רייך, און איר זענט רייך און שטאַרק געוואָרן.

געפעלט דעם אַלטן מיין ענטפער, אָבער עס געפעלט אים נאָך מער דער וויכוח מיט מיר און ער גיט אַ זאָג:

— און וואָס איז מכוח השגחה, פון דעם האַלט איר הפּנים גאָרנישט.

— איך האַלט דווקא יאָ, אָבער איך וויל נישט מאַכן דעם אַלמעכטיקן פאַר אַ שותף צו אייערע מסחרים, איך בין מסופק, צי דער רבונו של עולם וויל זיין אַ שותף צו זיי.

ווערט דער אַלטער אַביסל שטרענג, ער זעט אַן אָפענע אַנצוהערע־ניש וועגן דער נישט דורכאויס כשרקייט פון זיינע מסחרים.

אָבער ער פאַרלירט זיך נישט, און גיט מיך אַ פרעג:

— איר האָט עפּעס אַ ידיעה אין מסחר? איר האָט אַמאָל געהאַנדלט? אפשר זענען גאָר מסחרים ערלעך, עס איז פּרנסה, און די תורה פאַרבאָט נישט קיין פּרנסה, און וועגן יושר אין מסחר — עס איז דאָ יושר, אָבער צו יושר דאַרף מען האָבן אויך אַ ביסל שכל.

— קען מען זיך אויסלערנען צו זיין קלוג? — פרעג איך אים.

ער האָט הפּנים נישט געוואָלט פירן אונדזער וויכוח אויף דער דאָ־זיקער ליניע און ער האָט אים איבערגעריסן.

אָבער וויכוח האָט שוין אַזאַ טבע, האָסטו אָנגעהויבן מיט איינעם אַ וויכוח, וועסטו אים נישט איבעררייסן אויף שטענדיק.

עס איז אַ געפּעכט, און קיינער וויל זיך נישט אונטערגעבן, מען קען אָפּלאָזן אויף אַ ווייל, ווען מען פילט זיך שוואַכער, אָבער מען נעמט אים אויף ווידער, ווי נאָר מען פילט זיך ווידער שטאַרק.

און דער אַלטער איז געווען קלוג און שאַרף.

און ער האָט זיך נישט געקענט אונטערגעבן, בפרט נאָך, אַז ביים וויכוח זענען געווען אַנוועזנדיק זיינע איידעמס, שניר און אייניקלעך.

אין א פאָר טעג אַרום נעמט ער ווידער אויף דעם וויכוח:

— איר וואָלט געווען אַ גוטער סוחר, פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט נעמען צו מסחר?

— איך וואָלט געווען אַ שלעכטער סוחר, איך ווייס עס גענוי, — ענטפער איך.

— פאַרוואָס? — פרעגט דער אַלטער מיט גרויס נייגעריקייט.

— ווייל איך בין נישט פאַרקאַכט אין געלט, איך בין פאַרקאַכט אין עפּעס אַנדערש.

— ניין, יונגערמאַן, אין געלט זענען אַלע פאַרקאַכט, איר פאַרט דאָך אין אויסלאַנד לערנען, כדי שפּעטער צו מאַכן געלט, מער געלט און מער געלט.

דאָ האָב איך שוין דעם וויכוח איבערגעריסן, מיר זענען פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל.

און דער זקן האָט אַריינגעשמייכלט אין זיין באָרד אַריין.

ער איז נישט געווען קיין למדן און סתם קיין לערנער, אָבער אַ מענטש מיט כאַראַקטער איז ער געווען.

און פאַרוואָרפן אין אַ העק, אין אַן אָרים שטעטל, האָט ער באַוויזן צו דערשלאָגן זיך צו רייכקייט און צו מאַכט.

ער האָט געוווסט, אַז ער שטייט העכער פון די אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום, ער האָט זיי עס געלאָזט פילן אויף שריט און טריט.

פון די פּריצים, מיט וועלכע ער האָט געפירט געשעפטן און רייך געוואָרן פון זיי, האָט ער נישט געהאַלטן; זיי זענען געווען צעלאָזענע, נאַרישע עולם־הזהניקעס און מיאוסע בעלי־תאוות.

ער איז מיט זיין גאַנצער רייכקייט געבליבן אַ פאָלקס־מענטש, ער האָט געלעבט שפּאָרעוודיק און זיך געקליידט אָרים.

ער איז געווען פרום, טראַדיציאָנעל־פרום, אָבער אָן אינערלעכן ברען און אמתער רעליגיעזיטעט.

ער האָט געלעבט ווי אַלע יידן און געווען פרום ווי אַלע יידן.

XXVIII

דאָס אייניקל פון דעם מאַגנאַט

אין מיין אכסניא, איבער דער וואַנט פון מיין צימער, האָט געוווינט אַן אייניקל דעם אַלטנס, אַ יונג מיידל. זי האָט זיך געלערנט. פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט פלעג איך הערן ווי זי לערנט, לערנט מיט אַ ישיבה־בחורישער התמדה. זי פלעגט אַרויס פון איר צימערל נאָר צום עסן.

אַ מיידל פון 17־18 יאָר, הויך געוואַקסן, מיט לאַנגע, לאַנגע צעפּ און מיט אַ פּאָר אַזעלכע צניעותדיקע בלויע אויגן, אַז איך פלעג נישט האָבן די העזה צו אַריינקוקן אין זיי, איז געווען דאָס אייניקל.

מיך האָט איבערראַשט די גוואַלדיקע התמדה פון דעם מיידל. עפּעס אַ מין פּרוש אין אַ קליידל איז זי געווען. זי פלעגט נישט אַרויס־גיין ממש מפתח ביתה, נאָר צוויי מאָל אין וואָך, פרייטיק און שבת, פלעגט זי גיין צום אַלטן, אָדער צום זיידן, און דאָרט, ביים אַלטן, האָט מען שטאַרק געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מיידל. דער אַלטער אַליין האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדער שוואַכקייט צו דעם דאָזיקן אייניקל זיינעם, און די אַלע שניר און אייניקלעך פלעגן צעפּוקעט ווערן פון קנאה.

דער אַלטער האָט דאָס דאָזיקע מיידל אַזוי ליב געהאַט, אַז מען האָט גערעדט שטיל, אַז זי וועט חתונה האָבן מיטן מוזינקל זיינעם, מיט דעם, וואָס לערנט זיך ביי מיין חבר רוסיש. דאָס מוזיניקל, וואָס איז געווען אַ פעטער דעם מיידלס, איז געווען מיט איר כמעט אין די זעלבע יאָרן.

אַ פּאָר וואָכן זענען דורכגעגאַנגען און איך האָב מיט דעם מיידל ממש קיין דריי ווערטער נישט אויסגערעדט.

אַ פּרוש אין אַ קליידל, זיצט על־התורה ועל־העבודה, נעמט נישט אַרויס די אויגן פון בוך.

אַ גביריש טעכטערל, דאָס ליבסטע אייניקל פון אַלטן, די צוקונפ־טיקע כלה פון מוזיניקל — וואָס גייט זי מיך אָן? אגב, איז זי פּאַרטון אין לערנען, און זי זעט קיינעם נישט און אינטערעסירט זיך מיט קיינעם נישט.

אין איין פינצטערן, שטורמיש־שנייאיקן אָוונט האָט עמיצער שטיל אָנגעקלאַפּט אין מיין איינזאַם צימערל. איך האָב געעפנט די טיר און פאַר מיר איז געשטאַנען דאָס מיידל מיט אַ בוך אין האַנט.

איר איז עפּעס נישט פאַרשטענדלעך אין דעם לער־בוך פון פיזיק, צי קען איך איר נישט דערקלערן. איך האָב זיך גענומען צו דעם האַרבן ענין און אים איינגעביסן ווי עס איז און מיר זענען באַקאַנט געוואָרן.

אויף מאָרגן קלאַפּט זי אין מיין ווענטל.

— קומט אַריין אין מיין צימער, העלפט מיר פונאַנדערקלייבן זיך אין אַ שטיקל רוסישע ליטעראַטור־געשיכטע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום פלעגן מיר שוין זיין צוזאַמען שעהען לאַנג.

אַ מאָדנע מיידל, שטיל, פאַרקלערט, צניעותדיק און צוריקגעהאַלטן, אָבער אַמאָל, ווען זי לאַכט, איז זי עפּעס פאַרשייט, זי איז אגב קלוג און עפּעס ביז גאָר דערפאַרן...

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ מיידל מיט אַ גוטן קאָפּ און מיט פיינע קענטעענישן.

זי קען אויסגעצייכנט העברעאיש, זי איז גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, זי איז פריי־דענקעריש און זייער געשייט.

אין אַ קורצער צייט ווערן מיר שטאַרק באַפריינדעט און איך דער־זע פאַר זיך אַ דורכגעטריבן מיידל; פון צניעות איז גאָר קיין רייד נישט, זי איז אַ געשייט מיידל, אַ מאַנסביל איז פאַר איר נישט קיין סטראַשילדע און אויך נישט קיין מיסטעריע...

הכלל — אַ דערוואַקסענער מענטש און אַ דערוואַקסענע פרוי.

זי איז אפילו בייסיק, קען גוט איר סביבה און האָט זי פיינט בתכלית השנאה.

אָפט פלעג איך זיך דערשרעקן פאַר איר פעביקער שנאה צו אירע אייגענע און נאָענטע. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אין עצם קיין שנאה, נאָר בלויז אומצופרידנקייט, וואָס באַפאַלט יונגע מענטשן אין דעם־אָ עלטער.

ביסלעכווייז דערוווּס איך זיך מער און מער:

זי קלייבט זיך אָפּגעבן אַן עקזאַמען פאַר אַ מיטל־שול; זי איז, הייסט עס, אַן עקסטערן ווי איך.

מיר זענען, הייסט עס, ממש חברים, מענטשן פון איין וועלט און פון איין חדר.

אין אַ פאָר טעג אַרום ווערט נאָך אַ סוד אַנטפּלעקט פאַר מיר:

נאָכן עקזאַמען פאָרט זי קיין אויסלאַנד.

און בסודי־סודות, מיט אַ ציטערנדיקער שטימע דעקט זי מיר אויף איר גרעסטן סוד און נעמלעך:

נאָכן עקזאַמען אַנטלויפט זי קיין אויסלאַנד, זי מוז אַנטלויפן!

טאַטע־מאַמע, זיידע און באָבע, פעטערס און מומעס וועלן זיך ממש לייגן אונטער די רעדער פון באַן און זי נישט לאָזן פאָרן.

וועט זי אַנטלויפן.

זי וועט שוין געפינען אַ וועג.

און אין אַ פאָר טעג אַרום זענען מיר שוין די אינטימסטע פריינט; איך בין דאָך שוין כמעט אַן אויסלענדער, איך שטיי אויפן וועג, זענען מיר שוין קאָלעגן, איך דאַרף איר העלפן, און געבן איר פון אויסלאַנד אַלע נייטיקע ידיעות.

אַ סוד פאַרבינדט שטאַרק צוויי מענטשן, בפרט נאָך אַ פּעקל סודות און בפרט נאָך ווען די צוויי מענטשן זענען אַ יונגער בחור און אַ יונג מיידל.

מיר ווערן וואָס אַ טאָג אַלץ נענטערע פריינט.

און איך ווער ממש נשתומם פון דעם טאַלאַנט פון פרויען צו מאַס־קירן זיך און צו לעבן צוויי לעבנס.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אָט די דאָזיקע צנועהלע, דאָס דאָזיקע

שטילינקע מיידל איז צו 18 יאָר אינגאנצן א רייפער מענטש און דער עיקרשט א רייפע פרוי.

און אין אַ רעגנדיקן אָוונט איז געזעסן אַ יונג יידיש מיידל און דערציילט פאר א יונגן יידישן בחור די קורצע, אָבער זייער פארפלאָנ־טערטע געשיכטע פון איר יונג לעבן.

יאָ, דער זיידע איז דער אומבאשרענקטער געביטער און האר אין דער משפחה.

דער אלטער זיידע דולדעט נישט קיין קליגערע, קיין בריהשערע און קיין זעלבסטשטענדיקע מענטשן אין דער גאנצער משפחה.

ער וויל האָבן געהאָרכזאמע קנעכט.

און ער האָדעוועט זיי אויס.

זיין וואָרט איז א געזעץ, א באפעל און א פאראָרדענונג פון א קאָ־מאנדיר.

ער גיט זיינע באפעלן צו די קינדער, און די קינדער פירן זיי דורך אויף זייערע קינדער, אויף זייערע פרויען און אייניקלעך.

ער האלט דעם שליסל צו דעם פארמעגן און צו דער קאסע אין זיי־נע הענט.

קיינער פארמאָגט גאָרנישט אין דער משפחה, אַלץ איז דעם זיידנס, און ער טיילט אויס יעדן זיין חלק לויט זיין איינזען, אָדער לויט זיינע קאפריזן.

ביז אכט־ניין יאָר איז זי געווען אין דעם זיידנס א מאיאָנטעק, וואָס אַ פריץ האָט פארמשכונט ביים זיידן, און דער זיידע האָט אין דעם דאָ־זיקן מאיאָנטעק באזעצט איר פאָטער, מוטער, ברידער און שוועסטער.

דער פאָטער אירער האָט געבראכט דעם זיידנס באפעל פון שטאָט: זי דארף נישט לערנען, א מיידל דארף נישט לערנען.

אָבער ביים רבין, וואָס מען האָט געהאלטן פאר אירע ברידער, האָט זי זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש און אפילו א ביסל העב־רעאיש. הערנדיק ווי ער לערנט מיט אירע ברידער, האָט זי זיך אויסגע־לערנט.

ווען דער טאטע אירער איז געווען ביים זיידן, האָט ער פארביי־

גייענדיק דערציילט חידושים וועגן זיין טאַכטערל, וואָס האָט זיך אויס־געלערנט לייענען, שרייבן און העברעאיש אָן א רבין.

— ברענג מיר אָקאָרשט דאָס מיידעלע אהער, ווען דו וועסט קומען אין שטאָט, איך וויל עס זען מיט מיינע אויגן, האָט דער זיידע געזאָגט צו איר פאָטער.

און אין א וואָך אַרום איז דאָס מיידעלע געשטאַנען פאַרן זיידן אַרומגערינגלט פון איר מאַמען, טאַטן, מומעס, פעטערס און שוועסטער־קינדער, און דער זיידע האָט מיט א שמייכל אַ זאָג געטון:

— נו, באַווייז וואָס דו קענסט, באַווייז וואָס דו האָסט זיך אויסגע־לערנט אָן א רבין און אָן א לערער, לאָמיר זען און הערן.

דער טאַטע האָט געבראַכט א ספר, אַ טינט און פעדער און דאָס מיידל האָט געלייענט ווי א וואַסער און געשריבן מיט די קליינע הענט־לעך פלינק און גוט.

דער זיידע איז גערירט געוואָרן:

— שלמה, אזא מיידל דאַרף מען לערנען, זי האָט דאָך א מאַנצבילשן קאָפּ אויף זיך.

דער פאָטער, די מוטער און דער עיקרשט דאָס מיידל, האָבן געשיינט פון גליק.

דאָס קליינע מיידל האָט פון גרויס גליק אַרומגעכאַפּט דעם זיידן און האָט אים געקושט...

עס איז געווען אַ סענסאַציע.

אָבער פעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער זיינען געווען זיכער, אז דאָס האָט מען דאָס מיידל אויסגעלערנט, אז די גאַנצע מעשה איז א צוגעגרייטער ספּעקטאַקל, און זיי האָבן געשיפּעט ווי שלאַנגען. ווי די מעשה איז, פון דעם טאָג אָן האָט אויפגעפלאַמט א ליבע צווישן זיידן און אייניקל.

טאַטע־מאַמע זענען געווען גליקלעך, אָבער די פעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער זענען געווען צערייצט ווי היות פון קנאה.

הכלל — דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן לערנען פריער ביי א רבין דער־נאָך ביי א לערער.

און ווען זי איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט דער זיידע באַפוילן צו ברענגען זי אין שטעטל.

אין שטעטל איז דאָ אַ סטודענט און ביי אים וועט זי נעמען לעקציעס.

מיט פרייד איז זי געקומען אין שטאָט און זיך באַזעצט אָט ביי חיה־ריבהן, אין וועלכן הויז מיר געפינען זיך איצט.

דער לערער האָט געלערנט מיט איר און מיט דעם זיידנס מוזיניקל, איר פעטער, וואָס איז מיט איר פון איינע יאָרן, צוזאַמען.

דאָס מיידל האָט זיך אַרויסגעוואָרפן אויפן לערנען מיט אַ גוואַלדיקן ברען, דעם זיידנס מוזיניקל איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון איר, און דער לערער האָט געמוזט לערנען מיט איר באַזונדער.

דעם זיידן איז עס שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט עס דורכגעלאָזט.

מיטן יונגן רוסישן לערער אויג־אויף־אויג צוויי־דריי שעה אַ טאָג, איז מען פריער שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן און דערנאָך פאַרליבט געוואָרן איינער אין אַנדערן, ווי דער שטייגער מיט יונגע מענטשן.

די יונגע ליבע, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צווישן דעם לערער און תּלמידה, האָט אָבער נישט געשטערט נישט איר און נישט דעם לערער צו לערנען.

זיי האָבן זיך געליבט און געלערנט.

און גליקלעך זענעןביידע געווען, גליקלעך אָן אַ ברעג.

ימים־טובים פלעגט קומען דער פאָטער און נעמען זי אַהיים, עס איז געווען אַ מנין אין הויז און זי איז געווען מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך.

אין איינעם פון די צווישן־טעג פון די ימים־טובים איז דער פאָטער געקומען אַהיים פון זיידן עפּעס גאָר גליקלעך, אַזוי גליקלעך האָט זי אים קיינמאָל נישט געזען.

דער פאָטער האָט זיך געקושט מיט דער מוטער, די מוטער איז עפּעס רויט געוואָרן פון איבערראַשונג.

דאָס מיידל האָט געפילט, אַז דער מאַמען איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ סוד, וואָס זי דאַרף פאַרטרויען איר, דער טאָכטער.

און פאַרן שלאָף האָט זיך די מוטער צוגעזעצט אויף איר בעט און האָט איר פאַרטרויט דעם סוד.

באמת א גרויסער און וויכטיקער סוד.

א גליקלעכער סוד און נעמלעך:

דער זיידע וויל, אז עס זאָל זיין א שידוך צווישן זיין מוזיניקל און איר, זיין אייניקל, זי זאָל חתונה האָבן מיט איר יונגינקן פעטער, ווען זי וועט אַלט ווערן 17־18 יאָר און דער פעטער 20 יאָר.

— עס איז א גליק, טאָכטערל, אַ גרויס גליק, טאָכטערל, וואָס דאַרף מען גיין זוכן גליק ערגעץ אנדערש, ווען דאָס גליק קלאַפּט אין טיר אריין און בעט זיך, מען זאָל עס אַריינלאָזן...

דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן אויף טויט, זי האָט זיך צעוויינט און האָט איינגעגנורעט איר פּנים אין קישן.

די מאַמע האָט אָבער דאָס אָנגענומען, אז דאָס וויינט איר טאָכטערל פון גרויס גליק, זי האָט אַ קוש געטון דאָס טאָכטערל און איז אוועק א גליקלעכע צום פאָטער איבערגעבן אים די רעאַקציע אירע אויף דער נייעס.

אָבער אין די נאָענטסטע טעג האָבן אירע עלטערן הפּנים באַמערקט, אז די טאָכטער איז שוין גאָרנישט גליקלעך מיט דער גרויסער גליקלעכער בשורה, וואָס זיי האָבן איר געבראַכט פון שטאָט; די טאָכטער האָט אויפגעהערט שלאָפן, עסן און סתם באַגעגענען זיך מיט מענטשן, זי איז געוואָרן בלייך און מעלאַנכאָליש.

זי האָט קוים דערלעבט דעם סוף פון די ימים־טובים.

צוריק אין שטעטל, האָט זי זיך אריינגעוואָרפן אין לערנען נאָך מיט מער התמדה, זי פאַרשיכורט, זי באַטויבט זיך מיטן לערנען.

אָבער די ליבע צווישן זיידן און אייניקל צעפלאַקערט זיך וואָס א טאָג אַלץ מער און מער.

דער זיידע געפינט אויס יעדן טאָג נייע מעלות אין איר, ער ווערט אַלץ מער און מער איבערראַשט פון אירע פעאיקייטן, פון איר שאַרפן קאָפּ און פון איר כאַראַקטער.

— כאָטש איינער אין דער פאַמיליע מיט כאַראַקטער, זאָגט דער אַלטער, וואָס האָט אַליין צעבראָכן יעדן מיט א ביסל כאַראַקטער אין

משפחה און האָט אכטונג געגעבן עפּעס מיט שרעק, אַז קיינער זאָל נישט ווערן זעלבסטשטענדיק.

הכלל — מיט דעם אייניקל האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם.

און דאָס מיידל לערנט און באַשטימט אַרויסצורייסן זיך פון דער שטיקנדיקער סביבה.

באַמערקט האָב איך, אַז נישט קוקנדיק אויף איר שנאה צו דער גאַנצער סביבה, איז איר גאָר שטאַרק געפעלן די באַזונדערע ליבע, וואָס דער זיידע ווייזט איר אַרויס, זי גרויסט זיך אַפילו מיט דער דאָזיקער באַזונדערער ליבע און אויפמערקזאַמקייט מצד דעם דעספּאָטישן זיידן.

איך האָב אָבער נישט באַמערקט דעם עיקר און נאַטירלעך — דאָס „רעוואָלוציאָנערע״ מיידל איז אין עצם טיף איינגעוואָרצלט אין איר סביבה, אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז זי וועט זיך פון איר נישט קענען אַרויס־רייסן.

מיך האָט הפּנים פאַרכאַפּט די פאַרשווערונג קעגן דעם דעספּאָטישן זיידן, איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר מיט לייב און לעבן. יוגנט...

זי איז אַזוי נישט קריטיש, זי איז אַזוי לייכטגלויביק און אַזוי שיין־לייכטזיניק.

פּלעגן מיר אָפּזיצן אָוונטן און פאַנטאַזירן וועגן אויסלאַנד, וועגן אַ שענערער צוקונפט...

וואָס זאָג איך פאַנטאַזירן, ניין, אַלץ איז געווען אַזוי קאָנקרעט, אַזוי זיכער, עס איז געווען ממש אַ שטיקווירקלעכקייט, וואָס דו קענסט ממש אָנטאַפּן מיט די הענט.

פאַרשטייט זיך, אַז גאָר אַ סך האָט צוגעהאָלפן דער פאַנטאַזיע די איינזאַמקייט אין שטעטל, די שטילקייט, די אָרימקייט אַרום, די אָרימ־קייט פון דער נאַטור און פון די מענטשן, דער דעספּאָטישער זיידע מיטן וואַטאָוועך רעקל און די גאַנצע סביבה, וואָס איז אָנגעזעטיקט ממש מיט לאַנגווייל און מיט נודאָטע.

איך אַליין האָב נישט באַמערקט, אַז דער לאַנגווייל און די נודאָטע פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל האָט מיך געשטופּט צו ווערן אַ שותף, אָדער אַ מיט־פאַרשווערער צו אַ קינדישער אַוואַנטורע.

אמאָל פלעגט מיך אַרומכאַפּן אַן אומרואיקייט, עס האָט זיך מיר געוואָלט אנטלויפן פון שטעטל, אָבער די ווארטעניש אויף מיין פאַס־פּאָרט האָט מיך צוגעבונדן.

און די פארשווערונג איז געווען א מין צעשטרייאונג, א מין אָנ־כאַפּעניש אין א שטיקל אינטערעס און אין א שארפער איבערלעבונג.

זענען מיר געזעסן לאנגע, לאנגע אָוונטן און זיך ממש פארשיכורט מיט רייד.

⁂

איצט האָט זי שוין נישט געהאט נויטיק צו מאסקירן זיך פאר מיר, און איך האָב געזען פאר זיך אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך דורכגעלעבט און איז דערפארענער פון מיר אין גאָר א סך הינזיכטן.

און א שארף צינגל האָט דאָס מיידל, זי לאכט אוים גיפטיק דעם אלטן, איר טאטע־מאמע, אירע פעטערס, אירע שוועסטערקינדער און דעם חתנדל, איר פעטער אפילו, וועלכן מען האָדעוועט פאר איר.

זי האָט זיי אַלעמען פיינט, זי האסט די גאַנצע סביבה, זי האָט פאַר קיינעם קיין גוט וואָרט נישט.

און פאר דער וועלט איז זי די זעלבע רביצקע, צנועהלע, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן.

יאָ, הפּנים, אַז פארשטיקטער האָס איז שאַרפער ווי אָפענער, הפּנים אַז געגנבעטע פרייהייט איז צעבושעוועטער ווי אָפענע.

אַ שאַרף מיידל איז זי געווען אין אַלע פּרטים. איך, א 22־יעריקער יונגערמאַן, בין געווען גאָרנישט דער ערך נאַאיווער, אומשולדיקער און קינדישער פון איר, פון דעם 18־יעריקן מיידל.

אָבער דאָס איז קיין נייעס נישט, פרויען ווערן רייפער אין אַלע הינ־זיכטן פאַר די מענער.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ סך יידישע מיידלעך פון רייכע און פרומע פאַמיליעס און אפילו יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן געפירט אַ פרומען שטאַט, זענען בשתיקה אָט אַזעלכע.

איך האָב הפּנים צו יענער צייט נאָך גאָרנישט געקענט קיין פרויען.

איך האָב באַקומען מיין פּאַספּאָרט, די טעג פון מיין אָפּפאָר זענען געווען נאָענט.

אין די לעצטע טעג איז אונדזער פריינטשאַפט געוואָרן גאָר א וואַרעמע: דאָס מיידל האָט אָפּגעלאָזט אירע ביכלעך און, גאַנצע טעג און נעכט זענען מיר געזעסן און פאַנטאַזירט וועגן אויסלאַנד.

און אין די לעצטע צוויי טעג זענען מיר שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן שוין גערעדט צו לערנען צוזאַמען אין אַן אוניווערזיטעט אין אויסלאַנד, אַז מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט צעשיידן.

דאָס מיידל האָט מיר פּלוצלינג געגעבן אַ בריוו צו איבערלייענען: דער בריוו איז געווען געשריבן צו אַ סטודענט און געשיקט אויפן אַדרעס פון זיינעם אַ פריינט. אין בריוו שרייבט זי אים, מיט אַ מערקווירדיקער אָפנהאַרציקייט, אַז זי רייסט אָפּ אירע באַציאונגען מיט אים, זי האָט ליב אַן אַנדערן און זי פאָרט מיט אים אין אויסלאַנד לערנען.

דאָס איז געווען העראָאיש פון איר זייט און עס האָט זיך געפאָדערט אויך הערָאאישקייט פון מיין זייט און איך בין נישט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשטאַנען.

דעם לעצטן טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרן איז דאָס מיידל געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע און איז מיט מיר אָפּן אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל איינקויפן פאַר מיר, וואָס מען דאַרף אויפן וועג.

זי איז נעגאַנגען נאָך ווייטער:

זי האָט מיך אָפּגעפירט אויפן וואָקזאַל, וואָס איז געלעגן עטלעכע מייל פון שטעטל, אויף די פאָר פערד, אויף וועלכע איר פאָטער איז געקומען צום אַלטן פון זיין הויף.

זי איז מיט מיר געפאָרן איבערן שטעטל צום וואָקזאַל.

זי איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש...

אין די לעצטע טעג האָבן מיר אויך מיין חבר אַריינגעצויגן אין אונדזער „פאַרשווערונג״.

אונדזער יוגנטלעכער, נאַאיווער ברען האָט דעם דאָזיקן אומוויכטיקן ענין געהייליקט ווי אַ גרויסן הערָאאישן טאַט: מיר גייען אַרויסרייסן אַ יונגע, בענקנדיקע נשמה פון אַ דומפּיקן זומפּ, מיר גייען טון

די גרויסע מצוה פון פדיון־שבויים, און מיט נאָך און נאָך שיינע פלי־טערלעך האָבן מיר באשאָטן די דאָזיקע לייכטזיניקע פארשווערונג.

מיר האָבן זיך אין דעם חושבדיקן שטעטל געפילט ווי לעגענדאַרע ריטער, וואָס גייען באפרייען א יונגע פרינצעסין, וואָס זיצט א געפאנגענע ביי א באנדע פינצטערע גזלנים.

יאָ, די היים־בלוטיקע יוגנט, שיין זענען אירע כונות און קליין זענען אירע טאָטן...

דאָס פוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט זענען דערשינען

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַזע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן

31) שמחה פּאָליאַקעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) ערשטער באנד
49) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) צווייטער באנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן (זכרונות)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָגבוך)
יאָנאס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן
שלום אש: פּעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן)
י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
ד״ר פיליפּ פרידמאן: אָשוויענטשים
בעלכאטאָוו (זאמל־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

פנחס ביזבערג: שבת־יום־טובדיקע יידן
רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער
יוסף אקרוטני: אין קלעם
קאדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארס
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

★

מאיר קאַראַנאַ שרייבט וועגן מנשה אונגערס בוך „פשיסכע און קאָצק" („דער וועג", מעקסיקע, 30טער אפריל 1949):

מיט שטאַרקן אינטערעס האָב איך געלייענט, איינמאָל און נאָכאַמאָל, מנשה אונגערס בוך „פשיסכע און קאָצק". מנשה אונגער ברענגט פאַר אונדז ארויס אַן עפּאָכע אין יידישן לעבן. ער פירט פאַר אונדז דורך אַ גאַלעריע בילדער פון רבישע און חסידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געמאַכט געשיכטע, יידישע געשיכטע, האָבן געבראַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן און האָבן געענדערט דעם גאַנצן פּרצוף־פּנים פון יידישן פאָלק, נישט נאָר אין זייער צייט, נאָר אויך פאַר אַ סך דורות נאָך זיך; אפילו נאָך ביז היינטיקן טאָג, אין אונדזער מאָדערנער צייט, זענען נאָך גאַנץ בולט די שפּורן (כאָטש אין אַנדערע פאַרוואַנדלונגען) פון יענער געשיכטע־מאַכנדיקער צייט.

און ווי כ'האָב פריער געזאָגט, איז נישט דאָס וויכטיקסטע וואָס

עס ווערט דערציילט, נאָר דער אופן ווי אַזוי עס ווערט איבערגעגעבן; די פאַרבן מיט וועלכע די בילדער ווערן געמאָלן און — די אינטימע וואַרעמקייט מיט וועלכער די געשיכטעלעכע עפּיזאָדן ווערן פאַר אונדז פאַרגעשטעלט.

אַט לייענט:

„דער רבי ר' בונם (פון פּשיסכע) לערנט אונדז, אַז יעדע מצווה דאַרף געטון ווערן בסוד־סודות, בחדרי חדרים פון זיין האַרץ אַליין, נישט בלויז דאַרף די מצווה געטון ווערן פאַרהוילן פון אַנדערע, נאָר אפילו פון זיך אַליין. דער עיקר עבודה, זאָגט רבי ר' בונם, איז צו קומען צו דער מדרגה פון אמת. ווייל יעדער תנועה — לערנט ער מיט זיינע חסידים — וואָס האָט אין זיך אַ פּניה, אַ פאַלשע כוונה, איז גלייך ווי מען וואָלט געדינט צו עבודה זרה. וואָרן וואָס איז די נפקא מינה, צי אַ מענטש דינט אַ פרעמדע עבודה זרה, צי ער דינט זיך אַליין?"

לייענט נאָך:

„דער אַפּטער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: „בשעת עס האָט אויפגעלויכטן אין דער וועלט דאָס ליכט פון בעל שם טוב הקדוש, איז דער שטן, ימח שמו, שטאַרק מבולבל געוואָרן און ער האָט געפרעגט: אָנה אני באָ — וואָס וועל איך איצט טון?... און ער איז געפאַלן אויף אַ המצאה: ער איז אַוועק צו די צדיקי הדור און האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי ווי איר האָט ווייניק חסידים, וועל איך אייך, פון מיין זייט, צושטעלן חסידים..."

און מיט וויפל חסידישן ברען און לעבעדיקע פאַרבן מנשה אונגער שילדערט עס די באַרימטע דין תורה וואָס איז פאָרגעקומען פאַרן אַפּטער רבין, צווישן די פּשיסכער חסידים און זייערע קעגנער. לייענענדיק דאַכט זיך אויס, אַז אָט זעען מיר אַליין צו, און מיר הערן קלאָר אַלע טענות און דעם גאַנצן גאַנג פון דער דין תורה. און דער מחבר איז דאָ ווייט נישט אָביעקטיוו. מ'פילט ווי ער לעבט מיט, מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט די פּשיסכער. דער לייענער ווערט מיטגעריסן מיט דער צעוואַרעמטקייט פון מחבר, מ'ווערט אָנגעשטעקט מיטן פּשיסכער דרך אין חסידות און ביים לייענער צעפלאַמט זיך אַ כעס אויף די יעניקע וואָס האָבן די פּשיסכער גערודפט.

פאַר דער פּטירה האָט דער רבי ר' בונם געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„ווען מ'וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, איך זאָל מאַכן אַ טויש מיט אברהם אבינו וואָלט איך נישט געוועזן געוואָלט, ווייל סיי ווי סיי וואָלט גאָט נישט מער געוועזן געהאַט ווי איין אברהם אבינו און איין בונם. טאָ וואָס איז דער חילוק ווער דאָס וואָלט געוועזן? שוין גלייכער איך זאָל בלייבן איך, ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן..."

מיט אַ מוסטערהאַפטער באַלויכטונג ציען זיך אין בוך „פּשיסכע און קאָצק" גאַנצע סעריעס לעבעדיקע בילדער און פאַרבן־רייכע שיל־

דערונגען פון עפּיזאָדן, סיטואַציעס, געשעענישן אין דער חסידישער וועלט. צוזאַמען מיט דעם ווערן אַרויסגעבראַכט רבישע תורות און סתם זאָגעכצן און ווערטלעך פון יענע גרויסע פּערזענלעכקייטן, רביים, די בויער פון חסידות. און דווקא דורך די שיחות חולין זייערע ווערט אַרויסגעבראַכט דאָס ליכט, דאָס אייגנאַרטיקע געשטאַלט און דער אייגנאַרטיקער דרך אין חסידות פון יעדן רבין באַזונדער.

און אָט גייען פאַר אונדז פאַרביי אַ גאַלעריע פון ריזן־געשטאַלטן אין דער חסידישער וועלט. אַלע, דאַכט זיך, צווייגן פון איין בוים, פון פּשיסכע, אָבער יעדער צווייג אין זיך צעוואַקסן אין אַ פאַרזיכדיקן בוים. און יעדער בוים מיט זיין באַזונדער געשטאַלט, מיט זיינע אייגענע פאַרזיכדיקע וואָרצלען, צווייגן און בלעטער. און יעדער בוים מיט זיין אייגנאַרטיקן מין פּרוכט; יעדער מיט זיין גאַנג אין זיין באַזונדערן וועג. און יעדער — אַן אָנהויב פון אַ נייער רבישער דינאַסטיע.

און אָט קומט אַרויף דער פלאַם־פייערדיקער ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער (קאָצקער רבי) מיט זיין נייעם דרך אין חסידות, אַ דרך וואָס איז אינגאַנצן מבטל די ערד מיט אַלץ, וואָס איז ערדיש. איין וועג איז נאָר דאָ — דער וועג צום הימל.

איז וואָס העכער ר׳ מענדעלע קאָצקער איז געפלויגן צום הימל אַלץ איינזאַמער איז ער געוואָרן. אפילו די שאַרפסטע מוחות פון זיינע חסידים זענען נישט אימשטאַנד געוועזן מיט אים מיטצופליען. און דער חסידישער המון ווידער, איז אַלץ מער געוואָרן ערדישער, וואָס העכער דער קאָצקער רבי איז געוואָרן הימלישער. און צווישן קאָצקער רבין און זיינע חסידים איז דער מרחק געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער.

די חסידים:

„זיצן הונדערטער יידן ביי גוט געדעקטע טישן. מען עסט פיש און פלייש, און ווייַן גיסט זיך פון די פלעשער. צענדליקער יונגעלייט לויפן אַרום איבער די טישן און טיילן גרויסע חלקים פלייש און כסדר הערן זיך אויסגעשרייען ווי אין אַ שענק מיט שיכורים. פון מאָל צו מאָל ווערט שטיל אין בית המדרש און איינער אַ חסיד, וועמען דער קאָצקער רבי האָט אפילו נישט געקענט, ווינטשט דעם עולם „לחיים” און שרייט האַלב שיכור־לעך: „עבדו את ה׳ בשמחה”, אונדזער רבי זאָל לעבן האָט אונדז געהייסן משמח זיין”.

און דער קאָצקער רבי שרייט:

„די וועלט שטינקט! שקצים,

נואפים, אַרויס פון דאַנען!... ווער האָט אייך געהייסן, איר קויטיקע ווערעם, פאַרדרייען מיינע ווערטער, אַזוי מחלל זיין מיין דרך!...״

איך ווייס נישט, צו וועלכער ס׳איז אַנדערער געשיכטע־שרייבער וואָלט אימשטאַנד געווען אַזוי טיף צו פאַרשטיין, אַזוי דורכדרינגענדיק צו באַנעמען און אַזוי קלאָר צו באַגרייפן די עפּאָכע „פּשיסכע און קאָצק״, ווי מנשה אונגער.

און עס איז גאָרנישט קיין וואונדער.

ווייל —

דאָ וועל איך אייך מגלה זיין אַ סוד, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַז דער מענטש, מנשה אונגער, וועלכן איר קענט דאַכט זיך פּערזענלעך, איז אין דער אמתן אבסאָלוט נישט ער, נישט דער וועמען איר זעט אַזוי אויבנאויפיק. ער לעבט שוין יאָרן לאַנג אונטער אַ מאַסקע (פאַרוואָס ער האָט עס געטון ווייס איך נישט. דאָס איז זיינס אַ זאַך) ער האָט זיך פאַרמאַסקירט אין אַ ראַזירט פּנים, אין גלוי־ראש און אין אַ מאָדערנעם קורצן ראָק. אָבער ווען איר זיצט מיט אים פּנים אל פּנים און פירט מיט אים אַן אינטימען שמועס און איר קוקט זיך גוט אין אים איין, פאַלט מיטאַמאָל אַראָפּ די מאַסקע און איר דערזעט פאַר זיך אַ באַקאַנט רבייש פּנים, מיט באָרד און פּיאות: עס זיצט מיט אייך אַ חסידישער רבי וואָס איז באַקליידט מיט אַ לאַנגער זיידענער זשיפּיצע, מיט אַ גאַרטל, מיט אַ הויכער סאַמעטענער יאַרמעלקע, פון וועלכער עס שיינט אַרויס אַ חסידיש־לומדישער שטערן, מיט רבנישע פּיקחישע אויגן, וואָס זענען פאַרטיפט אין תורה, חסידות און יראת שמים, און פון וועלכע עס לייכט אַרויס דער אײדעלער אָפּגלאַנץ פון דורות רבישער דביקות. אָט דער אמתער ר׳ מנשה, וועלכער האָט מיט דער מאַמעס מילך איינגעזויגן אין זיך די פאַרשידענע חסידישע שיטות, אָט דער איז עס געווען ביכולת מיט אַזאַ אינטימקייט און מיט אַזאַ לעבעדיקייט צו שאַפן דאָס ווערק „פּשיסכע און קאָצק״.

דערפאַר איז דאָס בוך אַזוי עכט, לעבעדיק און זאַפטיק, ווייל ס׳איז געשריבן מיט עכטער חסידישער וואַרעמקייט און מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צו די, אים אַזוי נאָענטע אינטימע לעבנס־בילדער. און פון זיך אַליין, אַזוי לייכט, גיסט זיך אַריבער, די זעלביקע חסידישע וואַרעמקייט, פונעם מחבר צום לייענער.

און טאַקע דערפאַר איז דאָס בוך „פּשיסכע און קאָצק״ אַן אוצר אין דער יידישער ליטעראַטור.

Este libro fué terminado el 31 de
Mayo de 1949 en los Talleres
Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231
Buenos Aires